STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01570

TSVISHN VILN UN ONMEKHTIKEYT

Yehiel Yeshaia Trunk

Permanent preservation of this book was made possible
in memory of Attorney Mitchell J. Arkush and Selma Arkush
by Carole, Howard, Evan and Ellen Arkush

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


ה. ד. נאמבערג
1916

י. י. טרונק

צווישן ווילנע און אָנמעכטיקייט

(ה. ד. נאָמבערג)

(פּרווו פון אַנאַליז און כאַראַקטעריסטיק)

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע

Printed in Poland

I. I. TRUNK

Cwyszn wyln un onmechtykajt

קאָרעקטור — מ. פּאָרלע[illegible]ער

געדרוקט אין 1.000 עקזעמפּלאַרן

Spółdz. Wydawn. „Kultur-Liga“

Warszawa — 1930

Druk. „GRAFIA” W-wa, Nowolipki 22.

„Nackt sah ich beide, den grössten und den kleinsten Menschen: allzuähnlich sind sie einander."

„Die Erde ist dann klein geworden und auf ihr hüpft der letzte Mensch, der alles klein macht. Sein Geschlecht ist unaustilgbar wie der Erdfloh."

ניטשע.

„Also sprach Zarathustra".

פליגעלמאַן.

ערשט קאפּיטל.

אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווו די ווילנס, די מעגלעכקייטן און פערספעקטיוון זענען באַדייטנדיקער, ממילא אימפּאָזאַנטער, פון דעם, וואָס איז דערווייל געטון און דערגרייכט געוואָרן, צווישן די יידישע שריפטשטעלער מיט די „פולע הער- צער" און גרויסע צוזאָגן, איז די דערשיינונג פון ה. ד. נאָמ- בערג פון גאָר באַזונדערער באַדייטונג. אין דער עקסטאַטישער *) באַרוישונג פון די אידעאַליסטישע יידישע שריפטשטעלער צייכנט זיך בולטער אָפּ דאָס אינטערעסאַנטע פון נאָמבערגן, אַלס פער- זענלעכקייט. ער איז נישט דער קעגנזאַץ פון דעם אידעאַליסטישן יידישן שריפטשטעלער, ווי ס'איז, למשל, י. מ. ווייסענבערג און די נאַטוראַליסטישע שול נאָך ווייסענבערגן. בלוט פון זייער בלוט און פלייש פון זייער פלייש שטייט ה. ד. נאָמבערג צווישן די אידעאַליסטישע שריפטשטעלער אין דער יידישער ליטעראַטור, דאָך איז ער דער אויסדרוק פון זייער אַנטוישונג: יענע טראַגישע אויסניכטערונג, וואָס דראָט ס'רוב דאָרט, אַווו די האָפנונגען זענען צו גרויסע. זוכט ווער דעם וועג צום איבער-מענטש, ער גראָד טרעפט דאָרט אויף יענעם שווערן מיזאַמען וועג טייל מאָל דעם לעצטן מענטש — די פּלוי. אָט-אָ די טראַגישע איבעראַשונג, אַזביים ענד-ציל פון מענשטלעכן האָפן וואַרט נישט דער זיג נאָר די אַנטוישונג, זי דראָט אַ יעדן קאַמף, אַ יעדעס האָפן. אונזער מענטשלעכער שיקזאַל. וואָלטן מיר געהאַט שריפטשטעלער

*) זע י. י. טרונק: „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור"

מיט ווירקלעך גרויסן וועלט-באַוווסטזיין, ממילא מיט מער כוח און כאַראַקטער, דאַן איז פאַר די אַלע אַנטוישונגס-מעגלעכקייטן נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. דאָס באַדייטנדיקסטע פון קולטור און פון אַלע גייסטיקע דערגרייכונגען איז דאָך סוף-כל-סוף דאָס זוכן: דער שווונג פון דעם ווילן. צו קאָנען זיך באַגניגענען מיט דעמדאָזיקן, געהער צו די גאָר גרויסע גייסטער, צו די גרויסע פאַרלאַנגען. ווילן איז דער וועג צו מענטשלעכער גרויסקייט. (אויך דאָס אַנטלויפן פון מענטשלעכן צום איבער-מענטשלעכן איז נישט שטענדיק דער סימן פון ווערטפולן גייסט). ביי אונזערע יידישע שריפטשטעלער איז נאָך דערווייל קיינער נישט צוגעקומען צו דער מדרגה פון קאָנען זיך אינערלעך דערהויבן איבער אַלע אַנטוי-שונגס-מעגלעכקייטן: וואַגן. מיט יעדן ספינקס שפּילן זיי קאַץ-און-מויז-שפּיל: גרייפן-אָן און מאַכן באַלד די נישטזיכערע באַ-וועגונגען זיך צוריקצוציען. דאָס איז אומעטום דאָרט, ווו די בוי-מעלעך זענען צו גרויס און די יידעלעך צו קליין. די טראַגעדיע פאַר דער יידישער ליטעראַטור און די וועזנטלעכע סכנה: איבער-געטריבענע מאמינים, אָדער מוטלאָזע צווייפלער. די רויקע באַ-טראַכטנדיקע סינטעז צווישן צווייפל און גלויבן וואָלט זייער וויכטיק געווען פאַר דעם קיום פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור.

אין נאָמבערגס שאַפונגען האָט זיך פאַר אונז באַוויזן דאָס, וואָס מיר האָבן אַמקנאַפּסטן געהאַט חשק צו זען: דאָס גע-שפּענסט פון דעם „ל ע צ ט ן י י ד", וואָס וואָרט-אָפּ דעם יידישן אידעאַליסט אויף זיין וועג צום „א י ב ע ר - י י ד".

אויף דער שוועל פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור האָט זיך באַוויזן די אַנטוישונג.

כדי אָפּצוווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט פון אָט-אָ דער נאָמבערגישער פּערזענלעכקייט: דאָס אַנטוישונגס-געשפּענסט, האָט דער, אין דער יידישער ליטעראַטור זייער פאַרשפּרייטער טיפּוס פון ליטעראַרישן עקסטאַטיקער, אָנגערופן נאָמבערגן: מהיכי-תיתי-ניק, אינטעלעקטועלער ציניקער, „ניכטערער" קלוגער קאָפּ. אים, נאָמבערגן, גייט דאָך גאָרנישט אָן! אָדער נאָך אויבערפלעכלע-כער: דאָס בעלעטריסטישע, דאָס דערציילערישע איז נישט, די

אייגנטלעכע אייגנשאַפט אין נאָמבערגס פּערזענלעכקייט, נאָמ־בערג איז בלויז דער פּעיקער, אינטעליגענטער זשורנאַליסט, דער ליטעראַט, דער שריפטשטעלערישער בעל־מלאכה. מ׳האָט זיך כּסדר באַמיט די ביז גאָר אינטערעסאַנטע און בלי ספק וועזנטלעכע דערשיינונג ה. ד. נאָמבערגס אַלס דערציילער אין דער יידישער ליטעראַטור, נישט צו נעמען ערנסט. מ׳האָט נאָמבערגן פּשוט באַגאַטעליזירט.

נאָמבערגס העלד — דער לעצטער ייד — דאָס צוקונפט־בילד פון אונזער וועלטלעך־יידישן מוזיניק (דער מאָדערנער יידישער אינטעליגענט אין דער ראָלע פון די „נפילים") האָט מען ביי אונז נישט אָנגעקוקט מיט קיין באַזונדערן פאַרגעניגן.

דאָך: ה. ד. נאָמבערג איז נישט קיין מהיכי־תיתי׳ניק, קיין געפּילאָזער אינטעלעקט, קיין „מענטש אָן אַ הארץ". ער איז ראָמאַנטיש און ליריש, ווי ס׳רוב פון די באַדייטנדיקע יידישע שריפטשטעלער. אויך איז נאָמבערג אַלס דערציילער גאָרנישט קיין „ניכטערער קאָפּ". נאָמבערג איז אַלס שריפטשטעלער די טראַגישסטע פּערזענלעכקייט אין דער יידישער ליטעראַטור, גראָד דעריבער, ווייל ער איז ראָמאַנטיקער. דער האָפנונגסלאָזער טראַגיזם פון די נאָמבערגישע מענטשן קומט נישט פון זייער לעבנס־ניכטערקייט. דאָס זענען אומגליקלעכע אידעאַליסטישע נאַטורן און פּאַסן זיך דערפאַר אַזוי שווער צו צו דער רעאַלער עקזיסטענץ, מיט וועלכער דאָס שיקזאַל ברענגט תמיד נאָמבערגס העלדן אין קאָנפליקט. נאָמבערגס העלדן, נעבעך זייער נאַיווע ראָמאַנטיקער, גייען־אונטער ווי שטומע אומבאַהאָלפענע קרבנות, און לעבן ווי די עלנטסטע באַשעפענישן. אין דעם ראָמאַנטיזם פון נאָמבערגס העלדן ליגט זייער טראַגיזם.

אין דעם ליגט אויך דער סוד, וואָס הגם נאָמבערגס נאָוועלן זענען צימלעך גוט געבויט, דאָס מאַטעריאַל באַהערשט, צעטיילט מיט באַרעכנטקייט, די דערציילערישע באַוועגטקייט אָביעקטיוו, קיל, אַזוי, אַז עס קאָן אונז אויסקוקן, דאָס נאָמבערגס נאָוועלן זענען זעלבשטענדיקע אין־זיך־אָפּגעשלאָסענע שאַפונגען; שאַפונגען, וואָס קוים האָט זיך דער קינסטלער מיט זיי אָפּגעפּאַרטיקט, דאַן

עקזיסטירן זיי מיט זייער אייגן לעבן און זיי שטייען נישט מער מיט דעם אינטימען זעעלן-לעבן פון קינסטלער אין קיין שום באַציונג — דאָך: זעלטן-ווען איז פאַראַן ביי אַ שריפטשטעלער אַזאַ ענגער און וויטאַלער קאָנטאַקט צווישן דיכטער און ווערק, ווי גראָד ביי ה. ד. נאָמבערגן. דער שריפטשטעלער און די ווערק שטייען נאָך ביידע צוזאַמען אונטער איין שיקזאַל. דעריבער לייענט אין זיי, אין נאָמבערגס שריפטן, דער טיפערער לעזער ווי אין שטילע, אינטימע בלעטער פון אַ טאָג-בוך. מיר פילן דאָרט די אָרימע, טאָג-טעגלעכע ווייטיקן נאָמבערגס, זיינע אַנטוישונגען, די טראַגישע אומהיילבאַרע עלנטקייט זיינע. ה. ד. נאָמבערג באַהאַלט זיך מיט זיין צער און עלנטקייט הינטער דער מכלומרשטער אויסגערעכנטער אָביעקטיוויטעט פון זיינע דערציילונגען, וואָרים ער האָט אַ געפיל פאַר דער טראַגעדיע פון זיין אייגן לעבן, ווי ס׳פילט אַ מענטש פאַר זיין נאַקעטן גוף. אין נאַקעטן מענטשלעכן גוף ליגט דאָס אומבאַהאָלפענע, דאָס שטומע חיהשע געהיימניש פונם מענטש. מיר ווילן אים, אונזער נאַקעטן גוף, נישט ווייזן פאַר אַלעמען, מיר ווילן זיך נישט אַנטפּלעקן, מיר באַהאַלטן דאָס נאַקעטע לייב-און-לעבן אונזערס, הינטער מלבושים. (וואָס מערער מלבושים!). גראָד דאָס אומבאַהאָלפן-טראַגישע אין דער מענטשלעכער נשמה, דאָס אומבאַהאָלפענע לעבן, די אומבאַהאָלפענע טאַטן, זיי באַטראַכט נאָמבערג אַלס דאָס איינציק ווירקלעכע, דאָס וואָרע און אור-אמתע אינעם מענטש. וואָס איז די נאַקעטע נשמה? עלנטקייט, עלנטקייט. מיר מוזן זי באַהאַלטן, די עלנטע נשמה אונזערע, אויב מיר ווילן האָבן וועגן איר די מינדסטע אילוזיע. דעריבער איז נאָמבערג מערקווירדיק אומעטיק אין זיין נשמה-צניעות. ער שעמט זיך מיט איר, (מיט דער נשמה זיינער). נאָמבערגס טריט גייען אָן דער זייט. אַרום אים אַזוי פיל בונטקייט, האָפנונגען, טרוימען. עקסטאַטישע מענטשן שפּילן זיך אין באַדייטנדיקייט. צו וואָס שטערן דעם שיינעם טרוים פון לעבן, ווען דאָס לעבן אַליין איז אָרים? ה. ד. נאָמבערג וואָלט זיך אויך גערן אויסגעלעבט אויף עפּעס אַן עקסטאַטישער מדרגה, ער ווייסט: אין די אילוזיעס פון לעבן קאָנען מענטשן עטוואָס

דערגרייכן. מענטשן זענען אָרים, די נשמה איז עלנט אין אירע ווירקלעכקייטן, פונדעסטוועגן — די אילוזיע קאָן פאַר דער מענטשלעכער עלנטקייט פאַרצויבערן גליק און צופרידנקייט. נאָר צו דערדאָזיקער אילוזיע מוז מען זיין אינערלעך דיספּאָנירט. עס איז דאָס גרויסע טאַלאַנט אויסצוטוישן דאָס ווירקלעכע פאַר דעם אילוזאָרישן. נאָמבערג פילט נישט אין זיך אָט־אָ די אינערלעכע דיספּאָזיציע. ער האָט נישט יענע כשוף־מלבושים, הינטער וועלכע די מענטשן פאַרבאַהאַלטן זייער נאַקעטקייט. ער קאָן נאָר שטיין פונדערווייטנס. צוקוקן. נאָמבערג וויל קיינעם נישט שטערן מיט זיין אָנוועזנטקייט.

דערפון נעמט זיך דער טאָן פון שטילער באַשיידנקייט אין זיינע נאָוועלן.

דעריבער, ווען ביי אַנדערע שריפטשטעלער איז די שאַפונגס־טאַט אַן אַקט פון אַ גלויבן אין זיך, אַ באַפרידיקונג, אַ פרייד, איז דאָס שרייבערישע שאַפן שוין פון אָנהייב־אָן געווען ביי ה. ד. נאָמבערגן אַ טראַגישע טאַט. זי האָט אים נישט באַפרידיקט, זי האָט אים נישט לייכטער געמאַכט אויפן האַרצן, זי האָט אים נישט געגעבן קיין אייגן ווערט־געפיל. זי האָט אים נישט אויסגעלייזט פון זיינע אינערלעכע נויטן. ביי הערש דוד נאָמבערגן, דעם פרומען יונגעמאַן פון יידישן שטעטל, זענען באַלד „חרוב געוואָרן אַלע זיבן הימלען". נאָמבערג ברענגט וועגן זיך אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד: ער קומט קיין וואַרשע צו פּרצן. ער האָט מיט פּרצן אַ געשפּרעך וועגן פאַרשידענע ענינים, וואָס אינטערעסירן אים, ה. ד. נאָמבערגן, דער פּראָווינציעלער יונגערמאַן אין דער לאַנגער קאַפּאָטע. פּרץ, ווי זיין שטייגער איז, פאַלט לייכט אַריין אין עקסטאַז, ער וואַרפט מיט בליצן, מיט מעטאַפאָרן. אינמיטן דעם געשפּרעך ווענדעט זיך פּלוצלינג י. ל. פּרץ צו נאָמבערגן:

— „שרייבט אויף יידיש, וועט איר ברענגען נוצן דער וועלט".

— „און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל ברענגען נוצן?" פרעגט נאָמבערג.

„פרץ האָט מיך אָנגעקוקט עפּעס גאָר מיט אַן אַנדער אַרט בליק. דער שפּרודלדיקער, פאַרביקער טאָן פון זיין געשפּרעך האָט זיך געענדערט:
— „אַז איר וועט ברענגען נוצן, וועט איר זיין מאָראַליש צופרידן.
— „און אַז מען איז מאָראַליש צופרידן, איז וואָס? מען קאָן לעבן און שטאַרבן און נישט זיין מאָראַליש צופרידן.
„ער האָט מער ווי אַ קאַלטן שמייכל אויף זיינע ליפּן נישט געהאַט פאַר מיר. אין קאַלטע ווערטער האָט ער מיר געענטפערט:
— דאָס מוז מען פילן".
אין דערדאָזיקער קליינער, אינטערעסאַנטער סצענע זעען מיר די צוויי יידישע מענטשן, פרץ און נאָמבערג, וואָס ווילן גיין צוזאַמען איין-און-דעמזעלביקן וועג. אַ יעדער פון זיי איז אָבער לגמרי אַנדערש דיספּאָנירט צו אָט-אָ דעם ווילן. פרץ קאָן איבער דעם קליינעם וואָכנדיקן לעבן פון דער יידישער ווירק-לעכקייט זיך אויסבויען דאָס רייכע לעבן פון זיין פּאָעטישער פאַנטאַזיע. ער איז עקסטאַטיקער. די פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך אים לייכט, און דאָס שיינע שפּיל פאַרדעקט אים דאָס ווינציקע פון דער ווירקלעכקייט. ער איז דערמיט „מ אָ ר אַ ל י ש צ ו פ ר י ד ן". „דאָס מוז מען פילן". דאָס איז דער עיקר. ווען נאָמבערג וויל זיך פאַרגעסן אין די עקסטאַטישע דערהויבונגען, שטויסט ער זיך תמיד אָן אָן דעם ניכטערן ווירקלעכן. אָנשטאָט די אילוזיע באַקומט נאָמבערג צו זען דעם פאַקט. וואָלט נאָמבערג געווען אין זיין וועזן נאַטוראַליסט, דאַן קאָן אויך די נאַקעטע ווירק-לעכקייט „מאָראַליש באַפרידיקן". לויט זיין זעעלישער דיספּאָזיציע אָבער, איז ה. ד. נאָמבערג אַ קינסטלער, וואָס האָט צו יעדער ווירקלעכקייט גראָד אַן אידעאַליסטישע באַציונג. צו אים רעדט דער טרוים פון לעבן מער, ווי דאָס הוילע לעבן. ער זוכט אינם מענטש דעם איבער-מענטש, אינם ווערט — דעם איבער-ווערט.
אין דעם אידעאַליזם נאָמבערגס ליגט זיין טראַגיק אַלס מענטש און אַלס קינסטלער.
וואָרים, דער איבער-מענטש באַווייזט זיך אונז נאָר

אַלס וויזיע, גלויבן, שפּיל. דוקא ווען מיר זענען פֿאַרבלענדט פֿון אונזערע האָפֿנונגען, הערן מיר זיינע טריט. מיר מוזן צומאַכן די אויגן, כּדי אים צו זען. דער איבער־מענטש איז די אַבסטראַקציע פֿון אונזער״ס אַ זוכן. נאָמבערג דערשנאַפּט תּמיד הינטער דער הערלישער הלבשה פֿונם איבער־מענטש, דעם לעצטן מענטש — די פּלוי.

דער נמשל פֿון משל מענטש: אַ סך געוואָלט, וויניק דערגרייכט.

צווייט קאַפּיטל.

איך חזר־איבער אַ אויבן געשריבענע פראַזע: אין נאָמבערגס באָוועלן לייענט דער לעזער ווי אין די בלעטער פון אַ טאָג־בוך. די באָוועלן זענען דער אומעטיקער טאָג־טעגלעכער חשבון־הנפש הערש דוד נאָמבערגס.

ביי נאָמבערגן איז נישט פאַראַן קיין טיפן, פאַרשידנקייטן פון כאַראַקטער, מענטשן־צייכנונג. ה. ד. נאָמבערג צייכנט נאָר איין־און־איינציקן מענטש: זיך אַליין — ה. ד. נאָמבערגן.

אייגנטלעך איז דאָס וועזנטלעכע פון יעדער קינסטלעריש־שריפשטעלערישער טאַט, נישט די פעיקייט פון הוילער „באַשרייבעכץ" (ווי ס'טוט דער „פעיקער" ליטעראַרישער בעל־מלאכה). די געשטאַלט, וואָס דער עכטער קינסטלער גיט אונז, דערציילט פון אַן אייגענער אָרגאַנישער אייגנשאַפט זיינער. דאָס געדאַנקלעכע, דערציילערישע און דראַמאַטישע געשעען אין דעם קינסטלערס שאַפן, עס איז אַ געשעען אין דעם קינסטלערס נשמה, זיינס אַן אינערלעכע באַוועגטקייט. פונדעסטוועגן: אין דער אינטימקייט פון נאָמבערגס באָוועלן רעדט נישט בלויז די קינסטלערישע פערזענלעכקייט, די גייסטיקע פערזענלעכקייט נאָמבערגס. ניין. די לייבהאַפטיקע פערזאָן נאָמבערגס שפילט דאָ די הויפטראָלע. זי, נאָמבערגס פערזאָן, אַקצענטירט דאָ איר שיקזאַל, אירע האָפנונגען, אַנטוישונגען, די טראַגעדיע פון איר אייגן לעבן, די טראַגעדיע פון איר עקזיסטענץ. אמת: אומעטום, וווּ מיר האָבן צו טון מיט קונסט איז עס נאָר תּמיד די פערזענלעכע באַציונג פונם קינסטלער צו דער וועלט, דער חשבון־הנפש זיינער מיט דער וועלט. דערין, אין אָט־אָ דער פערזענלעכער באַציונג, ליגט דאָס נישט־צופעליקע אין ווירקלעכער קונסט: דאָס

עכטע, דאָס אייגנטלעכע אינם קינסטלער. ביי נאָמבערגן אָבער האָבן מיר נאָך נישט דאָס ריינע אָביעקטיווירן זיך פון זיין סוביעקט: דאָס אָביעקטיווע קינסטלערישע אויפבויען זיך פון זיין פּערזענלעכקייט. איין-איינציקע באַציונג האָט דער שריפטשטעלער נאָמבערג — די באַציונג צו זיך אַליין: דער חשבון-הנפש פון דער אייגענער פּערזאָן. דערביי שטייט נישט נאָמבערגס פּערזאָן ווי אַ באַפרוכטנדיקער צענטראַל-פּונקט אין מיטן די דערשיינונגען און אין מיטן דער סביבה פון זיין אייגן שאַפן. ער באַשטראַלט נישט זיין שאַפערישע סביבה, ער באַפרוכטעט זי נישט און ווערט נישט פון איר באַשטראַלט און באַפרוכטעט. ה. ד. נאָמבערג, אַלס קינסטלער, איז אין באַרייך פון זיין אייגן שאַפן אַן איינזאַמער, אויסגעלאָשענער שטערן. אין זיין אייגענעם הימל לייכט ער נישט. ער וואַרימט דאָרט נישט. אַזעלכע קינסטלער זענען טראַגישע זעלטנהייטן. זיי וואַרפן זיך נישט אין די אויגן. מ'לאָזט זיי פאַרביי-בלאָנדזשען אומבאַמערקט. באַשיידענע אין זייער ווייַ, מאָנען זיי ביי קיינעם גאָרנישט, האָבן צו קיינעם נישט קיין פּרעטענזיעס, קלאָגן זיך פאַר קיינעם נישט אויף זייער גורל. זיי זענען די פּרוכטלאָזע דרוינען אין דער קונסט, די אָרימע אינם גייסט. דאָס טיפע און וואַכע אויג קאָן אַמאָל דערזען די שיינקייט פון יענע אומעטיקע זעלטנהייטן.

דאָס איז די טראַגעדיע פון דער גייסטיקער וועלט נאָמבערגס, דאָס פּרוכטלאָזע אין זיין שאַפן: אין זיין קינסטלעריש דערלעבעניש דערלעבט ער נישט די וועלט, ער דערלעבט נאָר, אַלס קינסטלער, זיין אייגענע פּערזאָן. דייטלעכער: נאָמבערגס פּערזענלעכקייט איז נישט די פּערזענלעכקייט אַלס וועלט, נאָר די פּערזענלעכקייט אַלט עגאָ. וואָרים תמיד איז ביי נאָמבערגן די לייבהאַפטיקע פּערזאָן — בלויז הערש דוד נאָמבערג — דאָס פּראָבלעם, די טראַגעדיע, דער אויסבליק. אַרויסגיין פון זיך אַרויס צו דער וועלט, דערלעבן די וועלט אין דעם אייגענעם איך, איז די העכערע מדרגה: די שטייגערונג פון דעם עגאָטישן דערלעבעניש צו אַ וועלט-דערלעבעניש: דאָס שאַפערישע באַפרייען זיך פון די אינערלעכע נויטן: איבעררייסן די אייגענע גרענעצן. די מאָראַלישע באַפרידיקונג פון שאַפן אינערלעכער אויסלייז. נאָמבערג איז אין זיין קינסטלערישער

פעריפעריע נישט צוגעקומען צו דערדאָזיקער באַפרייונג. ער איז צוגעבונדן מיט אַ קייט צו זיין עגאָ, ער איז דער געפאַנגענער פון זיין עגאָ. און נאָמבערגס עגאָ פירט אים נישט צו צו דער וועלט, נאָר גרענעצט אים אָפּ פון דער וועלט. זיכער, מ׳מוז מודה זיין: נאָמבערג פאַרמאָגט דאָס וועזנטלעכע קינסטלערישע געמיט, די איידעלע מעגלעכקייטן צו זיין קינסטלער, און אויב ער וויל דוקא זיין אינטים און ליריש, פעלט אים אָבער יענער קינסטלערישער אויפשוווּנג פון דעם ליריקער, וואָס איז בכּוח פון זיין פּערזענלעכער טראַגעדיע צו מאַכן אַ וועלט-טראַגעדיע, אויס זיין פּערזענלעכער ליבע — אַ וועלט-ליבשאַפט. יענער גליקזעליקער זעלבסט-ביטול פונם שאַפערישן גייסט, וואָס איז די גרעסטע חכמה און צוגלייך די גרעסטע נאַיוויטעט, דאָס טיפסטע ליידן און די טיפסטע טרייסט. די „מאָראַלישע באַפרידיקונג״, וואָס אַ קינסטלער פילט דערין, וואָס ער איז קינסטלער. נאָמבערגן פעלט עשירות אין זיין פּערזענלעכקייט, פרייהייט אין זיין פּערזענלעכקייט, דעריבער פעלט אים די פרייד אין דער פּערזענלעכקייט. אים איז ענג אין זיינע אייגענע ד׳ אַמות און ער זעט זיך דאָרט עלנט. ער רעדט נאָר צו זיך אַליין און פון זיך אַליין. איינזאַם, אָפּזייט פון אַלעמען שרייבט ער דאָס טאָג-בוך פון זיינע אָרימע טעג. טעג אָן פרייד, אָן בטחון. לאַנגווייליקע טעג. האָפנונגסלאָזע גראָקייט. נאָמבערג שרייבט, און ער קאָן נישט געבן קיין פליגלען זיין וואָרט, און דאָס וואָרט זיינס קאָן אים נישט באַפרייען.

עס וועט אויסקומען פּאַראַדאָקסאַל, דאָך איך וויל עס זאָגן: דער „פעיקער ליטעראַט״ ה. ד. נאָמבערג, גראָד ער, איז אַמווייניקסטן ליטעראַט פון אַלע אונזערע יידישע שריפטשטעלער. זיין שרייבערישער סטיל לייזט אים נישט אויס פון זיינע עלנט-קייטן. דאָס סטילהאַפטע איז נישט קיין וועזנטלעכע אייגנשאַפט אין נאָמבערגס כאַראַקטער. דער סטיל איז נאָר די מאַסקע, הינטער וועלכער נאָמבערג באַהאַלט דאָס ביטערע געפיל וועגן זיך אַליין. דער לייכטער, גלענצנדיקער סטיל נאָמבערגס פאַרבלענדט אונז נאָר, ער זאָגט אונז נישט נאָמבערגס אמת. עס איז נישט קיין אויפריכטיקער סטיל, און עכטער סטיל באַדאַרף זיין אויפריכטיק.

נאָר די אינטעליגענץ נאָמבערגס און דער פיינער געשמאַק זיינער, זיי העלפן אים צו צו באַשיטן מיט אָט-אָ די שיינע פאַלשע בליטן די וויסטע, אָרימע ערד, ווו נאָמבערג זיצט און וויינט און שפּייט אויף זיך קלעק. אין עכטן סטיל באַדאַרף מען זיך אַנטפּלעקן, סטיל איז דאָס שפּילעוודיקייט, וואָס קומט נאָך אַ נצחון איבער זיך. נאָמבערג זיגט נישט אין זיין סטיל, ער באַהאַלט זיך אויס אינם סטיל.

אַ באַזונדער אויער מוז מען האָבן פאַר נאָמבערגס קונסט. זייער אַן איידל געהער. אויבנאויפיק אַזוי געוויינטלעך. דער שניט ווי ער שרייבט, דוכט זיך איז נישט מער, ווי פּאַך-מעסיק. פעיק געשריבענע ליטעראַטור. דאָך: קוקט מען זיך צו נענטער, באַמערקט מען ערשט דאָס אייגנטימלעכע אַנדערשקייט פון נאָמבערגס שרייבן, דאָס אומגעוויינטלעכע, וואָס שטעקט אין דער געוויינטלעכקייט פון זיין שריפטשטעלערישן אופן: די שטילע טראַגישע אינטימיטעט נאָמבערגס. נאָמבערג רעדט נישט דאַן, ווען ער וויל אין זיין וואָרט אויסלאָדענען אַן אינערלעכן כוח, נאָר ווען ער ווערט שוין שוואַך צו שווייגן, רעדט ער. זיין קול קלינגט שטיל פון מידקייט. נאָמבערג ווערט מיד פון דעם שווערן געוויסן, וואָס ליגט אים אויפן האַרצן: ער פילט זיך שולדיק קעגן זיין אייגן לעבן, וואָרים ער ווייסט: לעבן, אָ, דאָס איז אַ קאָסטבאַרע זאַך, נאָר ער, הערש דוד נאָמבערג, ווייס נישט וואָס דערמיט צו טון.

די סצענע, וואָס כ׳האָב געבערענגט אין ערשטן קאַפּיטל — יענץ ערשטע באַגעגעניש צווישן ה. ד. נאָמבערג און י. ל. פּרץ — זי גיט אונז דעם שליסל צו דעם קאָמפּלעקס פון עלעמענטן, וואָס באַדייטן די אייגנשאַפטן פון נאָמבערגס שאַפן, צו דעם אייגנטימ-לעכן שיקזאַל פון נאָמבערגן אַלס שריפטשטעלער. אַלס שריפט-שטעלערישער מענטש. מיר האָבן דעם איינדרוק: יעדער העלד נאָמבערגס, איידער מיר האָבן זיך באַקענט מיט דעם אָפּשניט פון זיין לעבן, וואָס ווערט דערציילט אין דער נאָמבערגישער נאָ-ווועלע, האָט ער געהאַט אַזאַ מין באַגעגעניש. דאָסדאָזיקע באַ-געגעניש האָט אים אויף אַ טראַגישן אופן קלאָר געמאַכט זיין

כאַראַקטער און אים געעפנט די אויגן: ער האָט שוין גאָרנישט צו האָפן דערויף, דאָס לעבן זיינס זאָל פאַר אים מער ווערט ווערן, אַז ער זאָל אַמאָל פון זיין לעבן זיין „מאָראַליש צופרידן". זייט יענעם שיקזאַלפולן מאָמענט, ווייסט אַ יעדער נאָמבערגס העלד: די צוקונפט האָט נישט פאַר אים קיין שום איבעראַשונגען. ער איז דער אָדלער מיט די אונטערגעהאַקטע פליגלען. ער קאָן אַהינקוקן צו אַלע ווייטקייטן, זיי דערגרייכן — וועט ער קיינמאָל נישט. אַנטשיידונגספּול איז אין לעבן פון יעטוועדן פון נאָמ־בערגס מענטשן אָט יענע באַגעגעניש. אין דער נשמה ביי זיי האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, און ס׳איז פאַרבליבן האָפנונגסלאָזיקייט, צער, עלנטקייט. אומדערפילטע בענקשאַפטן. אַ קראַנקהאַפטע זעעלישע שלאָפלאָזיקייט. טרוימער אָן טרוימען. זיי גלויבן זיך אַליין נישט. זיי שטייען איצטער פאַר דער טרויעריקער באַדער־פעניש מיט עפּעס וואָס צו קאָמפּענסירן דאָס אָרימע לעבן זייערס, דאָס ציללאָזע לעבן, דעם מאָרגן אָן אויסזיכטן. נאָמבערגס מענטשן שעפּן פון דער וועלט מיט געלעכערטע שעפּן. דעריבער איז זייער טראַגעדיע אַזוי גראָטעסק. דאָך אָבער איז זי פול מיט אינטימער מענטשלעכקייט. זיי לעבן נישט מער, נאָמבערגס מענטשן, זיי וועגעטירן נאָר. פונדעסטוועגן: אפילו וועגעטירנדיק, פילן זיי זיך קליגער ווי זייער שיקזאַל. און מיט רעכט. פשוט: דאָס שיקזאַל האָט בנוגע זיי באַוויזן דאָס גאַנצע צופעליקייט פון זיינע לוינען, און האָט נישט באַמערקט, אַז נאָמבערגס העלדן זענען נישט קיין מענטשן פון גראָער געוויינטלעכקייט, און אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן צו עטוואָס בעסערס. מערקווירדיק ווירקן אויף אונז די דיאָגענעסעס, וואָס זענען נישט פרייוויליק אַריינגעקראָכן אין זייער פאַס, ווי רעזיגנירנדיקע פילאָזאָפן, נאָר מען האָט זיי טוצנווייז אַרייגעפּאַקט אין די פעסער ווי הערינג. זיי קוקן פון דאָרט אַרויס צום דאָזיין דורך שפּאַרעס, און פישטשען זייער קאָמיש צו אונז אַרויס וועלט־ביטול. צי זאָלן מיר לאַכן פון יענע אומ־גליקלעכע פילאָזאָפן אין די הערינג־פעסער? צי זאָלן מיר גאָר האָבן מיט זיי מיטלייד? מיטגעפיל.

אין דער נאָוועלע „פליגעלמאַן" האָבן די וויניקע פאַרערער

ה. ד. נאָמבערגס, געזען די צענטראַל־אַקס, אַרום וועלכער ס'דרייט זיך דער גאַנצער קאָמפּלעקס און דער סכום פון נאָמבערגס נאָוועלן. „פליגעלמאַן" איז דער פּסיכאָלאָגישער יסוד, אויף וועלכן זיי האַלטן זיך אַלע און פון דאָרטן־אויס באַקומען מיר ערשט דעם אַריינבליק אין זייער אינערלעכער באַהאַלטענער וועלט. „פליגעלמאַן" איז אויך דער הויפּט־מאָטיוו פון נאָמבערגס וועלט־געפיל. דאָרט אַנטפּלעקט ער זיך פאַר אונז אין דער עלנטער טראַגעדיע פון זיין לעבן (אויף וויפיל עס ליגט בכלל אין נאָמבערגס כאַראַקטער אָפן און אויפריכטיק צו אַנטפּלעקן די טראַגעדיע פון זיין לעבן). „פליגעלמאַן" איז דאָס אומעטיקסטע טאָג־בוך־בלאַט פון דעם „מאָראַליש נישטצופרידענעם" הערש דוד נאָמבערג.

„פליגעלמאַן איז אַ יונגערמאַן פון עטלעכע־און־דרייסיק יאָר. ער האָט אַ קליינעם, אַביסל איינגעהויקערטן גוף: אַ גרויסן, קרומען שטערן און אַ קליין בלאָנד בערדל. די אויגן זיינע זעען־אויס ווי פאַרלאָפן מיט פאַרע. עס דוכט זיך, אַז מען דאַרף זיי נאָר מיט אַ טיכל איבערווישן, כדי זיי זאָלן העל גלאַנצן. (מיין קורסיוו).

נישט זעלטן, גייענדיק פאַמעלעך איבער דער רוישיקער גאַס אויף אַ לעקציע, איינגעבויגן, האַלטנדיק די הענט אין די טאַשן, טראַכט ער, אַז אויף דער וועלט האָבן געלעבט אַ סך גרויסע מענטשן: בודדאַ, שפּינאָזאַ, קאַנט און נאָך אַ סך אַנדערע, און ער, דעם קוניעווער שמשס אַ זון, ווייסט זייערע פילאָזאָפישע סיסטעמען אויף קלאָר און קאָן נאָכזאָגן אַלץ, וואָס ער האָט געלעזן פון זיי, וואָרט ביי וואָרט.

און אַז אויף דער גאַס איז אַ שיין וועטער, די דראָשקעס האַקן גראָד נישט אין די אויערן, און אויף דער לעקציע ברויך מען זיך נישט צו איילן, טראַכט ער נאָך מיט פאַרגעניגן, אַז אין תוך אַריין זענען אַלע פילאָזאָפן נישט איבעריק קלוג געווען: יעדער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין ווינקעלע, געטראָפן, דאָך אַ ביסל נאָר געטראָפן: און ער, פליגעלמאַן, ווייסט אַלץ, וואָס זיי

האָבן אויפגעטון און נאָך ווייסט ער, אַז דער עיקר, דער תוך כּל התוכות איז דאָס לעבן, דאָס לעבן אַליין טאַקע.

און פון זיין לעבן איז פליגעלמאַן צופרידן. די ערשטע פינף יאָר אין וואַרשע זענען אָנגעקומען אַ ביסל שלעכט, נאָר דעמאָלט איז ער געווען אַ מענטש אָן פעסטע איבערצייגונגען, אָן אַ וועלט־אָנשויאונג, און פון יענעם לעבן האָט פליגעלמאַן נישט ליב צו טראַכטן. זייט אַכט יאָר אָבער האָט ער זיך בעסער איינגעריכט. באַקומען גוטע לעקציעס און אָנגעהויבן לעבן רויק, לויט פעסטע פרינציפּן, אַ ביסל אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אַליין אין זיין צימער אויף דעם פינפטן שטאָק".

אַזוי שטעלט פאַר אונז ה. ד. נאָמבערג פאָר זיין הויפּטהעלד, פליגעלמאַנען. ער גיט אונז קודם־כּל זיין פּאָרטרעט. די־דאָזיקע ערשטע שטריכן פון פליגעלמאַנס פּאָרטרעט זענען זייער מערקווירדיק פאַר נאָמבערגס ווערן אַלס שריפטשטעלער, וואָרים: דאָס וואָס נאָמבערג זאָגט דאָ וועגן פליגעלמאַנען (אין דער־דאָזיקער ערשטער באַקאַנטשאַפט פונם העלד מיטן לעזער) שטימט נישט מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער נאָוועלע, ווי מיר באַקומען מער אַריינבליק אין דעם גאַנג און וועזן פון פליגעלמאַנס לעבן. פליגעלמאַן צופרידן! די שטילע גאַליקע איראָניע נאָמבערגס. די איראָניע מיט יאַשטשערקעס. דער „גוטער שריפטשטעלערישער טאָן", הינטער וועלכן נאָמבערג פאַרבאַהאַלט זיין אייגענע ביטערע האָפנונגסלאָזיקייט. דער מענטש פליגעלמאַן לעבט מחוצן לעבן עלנט און פאַרלאָזן ווי אַ פאַרוואָרלאָזטער הונט, אַ פיזישער און גייסטיקער קבצן (דער איינציק אויפריכטיקער געדאַנק פליגעלמאַנס איז צו באַגיין זעלבסטמאָרד און איינמאָל אַ סוף צו מאַכן צו דערדאָזיקער נישטיקער עקזיסטענץ זיינער) און נאָמבערג טוט אים אָן אויפן פּרצוף אַ מאַסקע: פילאָזאָפישע גלייכגילטיקייט. שאַט, איר מענטשן, פליגעלמאַן איז פילאָזאָף, און הערט זיך אים צו, וואָרים פליגעלמאַן זאָגט וועגן לעבן פאַרשידענע פילאָזאָפישע חכמהלעך. „די גאַנצע וועלט איז איין גרויסע וויצט־מיל"... אפשר. נאָר נאָמבערגס פילאָזאָפן, די פליגעלמאַנס, זענען נישט די גרויסע דאָן־קישאָטן, וואָס קעמפן

מיט דער „גרויסער ווינט-מיל״, די וועלט, „זיי זענען די קליינע דאָן-קישאָטן, וואָס זענען, נעבעך, שטענדיק צעביילט״. קליינע, לעצט-ראַנגיקע קלאָאונס זענען זיי, הגם זיי האָבן אַמאָל געגלויבט צו זיין די גרויסע קאָמעדיאַנטן. זיי האָבן צוגעזאָגט „עפּעס צו זיין״, און האָבן תּמיד פֿאַרשפּילט זייער קאַריערע. נאָמבערגס טראַגישע פֿאַרשוינען האָבן זייער ווייניק געשפּילט מיט זייער לעבן, ביים ערשטן צוג האָבן זיי באַלד דאָס לעבן זייערס פֿאַר-שפּילט. וויסנדיק, אַז לעבן — דאָס איז דער ווערטפולסטער אוצר, דער העכסטער ציל, האָבן זיי דאָך נישט געוווּסט, וואָס דערמיט צו טון און עס געשטעלט אויף דער ערשטער-בעסטער קאָרט. יאָ. אַזוי זענען די פֿליגעלמאַנס, די „איבריקע מענטשן״, מאָראַליש נישט באַפֿרידיקטע לעבנס, וואָס שטייען מיט דער ווירקלעכקייט אין אַ מאָדנער דיסהאַרמאָניע און ווילן דעריבער אַמליבסטן בלייבן אומבאַמערקט. ברוטאַל קאָפּעט זיי זייער שיקזאַל אַרויס אויף דער סצענע. זיך צו ווייזן. מ׳קנייפּט זיי נאָך אָן די בלייכע איינגעפֿאַלענע באַקן. זאָלן פֿליגעלמאַנס באַקן אויסקוקן רויט.

די ערשטע שטריכן ווי אַזוי נאָמבערג באַשרייבט זיין העלד — שוין ווי ער צייכנט די קערפּערלעכע פיזיאָנאָמיע פֿליגעלמאַנס — וועט אונז לייכטער-מאַכן די מעגלעכקייט אַריינ-צודרינגען אין דער אינטימער קאָמפּליצירטקייט פֿון נאָמבערגס פּערזענלעכקייט. ער האָט דאָ פֿאַר אונז פֿאַראַטן די אַרט ווי אַזוי עס איז זיין אייגנשאַפט זיך אויסצובאַהאַלטן פֿאַר די אויגן פונם לעזער. איבערהויפּט וויל איך דאָ אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער ממש שרעקנדיקער ענלעכקייט צווישן דער פיזיאָנאָמיע פֿליגעלמאַנס און צווישן דער לייבהאַפּטיקער פיזיאָנאָמיע פֿון הערש דוד נאָמבערג. פּינטל-ביי-פּינטל האָבן מיר דאָ דאָס לעבעדיקסטע אויטאָ-פּאָרטרעט, האַלב ערנסט, האַלב גראָטעסק, און מיט איראָנישער פֿאַרביטערטקייט געצייכנט מיט דער אייגענער האַנט פֿון ה. ד. נאָמבערג. אַפילו דאָס בלאָנדע בערדל פֿליגעלמאַנס דערמאָנט נאָמבערגס עלטערע פּאָטאָגראַפֿיעס. מיט איין וואָרט: מיר האָבן צו טון מיט דעם זעלבסטבילד פֿון יענעם אומצופרידענעם יידישן יונגעמאַן, וואָס איז געקומען פֿון זיין שטעטל קיין וואַרשע צו

י. ל. פּרץ און האָט מיט אים געהאַט דאָס באַקאַנטע געשפּרעך. עס איז אַלצדינג דעמאָלס ביי דעם יידישן יונגעמאַן אַנטשיידן געוואָרן: ער קאָן נישט מיטגיין מיט דעם עקסטאַטישן י. ל. פּרץ, אויף אַנדערע וועגן קאָן ער אויך נישט גיין, דעריבער איז ער פאַרבליבן דער תמיד עלנטער, „מאָראַליש נישטצופרידענער". און אין דער נאָוועלע „פליגעלמאַן" ווערט דערציילט דער ווייטערער שיקזאַל פון דעמדאָזיקן עלנטן יידישן מענטש, דער פאַרלויף פון אַלע באַגעבנקייטן, וואָס האָבן מיט אים פּאַסירט, אַלע זיינע ווייטערע געדאַנקען וועגן זיך זעלבער, וועגן לעבן, זיין לעבנס-פילאָזאָפיע. מיר טרעפן יענעם יונגעמאַן נישט מער ווי ער שטרעבט, האָפט, זוכט פאַר זיך אַ ווערט, נאָר ווי ער רעזיגנירט. יעדער פונק פון האָפנונג איז אין אים אויסגעלאָשן, נישט דערפאַר, ווייל ס'איז אין דער וועלט נישטאָ אויף וואָס צו האָפן. נאָר ווייל ער אַליין פערזענלעך, פליגעלמאַן, איז נישט פעיק צו האָפן. פליגעלמאַן האָט אָפּגעריסן אַלע פעדים, וואָס בינדן אים צו צום לעבן, צו זיין פאַרגאַנגענהייט, צו זיין צוקונפט. פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, אָ, דאָס זענען די קרוינען פון לעבן, דער לעבנס-חלום, די באַהאַלטענע קוואַלן פון לעבן. פליגעלמאַן זיצט נישט ביי די קוואַלן פון לעבן. ער איז עלנט, איינזאַם, איינגעשלאָסן אין אַ האָפנונגסלאָזער געגנוואַרט. אָפּגעשיידט פון דער וועלט איז פליגעלמאַן — „אַליין אין זיין צימער אויפן פינפטן שטאָק", און ער האָט אָפּגעבונדן אַלע וואָרצלען, פון ווו מען קאָן ציען וועלכע עס איז יניקה. די מעגלעכקייטן פון דעם, וואָס ס'וואָלט געווען און די מעגלעכקייטן פון דעם, וואָס עס קאָן זיין, אָט יענע מעגלעכקייטן, וואָס גיבן אַ יעדן מענטשן ווערט און שווונג, קליינגעלט-אָפּ אין דעם געדאַנק פון דעמדאָזיקן ווינקל-פילאָזאָף ווייט און פרעמד. פליגעלמאַנען גייען בכלל נישט אָן קיין שום מעגלעכקייטן. ער איז דער באַנקראָטניק, דער לעבנס-עקר. דער מענטש אָן מעגלעכקייטן. אַפילו דער פאַקט, אַז ער האָט אַ שוועסטער „און זי האָט אַוודאי אַ סך קינדער און ער, פליגעלמאַן, געהער זיי אָן אַ פעטער, קומט ביי אים אויס מאָדנע". ער איז משפחהלאָז, פליגעלמאַן. באַציונגען, וואָס ליגן

באַר מחוץ זיינע ד׳ אמות, גייען אים אָרגאַניש נישט אָן. ווען ער באַמערקט, אַז ער שטייט נאָך אין וואַסער עס איז קאָנטאַקט מיט דער וועלט, וווּנדערט עס אים נאָר. זאָגאַר ווען ער באַקומט איינגעשיקט פון זיין שטעטל אַ פּאַספּאָרט און דאָרט שטייט פאַרשריבן, אַז ער איז אַלט זעקס-און-דרייסיק יאָר, חדושט אים דער פאַקט, אַז די וועלט האָט אים נאָך נישט געגצלעך פאַרגעסן, אַז ערגעץ-ווו אין אָפיציעלע באַפעלקערונגס-ביכער שטייט נאָך דערמאָנט זיין נאָמען, און אַז אַן אומבאַקאַנטער באַאַמטער ציילט אים די יאָרן. מערקווירדיק: פליגעלמאַן האָט אַלע קליניש סימפּטאָמען פון אַ גייסטיק-קראַנקן, דערביי איז ער אַבסאָלוט נישט גייסטיק קראַנק. ער איז, אייגנטלעך, דער „נאָרמאַלסטער" מענטש. אין דערדאָזיקער לאַגע זיינער, אָן האָפנונג, אין תמידיקער עלנטקייט, האָט ער נאָך אַפילו נישט פאַרלוירן אינגאַנצן זיין הומאָר, זאָגאַר זיין געוויסן אָפּטימיזם, דעם הוליע קבצן. „ער טראַכט מיט פאַרגעניגן", אונזער פליגעלמאַן, „אַז אין תוך אַריין זענען אַלע פילאָזאָפן נישט איבעריק קלוג געווען: יעדערער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין ווינקעלע, געטראָפן, דאָך — אַ ביסל נאָר געטראָפן". דאָ באַדאַרף זיך דער לעזער נישט לאָזן פאַרפירן: אָט-אָ דער אָפּטימיזם פליגעלמאַנס, דאָס כלומרשטע זיך באַגניגענען מיט דעם, וואָס מען טרעפט כאָטש „אַ ביסעלע", מאַכט מיט גאָרנישט פליגעלמאַנען לייכטער אויפן געמיט. אויב ער הענגט ביים לעבן אויף אַ „האָר", נישט פון איר, פון דערדאָזיקער „לעבנס-האָר" ציט פליגעלמאַן דאָס קאַפּעלע שמחה, וואָס דער זינדיקער מענטש באַדאַרף האָבן צו זיין אויסקום. פליגעלמאַנס אידעיִשע אַמביציעס, גלייך ווי די אידעיִשע אַמביציעס פון ה. ד. נאָמבערגן, זיי וואָלטן אינדעראמתן געוואָלט באַלאַנגען מער ווי צו טרעפן אין אַ בלויזן „ווינקעלע". פליגעלמאַן האָט „אידעאַליסטישע האָריזאָנטן". אידעיִש געהער אויך נאָמבערג צו די אידעאַליסטישע יידישע שרייבער. דאָס „לעבנס-ווינקעלע", אין וועלכן פליגעלמאַן איז לויט זיין ווען פאַרשפאַרט, אָט דאָס איז די טיפסטע סיבה פון זיין עלנטער רעזיגנאַציע. ער קאָן זיך בשום אופן נישט איינאָרדנען אין דעמדאָזיקן ענגן „ווינקעלע".

ער גייט דאָרט אויס פון אַ שטילער בענקשאַפט, וואָס צערט אים אויף און ער דעגענערירט דאָרט אין זיין רעזיגנאַציע. פליגעלמאַן איז נישט דאָס קליינע מענטשעלע, ער איז דער גרעסערער מענטש, וואָס איז איינגעשרומפן געוואָרן אויף אַ קליין מענטשעלע, און ער שרומפט כסדר איין, וואָס קליגער ער ווערט און וואָס פילאָזאָפישער ער רעדט. די האָר קריכן אים אויס אין זיין איינזאַמקייט אויפן „פינפטן שטאָק", ווו ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן און פאַרלירט דאָרט וואָס אַמאָל מערער אַ יעדן לעבעדיקן שייכות מיט דער משפחה, מיט דער מענטשהייט, מיט דער וועלט און פאַרלירנדיק אַזוי, פאַרלירט ער טיילמאָל דעם אייגענעם צלם־אלקים, זיין אייגענע געשטאַלט. ער פאַרגעסט זיך אַליין. ווען ער קוקט ווידער ווען עס איז אַריין אין זיין פּאַספּאָרט, חדושט ער נאָר ווי די אייגענע יאָרן גייען ביי אים אַוועק און פרעגן ביי אים נישט קיין דעה, און קימערן זיך נישט וועגן אים. פליגעלמאַנען וווּנדערט עס, וואָס הגם אינעווייניק ביי אים האָט זיך דער גאַנג פון זיין שיקזאַל אָפּגעשטעלט, ווי אַ זייגער, וואָס שטעלט זיך אָפּ, פונדעסטוועגן האָט זיך נאָך אין דרויסן פון אים נישט אָפּגעשטעלט דאָס שיקזאַל פון דער וועלט און דאָס שיקזאַל פון לעבן.

די פערזאָן פליגעלמאַנס און די גייסטיקע דיספּאָזיציע פון דערדאָזיקער פערזאָן, דאָס זענען די הויפּט־מאָטיוון פון דער נאָוועלע. די עטלעכע עפּיזאָדן פון אַקטיוויטעט, וואָס נאָמבערג דערציילט פון אים זענען נאָר איינצלהייטן, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו וואַרפן ליכט אויף דעם, וואָס איז ביי פליגעלמאַנען נאָך טיפער פאַרבאַהאַלטן. נאָמבערג וויל פליגעלמאַנען וואָס שאַרפער אָפּשיידן פון זיין סביבה. ער וויל אים אין זיין אומבאַהאָלפן־טראַגישן מצב איזאָלירן. פון אַלצדינג און פון אַלעמען איזאָלירן. וואָס מערער פליגעלמאַן ווערט איזאָלירט, בולטער ווערט דאַן דערוויזן, אַז יעטוועדע שייכות מיט זיין אַרומיקייט, וואָס די־דאָזיקע פערזענלעכקייט באַמיט זיך פון צייט צו צייט סימולירן, איז נישט עכט. ער איז נאָר אויסן דערמיט אָפּצוווענדן פון זיך אונזער באַאָבאַכטונג. אַלע באַציונגען, וואָס פליגעלמאַן האַלט־אונטער מיט דער געזעלשאַפט, זענען נאָר הוילע אַרויסדרייעניש.

אויסריידן. ווען דאָס ווען פון פליגעלמאַנס „טאַטן" ווערט אונז אויפגעקלערט, איז דאַן זיכערער אונזער וועג צו זיין גאַנצן פּסיכאָלאָגישן מהות. למשל: צוויי הויפּט־מאָטיוון שפּילן אפשר די גרעסטע ראָלע אין דעם אינטימען לעבן פון אַ מענטש: די מאָטיוון פון פריינטשאַפט און ליבע. דידאָזיקע צוויי וויכטיקע אייגנשאַפטן, אין זיי דערקענט מען אַמשטאַרקסטן ווי אַזוי עס רעאַגירט דער מענטש אויף די אַפעקטן פון לעבן. די אייגנשאַפטן פון פריינטשאַפט און ליבע, וואָס זיי זענען אַמפרעמדלעכסטן פליגעלמאַנס ווען, גראָד זיי נעמט ה. ד. נאָמבערג אַלס הויפּט־מאָטיוון פון אַקציע אין דער נאָוועלע. מיר זאָלן זען, נישט בלויז ווי פליגעלמאַן טראַכט, נאָר אויך זיינע האַנדלונגען און מעשים, זיינע טאַטן. אין דעם צווישנשפּיל פון פליגעלמאַנס געדאַנקען און פליגעלמאַנס טאַטן באַקומען מיר צום אָנבליק די גאַנצע פּעריפעריע, ווו עס לעבט זיך אויס דידאָזיקע מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט, די פּסיכישע אַטמאָספערע פון איר וועלט־דאָזיין. אינעווייניק אין דער נשמה באָרעט זיך פליגעלמאַן אַ דערשלאָגענער מיט די קליינ־לעכקייטן, אין וועלכע ער שטעקט, דאָך שטרעקט ער אויס זיין צעבראָכענע האַנט נאָך אַ גרעסערן שיקזאַל. דערביי: דאָס איז כאַראַקטעריסטיש — ווען פליגעלמאַן וויל מאַניפעסטירן אַ טאַט, כדי אונז איבערצוצייגן, אַז ער האָט נאָך באַציונגען מיטן לעבן, קומען זיינע מעשים אַרויס אַטראָפירט, מעכאַניש, מאַנעקינהאַפטיק. וואָרים, פליגעלמאַן איז אַן אָפּגעשטאָרבענער מענטש, און אויב ער לעבט, לעבט ער נאָר אַלס ווידערשפּרוך צום לעבן. פליגעלמאַן מיינט אין דעמדאָזיקן ווידערשפּרוך צו שפּילן די פּאָזע פון דעם פילאָזאָפישן ציניקער, דעם איבערגעשפּיצטן לעבנס־חכם. גראָד אָבער אין די לעבנס־קאָנפליקטן, אין וועלכע ער באַמיט זיך צו באַווייזן אין זיין אַקטיוויטעט, איז ער אַמטראַגיקאָמישסטן. דאָס האַמלעט־שפּיל פּאַסט נישט פאַר אים, הגם פליגעלמאַן איז אין זיין ווען אַ האַמלעט־כאַראַקטער. עס קלאַפּט נישט צוזאַמען ביי פליגעלמאַנען דאָס **ווען** מיט דער טאַט. מיט זיינע מעשים מיינט אונז פליגעלמאַן אָפּצונאַרן, ווי ער וואָלט געזאָגט: נעמט ווירקלעך נישט צו ערנסט דאָס אַלץ, וואָס איך זאָג, זעט, סוף־

כל־סוף, ווען איך וויל עפּעס טון, בין איך אַ גאָרנישט. מיר ווערן פאָרט נישט אָפּגעגאַרט, ווייל מיר פילן דאָך: הינטער פליגעלמאַנס פילאָזאָפישער פראַזנהאַפטיקייט בלוטיקט אַן אָרימער מענטש. וועמען שענקט פליגעלמאַן זיין פריינטשאַפט! מיט אַנדערע באַקאַנטע „זעט ער, אַז דער שמועס זאָל נישט צו באָענט צוקומען, ער זאָל נישט באַרירן — ווי ער דריקט זיך אויס — זיין וועלט־אָנשויאונג. נענטער פאַר אַלע איז אים לעוואַנטקאָווסקי (נאָמבערגס קורסיוו), אַ לערער, אַ טאַטע פון זעקס קינדער און אַ גרויסער אָרימאַן, נאָר זייער אַ פריילעכער. מיט לעוואַנטקאָווסקין איז פליגעלמאַן אָפנהאַרציק און רעדט מיט אים אַ סך מאָל פון זיך אַליין (דאָ גייט אַ פאָרציע פילאָזאָפיע). פליגעלמאַן רעדט רוסיש, לעוואַנטקאָווסקי פאַרשטייט נישט די שווערע ווערטער, נאָר מודה איז ער און לעזט אים פאָר אַ שיר וועגן דער טבע".

— „דער שיר איז גוט — ענטפערט פליגעלמאַן — איר וואָלט נאָר געברויכט צו האָבן אַ טיפערן, פילאָזאָפישן בליק. יאָ, דער שיר איז גוט (גיט צו פליגעלמאַן), מיר וועלן נאָך רעדן דערפון. אַ גוטע נאַכט."

לעוואַנטקאָווסקי, דער גראַפאָמאַן, דער לא יוצלח, דער האַלב־שוואַכזיניקער דלות איז דער „נאָענטסטער" מענטש פון אונזער ציניש פילאָזאָף. מיט אים שמועסט ער זיך אויס. אָט מיט דעם לעוואַנטקאָווסקין פירט פליגעלמאַן זיינע פילאָזאָפיש־פעסימיסטישע געשפרעכן. אַז הינטער דערדאָזיקער „גייסטיקער פריינטשאַפט" שטעקט די ביטערסטע איראָניע אַקעגן דער פריינטשאַפט בכלל און אַקעגן אַ יעדער באַציונג פון מענטש צו מענטש, קאָן דער לעזער לייכט באַמערקן. מיר זעען דאָ דעם איזאָלירטן יידישן אינדיווידואַליסט, אין אַלע קאָנסעקווענצן פון דער שיטה, צו וועלכער עס ברענגט אים זיין זעעלישע דיספּאָזיציע. אָנשטאָט וואָס ביי אַנדערע יידישע שריפטשטעלער (ביי פרצן, צבש.) טרעפן מיר דעם עקסטרעם־ אינדיווידואַליסטישן יידישן מענטש באָך אין זיין אויפבלי, ווען ער טראָגט זיך אַרום מיט די שענסטע האָפנונגען און גלויבט, אַז עס וועט אים אַמאָל געלונגען צו

דערלאַנגען דעם הימל, ווייזט אונז ה. ד. נאָמבערג דעמדאָזיקן האָפערדיקן יידישן אינדיווידואַליסט אַלס אַן אַנטוישטן. דער עקסטרעמער יידישער אינדיווידואַליסט האָפט זייער לייכט, ער דעגענערירט נאָך לייכטער. דער יידישער אינדיווידואַליסט באַלאַנסירט צווישן תּהום און הימל; אין דעמדאָזיקן באַלאַנסירן דראָט אים תּמיד די סכּנה צו ברעכן דאָס געניק. ער איז דער גייסטיקער מנחם מענדל, וואָס וויל אָדער אַ מיליאָן, אָדער גאָרנישט, און בלייבט ס'רוב ביי גאָרנישט. אין „פליגעלמאַן" זעען מיר אָט-אָ דעם יידישן אידעאַליסטישן שטרעבער, וואָס איז געבליבן ביי גאָרנישט. אַמאָל האָט ער געזוכט דעם איבער-מענטש, איצט זוכט ער דעם נאַר. וואָרים, אַלע אָפּגעקומענע און אַנטוישטע גלויבן, ווי דער אַלטער קעניג ליר, אַז סוף-כּל-סוף איז דער קליגסטער פון אַלעמען דער נאַר. זיי לאָזן זיך פון אים זאָגן מוסר און ווי געהאָרכזאַמע תּלמידים פרעגן זיי ביים נאַר זיין מיינונג וועגן די אייביקסטע פראַגן פון דער וועלט. ער באַלאַבאָטשעט, דער נאַר, און זיי שאָקלען צו מיטן קאָפּ, און ס'וווערט ביי זיי אין האַרצן אַ ספק: אפשר איז גאַר אָט-אָ דער נאַר דער געזוכטער איבער-מענטש? די וועלט איז אין תּוך אַריין אַ הוילע ווינט-מיל, מיר אַלע זענען די דאָן-קישאָטן און דער נאַר איז דער איינציקער חכם, וואָס וויל נישט קעמפן מיט דער ווינט-מיל און לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן.

אַזוי איז לעוואַנטקאָווסקי דער נאַר און דער אָראַקל פליגעלמאַנס, דער שפּיגל פון פליגעלמאַנס אינערלעכער עלנטקייט. דער צווייטער „איך", מיט וועלכן פליגעלמאַן „טיילט זיך" מיט זיינע אינטימסטע געדאַנקען. „איך פיל — זאָגט ער צו לעוואַנטקאָווסקין — אַז איך ווער אַ פּעסימיסט. אייגנטלעך איז דאָך דער פּעסימיזם דאָס לעצטע וואָרט פון דער פילאָזאָפיע."

„לעוואַנטקאָווסקי זיצט דערביי און מאַכט פּאַמעלעך אַ פּאַפּיראָס און באַמיט זיך אַלץ מער טאַבאַק אָנצושטופּן. און פליגעלמאַן זאָגט פּלוצלינג:

— איר ווייסט וואָס, לעוואַנטקאָווסקי, איר זייט אַ נאַר".

און ווען פליגעלמאַן בלייבט אַליין אין שטוב חזרט ער

נאָך פאַר זיך: „ער איז אַ ריינער נאַר... אַ נאַר... אַ נאַר... אַ נאַר... און עפּעס האָט זיך געוואָלט דאָס וואָרט אַ סך מאָל איבערחזרן". פּליגעלמאַנס „פריינט".

אין אַן אַנדער אָרט פון דער נאָוועלע ווייזט אונז נאָמבערג ווי זיין העלד רעאַגירט אויף דעם אַפעקט פון ליבע. מיר טרעפן דאָרט אין פליגעלמאַנען דאָס געמיש פון נאַיווסטער יונגלישקייט, ביז צו די הילצערנע אומבאַהאָלפענע ליבע-באַוועגונגען פון אַ האַלב-פּאַראַליזירטן זקן. טראַגישע גראָטעסקע! „פון ליבע האַלט פליגעלמאַן זייער". „אַ מענטש, וואָס איז נישט גענויגט פון דער נאַטור צו ליבע, האָט ווייניקער ווערט ווי אַ מענטש, וואָס קאָן נישט לעזן און שרייבן". ליבע איז אַ לעבנס-אינהאַלט. ליבע איז זשעסט. ליבע איז גרויסצוגיגקייט. דער פילאָזאָף פליגעלמאַן דאַרף נישט פאַרזוימען דאָ אויך אַריינצוזאָגן זיין וואָרט: ער טוט עס. מיר זעען ווידער פליגעלמאַנען, ווי ער סימולירט דעם נאַר, ער שפּילט דעם פאַרליבטן בחור, דעם ראָמאַנטישן ריטער. אונזער פליגעלמאַן, אַחוץ זיין ניכטערן „פילאָזאָפישן" ציניזם, איז ער גראַד טיילמאָל סענטימענטאַל ווי אַן אמתר טרובאַדור און צאָלט מיט אַ רובל טייערער פאַר זיין צימער נאָר דערפאַר, אַז ביינאַכט זאָל אים אַריינשיינען די לבנה דורכן פענסטער. ביי אָט-אָ דעם פאָעטישן פענסטער זיצט ער און לייענט די קלוגע ביכער, טראַכט דאָרט די קלוגע געדאַנקען, וועלכע ער דערציילט שפּעטער פאַר זיין „פריינט" לעוואַנטקאָווסקי, און, ווי אַ יעדער פּיעראָט, האָט ער דורך אָ דעם טעאַטער-פענסטער באַמערקט זיין קאָלאָמבינע. „אַ בלייכלעך געשטאַלט מיט שוואַרצע האָר, אין אַ העלער בלוזע און מיט אַ שניי-ווייסן שטייפן קאָלנער. אויגן גרויסע און שוואַרצע האָבן געקוקט גלייך צו זיין פענסטער. עס איז געווען אינדערפרי. אין דרויסן איז געווען ליכטיק. אַ העלע שיין איז געלעגן אויף אַ האַלבער, קעגנאיבערדיקער מויער. די פענסטער זענען געווען אָפן און דאָס מיידל האָט גע-האַלטן די האַנט איבער די אויגן און האָט געקוקט. פליגעלמאַן האָט אויך געקוקט". ווי ראָמאַנטיש! דער צינישער פילאָזאָף שפּילט אונז אָפּ אַ גאָרטן-סצענע פון „ראָמעאָ און יוליאַ"! באַלד

טוישן זיך די דעקאָראַציעס. פליגעלמאַן דערמאָנט זיך, אַז ער באַדאַרף זיין דער סקעפּטיקער און „אַז דער גרעסטער נצחון פון אַ מענטש איז, אַז מען איז זיך אַליין מנצח". דער פילאָזאָף באַזיגט זיך אַליין. „פליגעלמאַן האָט אַ קלאַפּ-געגעבן מיט צוויי פינגער אויפן פענסטער און געזאָגט צו זיך: גענוג!"

אַזוי זיצט ער עטלעכע פרימאָרגנס כסדר ביים פענסטער. לייענט אַ בוך און קוקט אַריבער צום מיידל. ענדלעך, אַמאָל נאָך אַ געוויטער, ווען ס'האָט צוריק אויפגעשיינט די זון, האָט פליגעלמאַן ביי זיך באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך דערקלערן אין ליבע. „ער האָט אַ שאָקל-געגעבן מיטן קאָפּ, און אַ זיסער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פנים".

נאָר דאָס מיידל פון קעגנאיבערדיקן פענסטער „האָט זיך ראָש אויפגעשטעלט, אַ גרויסע רויטע צונג האָט זיך באַוויזן און די ראַלעט איז ראָש אַראָפּגעפאַלן".

די פאָרהאַנג איז געפאַלן איבער אָט-אָ דעם קלוגן נאַר. פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ.

אין דידאַקטיקע מאָנאָטאָנע פּסיידאָ-געשעענישן פאַרגייען פליגעלמאַנען די יאָרן. מיר האָבן דעם איינדרוק, ווי פליגעלמאַן וואָלט תמיד געשטאַנען פאַר אַ שפּיגל, געזען דאָרט אַ צווייטן פליגעלמאַנען, געגלויבט, אַז אין דער ווירקלעכקייט באַשטייט דאָס לעבן פון זיי ביידן און דאָס איבעריקע איז אַ בלויזער חלום. ער האָט פאַרגעסן דאָס לעבן, און דאָס לעבן, וואָס פליגעלמאַן האָט זיך געפילט קליגער דערפון און עס איגנאָרירט, האָט נישט גע-פונען פאַר נויטיק אים נאָכצולויפן. דאָס לעבן האָט אים פאַרגעסן (אפשר מיט אומרעכט), פליגעלמאַנען דעם פּעסימיסט, ווי מען פאַרגעסט אַ פאַרלוירענע קלייניקייט. פליגעלמאַן האָט פאַרשפּעטיקט דעם צוג און ער איז איבערגעבליבן איינזאַם און עלנט פאַר זיין שפּיגל. פון דאָרט רירט ער זיך נישט. ער ווערט דאָרט קליגער, דאָך נאַרישער, עלטער, דאָך קינדישער. ער קרומט זיך אַליין נאָך און ער גלויבט דערמיט צו שפּילן דעם גרויסן אַנטוישטן, דעם טראַגישן העלד, דעם האַמלעט.

ווייט פונעם לעבן טרייבט ער מיט זיך אַ מין פּסיכישע

„זעלבסט-באַשטויבונג". יעדע אַרט פון „זעלבסט-באַשטויבונג" דער-פירט סוף-כל-סוף צו דעגענעראַציע. ער באַפרוכטעט זיך אַליין, וואָרים פליגעלמאַן גלויבט נישט, אַז נאָר די וועלט קאָן באַפרוכטן. ער זוכט-אויף לעוואַנטקאָווסקין אים צו דערציילן זיינע געדאַנקען. אויך פליגעלמאַנס סעקסואַליזם שמעקט מיט זקנה. „עס וואַקסט נאָר אין זיין האַרצן דאָס בענקשאַפט נאָך אַ ווייב, דאָס בענקשאַפט האָט אים אַ סך מאָל זייער צערודערט און אין דער לעצטער צייט אויפגערעגט די נערוון און געשטערט צו לעזן". אין דעמדאָזיקן פּרוכטלאָזן סעקסועלן אַפעקט מיינט פליגעלמאַן צו הערן ווי דאָס לעבן קערט זיך צוריק צו אים און רופט אים.

אַזוי פאַרוואַנדלט זיך פאַמעלעך אונזער „ריטערלעכער" בטלן, דער אינטעליגענטישער דאָן-קישאָט, דער פילאָזאָף פליגעלמאַן אין אַ פּשוטן פּחדן. ער האָט בייזע חלומות בייּנאַכט און עס שרעקט אים אַ ווייס האַנטוך אויף דער וואַנט. ער גלויבט אין זיין פּחדנות צו זיין דער מיסטיקער, ווייל ער האָט ערגעץ-ווו געלעזן אין ביכער, אַז דאָס לעבן איז אַ געהיימניש.

צום סוף גייט פליגעלמאַן טון דאָס גרעסטע נאַרישקייט אין זיין לעבן: ער גייט באַווייזן מוט.

דערדאָזיקער אָרימער קאָמעדיאַנט גייט אָפּשפּילן זיין טראַגישסטע גראָטעסקע. דער מענטש, וואָס האָט פון עלנטקייט פאַרלוירן דעם חשבון מיט זיך אַליין, גייט מאַכן דעם לעצטן חשבון-שטריך אונטער זיינע מעשים!

ער וויל מיט זיך מאַכן אַ סוף און דערטרענקן זיין גוף אין דער ווייסל.

אָנשטאָט דעם פאַלשן מוט, וואַקסט נאָר אין פליגעלמאַנען דאָס שרעקלעכסטע פּחדנות. אויף דער ווייסל-בריק, ווו ער באַדאַרף איצטער צו מאַכן דעם טראַגישן זשעסט און אַריינשפּרינגען אין וואַסער אַריין, באַמערקט ער פלוצלינג אַ פּאָליציאַנט און דער פילאָזאָפישער „זעלבסטמערדער" באַרויקט זיך דערמיט, וואָס ער האָט אַ פּאַספּאָרט אין קעשענע און האַלט זיך די האַנט פאַרן בוזעם.

ער איז זיך משער, „אַז ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער" און שלאָפט-איין אין אַ פּאָליציי-צירקל.

„אינדערפרי, אַז דער פּאָליציאַנט האָט אים מיט געוואַלט אויפגעשטעלט אויף די פיס, האָט ער זיך בשום אופן נישט גע־קאָנט דערמאָנען, וואָס ער טוט דאָ, און ער האָט געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אַרום זיך, נאָר אַז ער האָט פאַר זיך דערזען אַ פּאָר שליפעס מיט אַ שווערד און האָט דערהערט אַ שטרענג קול, האָט עפּעס אַ געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין קאָפּ. ער האָט אַריינגעשטעקט פּאַמעלעך די האַנט אין דער בוזעם־טאַש און גערעדט:

– איך האָב די ערע אונטערטעניק צו בעטן... באַגראָבט מיך. איך האָב אַ פּאַספּאָרט".

דריט קאַפּיטל.

איך האָב מיך באריכות אָפּגעשטעלט אויף דער נאָוועלע „פליגעלמאַן". כ'האָב שוין אויבן געזאָגט: דאָסדאָזיקע ווערק איז די קווינטעסענץ פונם גאַנצן נאָמבערגישן מענטשן-טיפּוס. ה. ד. נאָמבערגן איז דאָ געלונגען געוואָרן צו געבן די גענעזיס פון אַט-אָ דעם אינטעליגענטישן יידישן אינדיווידואַליסט, וואָס גייט פּראַווען מיט זיך „אינטעלעקטועלע יחידות" און פאַרוואַנדלט זיך צום סוף אין אַ וועגעטירנדיקן עלנטן מאַנעקין: וויפיל לעבן און לעבנס-כוח מוזן אין זיך האָבן דידאָזיקע, וואָס גייען זיך אָפּזאָגן פון לעבן! שוואַכע נאַטורן, וואָס שטעלן זיך אין די רייען פון יענע גליקזעליקע פּעסימיסטן ווערן אָנבּרחמנותדיק באַשטראָפט. מיר הערן אָפּט ווי פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן, העראָישע יחידים, גרויסע אַנטוישטע, רופן אונז צו: מיר גייען-אַוועק פון אייך. Morituri te Salutant! — די צום שטאַרבן גייענדיקע גריסן אייך! נישט יעדער אַנטוישטער מעג זיך אָבער איינרעדן, אַז אים מיינט מען, אַז צו אים ווערט גערופן.

אין „פליגעלמאַן" שילדערט אונז נאָמבערג מיט דער ביטערסטער קאָנסעקווענץ אָט-אָ דעם קליינעם אינדיווידואַליסטישן אַנטוישטן. אונזער יידישן אינדיווידואַליסט איז דידאָזיקע טראַגעדיע באַזונדער נאָענט. אויב דער אינדיווידואַליסטישער מענטש בכלל קוקט אַמאָל אויף דער וועלט און אויפן לעבן ווי אויף אַ יֵש פון האָפענונגסלאָזיקייט, וויפיל יאושים און אויסזיכטסלאָזיקייטן באַדראָען דאָס יידישע לעבן. פאַר נישט איין יידישן אַנטוישטן אינטעליגענט איז „פליגעלמאַן" אויסגעוואָקסן צום סימבאָל פון אַן אינערלעך שיקזאַל. אין דער יידישער ליטעראַטור איז „פליגעלמאַן" געוואָרן אַ שפּרוך-וואָרט.

אין אַ ריי ענלעכע נאָוועלן פון דעמדאָזיקן זשאַנר פּרוּווט נאָמבערג מיט אַנדערע סיטואַציעס צו דערגאַנצן דעם לעבנס-שטייגער און דעם לעבנס-גורל פון זיין פליגעלמאַנישן העלד. דער העלד וווינט כמעט כסדר אין וואַרשע, האָט דאָס אויסקומעניש פון געבן לעקציעס און וווינט אויפן פינפטן שטאָק. אַמאָל וווינט ער אַליין, ס׳רוב מיט אַ חבר, וואָס איז, ווי לעוואַנטקאָווסקי, זיין „פריינט״ אָדער זיין עבן-בילד, שלאָפט זייער זעלטן אַליין אין אַ בעט און האָט אַפילו נאַקעטערהייט נעבן זיך דעם שמוציקן עלנטן גוף פון זיין „פריינט״. נאָמבערג רינגלט-אַרום זיינע העלדן מיט אויסערלעכן עלנט און אָרימקייט, נישט ווייל ער איז אויסן אונז צו ווייזן, אַז דאָס לעבן איז גרויזאַם, אַז מענטשן לעבן שלעכט און אַז עס איז די שולד פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, וואָס נשמות גייען-אויס ווי ליכט און פאַרשידענע מענטשלעכע נפשות זענען אויסגעשטעלט צום אונטערגאַנג. אין וועזן זיינעם איז נאָמבערג נישט קיין סאָציאַליסט. ער איז אינדיווידואַליסטישער אַנאַרכיסט. זיינע העלדן שטייען מחוץ דעם קאָלעקטיוו, מחוץ וואָסערע עס איז געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש. אין דעם שלעכטן עקאָנאָמישן מצב פון זיינע מענטשן מיינט נאָמבערג קיינעם נישט צו באַשולדיקן. ער לאָזט די העלדן זיינע שטיין אין לעבן אָן שום אָנהאַלט, אָרים און פאַרלאָזן, כדי דערמיט נאָר בולטער אַרויסצוהייבן זייער זעלישע עלנטקייט: קוקט ווי נישטיק און אומבאַהאָלפן דידאָזיקע אינדיווידואַליסטישע אַנטוישטע זענען. דאָס זענען אָרימע אין זייער גייסט. קיין שום סיבה איז נישט שולדיק אין זייער אָרימקייט. אין זיי אַליין ליגט די גאַנצע שולד. די נאָמבערגישע מענטשן זענען אינערלעך דיספּאָנירט צו זייער אומגליקלעך לעבן און מוזן דעריבער אַלצדינג טראָגן אויף אייגענע אַחריות. מוטלאָזיקייט און טאַטלאָזיקייט. דאָס איז זייער עלעמענט. זייער אַטמאָספער. טאַט, דאָס איז דאָס אַפּעלירן צו אויסערלעכע כוחות, מיט דער טאַט וויל דער מענטש אַוועקשטויסן דאָס, וואָס שטייט אים אין וועג, די טאַט מאַכט דעם מענטש פרייער און אַקטיווער. נאָמבערגס העלדן שטייט קיינער נישט אין וועג. זיי שטייען זיך אַליין אין וועג. דער מינדסטער פּרוּוו פון טאַט ביי זיי, באַשטעטיקט בלויז דעם טרויעריקן פאַקט: ס׳גלייכסטע

איז זיך אָפּצורוימען פון וועג. זיך נישט פּלאָנטערן קיינעם פאַר די פיס. אַלע נאָמבערגישע העלדן האָבן דאָס געפיל, אַז זייער לעבן איז אַ פולשטענדיק איבעריקע זאַך, אַז זייער פילאָזאָפיע איז נישט בכוח קיינעם קליגער צו מאַכן, אַז זיי פּלאָנטערן זיך נאָר אַלעמען פאַר די פיס. זייער אויסערלעכע אָרימקייט מאַכט זיי אויף קיינעם נישט בייז, זיי מאָנען ביי קיינעם נישט זייער קריוודע, זיי האָבן נישט קיין קלאַסן-האַס. דאָס אָרימקייט פון זייער גוף איז נאָר דער שפּיגל פון דעם גרויסן אָרימקייט אין דער נשמה ביי זיי. דאָס אָרימקייט איז זייער שאַנדע. דעריבער ווערן ביי זיי די הענט געליימט ביי אַ יעטוועדער טאַט און זיי שטעלן זיך אַליין מחוץ זייער רעכט צום לעבן. ווען נאָמבערגס אַ העלד, אַן אָרימער לערער ווערט באַליידיקט פון זיין תּלמיד, דעם רייכן חסידישן בחור, און ער וויל אים אָפּצאָלן די באַליידיקונג, דערציילט דער לערער: „איך געדענק, אַז מיין האַנט האָט זיך אויפגעהויבן, איך וואָלט אים ווער ווייס וואָס געטון, נאָר מיין בליק איז אומגערן געפאַלן אויף מיינע קאַמאַשן — זיי זענען געווען אויסגעקרומט". אַן אַנדערער נאָמבערגישער העלד שרייבט בריוו און קאָן זיי קיינמאָל נישט אַוועקשיקן. דאָס נישט קאָנען זיך צו גאָרנישט דעצידירן איז דער הויפּט-פּסיכאָלאָגישער מאָמענט ביי נאָמבערגס מענטשן. זיי אַלע פייניקן זיך כּסדר צווישן עפּעס אַן אינערלעכן ווילן, וואָס שטופּט זיי צום לעבן און צו מעשים, גלייכצייטיק קאָנען זיי זיך צו גאָרנישט אַנטשליסן. דער מרחק צווישן דעם ווילן און דער טאַט איז פאַר זיי צו גרויס, און זיי קאָנען קיינמאָל נישט אָט-אָ די צוויי פאַקטן צוזאַמענבינדן — און בלייבן תּמיד אינמיטן. „ער האָט גע-האָט דאָס געפיל, אַז דער קוש איז געווען אַ נאַרישע צופעליקע טאַט, ווי אַלע זיינע טאַטן, ווי אַלע זיינע געדאַנקען און ספקות". „די גאַנצע צען פאַרוואָגלטע יאָר האָבן אויסגעזען, ווי אַ לאַנגע קייט פון גריבלערייען, פון פילאָזאָפירן און קרומערייען, ווי עפּעס אַן אומנאַטירלעכע זאַך, וואָס דערוועקט נאָר עקל און אויסלאַכן..." „אייך, בענדער, דאַרף מען נאָר געבן און געבן, איר שטייט שטענדיק מיט אָפענע הענט און וואַרט מען זאָל אייך געבן. פאַרוואָס נעמט איר נישט דאָס גליק, אויב איר ווילט עס? גליק דאַרף מען נעמען,

דאַרף מען נאָכיאָגן, נישט שטיין ווי אַ בן-יחיד און וואַרטן ביז מען וועט געבן. פאַרוואָס זאָל מען אייך געבן? מיט וואָס האָט איר דאָס פאַרדינט?" „אַ צעבראָכן אייזערן בעט, וואָס האַלט זיך קוים, פיר ווענט, וואָס שטיקן – אָט, דאָס איז דאָס לעבן מיינס, דאָס איז אַלץ, אַלץ..." מיט אַזעלכע בילדער און מעטאַפאָרן איז אויסגעזעצט דאָס לעבנסבילד פון אַלע נאָמבערגישע מענטשן. עלנטע, האָפנונגסלאָזע אַנטוישונג, מיט דעם איז פול די גאַנצע וועלט, אין זיי, און אַרום זיי. זיי באַמיען זיך ווי אַלע אַנטוישטע צו לעבן אָפּגעזונדערט, רעדן זיך טיילמאָל איין פריינטשאַפט אָדער ליבע, כּדי זיך צו פאַרשכּורן מיט פאַלשע לעבנס-אילוזיעס. איינדעראמתן זענען זיי קיינעם נישט קיין פריינט און האָבן קיינעם נישט ליב. זיי קאָנען עס נישט. „ער איז איינזאַם און עלנט און קיין מענטש און קיין זאַך עקזיסטירט נישט אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל קאָנען דערויף זאָגן: אָט דאָס האָב איך ליב..." גיכער האָבן זיי קעגן זיך אַליין דעם גרעסטן ווידערווילן, און מ'פילט ווי דידאָזיקע מענטשן טראָגן אין זיך אַרום כּעס און האַס צו זיך זעלבער און צו אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס געהערן צו זייער שניט. אַנטוישטע פילן צווישן זיך נישט קיין קרבות און ברודערשאַפט, ווי די, וואָס האָבן געפונען אין לעבן אַ גרויסע פרייד. פרייד דערנענטערט מענטשן צווישן זיך, פרייד רופט אַלעמען צוזאַמען, אַנטוישונג צעשיידט, און צער האָט ליב די איינזאַמקייט. „אין זיין האַרצן וואַקסט אַ שנאה צו דעם שווייגעדיקן רויקן מענטש, וואָס איז אַ סך עלנטער און פאַרלאָזטער פאַר אים".

אַזוי טרעפן מיר כּסדר נאָמבערגס מענטשן ווי זיי דרייען זיך אַרום אָן ציל און אויסוועג אין אַ לופט-אַטמאָספער, וואָס זיי אָטעמען אַליין פון זיך אַרויס. אין אָט-אָ דעם געפיל פון אייגענער מינדערווערטיקייט און אין דער זיכערקייט, אַז זיי וועלן קיינמאָל גאָרנישט באַווייזן, בלייבן זיי נאָך צום אומגליק די פאַרעקשנסטע סוביעקטיוויסטן. וויסנדיק, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער וועלט, ווילן זיי טיילמאָל נאָכטון די דיכטער: זיך אַבסטראַהירן אויס דער אייגענער פּערזענלעכקייט. אויסלעבן אין דער אייגענער פאַנטאַזיע: די נאָמבערגישע מענטשן זענען דיכטעריש אין זייער

ווילן. דאָ אָבער, אַמנוענטסטן ביים עלעמענט פון זייער וועזן, ביי זייער לעבנס-אידעאַליזם, זענען זיי אַמקאָמישסטן. גראָד אין זייער עכטקייט ווערן זיי גראָטעסק, זייערע כימערעס זענען אָן שוווּנג, אין זייערע פאַנטאַזיעס איז אָנשטאָט פאַנטאַזיע פּאַראַן טרייסטלאָזע איינרעדעניש, אָרימע זעלבסט-גענאַרעריי.

אין דער נאָוועלע „אויף איין קוואַרטיר" באַגעגענען מיר אַזעלכע צוויי נאָמבערגישע טיפּן. דער אויסדרוק צוויי איז אייגנטלעך נישט אויפן אָרט. ס'זענען נישט קיין צוויי כאַראַקטערן. נאָמבערג גיט קיינמאָל נישט קיין צוויי פאַרשידענע מענטשן. ס'איז איין כאַראַקטער, געשפּאָלטן אויף צוויי פאַרשוינען. אַ נאָמבערגישער מענטש און זיין שאָטן. „זיי זענען ביידע געווען אָרים, פאַרלאָזט און עלנט, אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט. זייערע באַקאַנטע זענען געווען אָרים, פאַרלאָזט און עלנט ווי זיי". דידאָזיקע „צוויי" מענטשן ווינען צוזאַמען און שלאָפן צוזאַמען. „אין בעטל איז געווען ענג: דאָס בעטגעוואַנט שוין לאַנג נישט איבערגעצויגן און ביידע, פיינער און גוטמאַן, האָבן זיך באַמיט איינער דעם אַנדערן באַקוועמער צו מאַכן. זיי האָבן זיך עטלעכע מאָל געקערט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, איבערגעלייגט די קישן, נאָר מיט די הענט איז שווער געווען דורכצוקומען, ווייל האַלטנדיק זיי אויפן קישן, האָבן זיי זיך געטראָפן און האָבן זיך אָפּגערוקט ווי אָפּגעבריט. ביידע האָבן געשוויצט. און פילנדיק דעם חברס גוף, האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן דעם אייגענעם פליישיקן און שמוציקן גוף, וואָס ווערט געבוירן אומריין, וואַקסט און צעפאַלט..." ביידע זענען זיך לאַנגווייליק איינער דעם אַנדערן. ליידן זיך נישט.

אַזוי פאַרגייט זיי מן הסתם די צייט. איינטעניק, גראָ. אין אַ געוויסן טאָג קומט-פאָר אין זייער לעבן אַ טראַגיקאָמישע סצענע.

איינער פון זיי, גוטמאַן, געפינט אַ פאָטאָגראַפיע. אַ בילד פון אַ מיידל. דער אָרימער גוטמאַן זיצט ביי אַ טישל אין זיין צימער, פאַר אים די פאָטאָגראַפיע. ער קוקט זיך איין אין איר. ווער ווייס זיינע מחשבות. ס'איז פאַרנאַכט. אין דרויסן קאַפּעט אַ רעגן. ס'עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין גוטמאַנס חבר

פֿײַנער. דערזעענדיק גוטמאַנען מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע, בליצט באַלד בײַ פֿײַנערן אויף דער געדאַנק: דאָס איז דאָס בילד פֿון גוטמאַנס אַ מיידל.

עס גייט זייער אַן אומעטיקע קאָמעדיע: דער חשק צו לעבן און צו ליבן, וואָס טליעט נאָך אין זייערע איינזאַמע הערצער און האָט נישט די מינדסטע האָפֿנונג צו דערגרייכן וואָסערע עס איז דערפֿילונג. דערדאָזיקער באַגער פֿאַרקערפּערט זיך אין אַ בלוטאָרימע אילוזיע, אין אַן איינרעדעניש. ה. ד. באַמבערג וויצלט זיך מיט ווירקלעכער געפֿילפֿולקייט איבער זיינע העלדן! דידאָזיקע באַשעפֿענישן, זיינע העלדן, האָבן פֿאַר אים אַבסאָלוט נישט קיין ווערט. ער האָט נישט פֿאַר זיי קיין אַכטונג. צומאָל נישט קיין רחמנות. „ווען זיי זענען געווען צוזאַמען, האָט זיך געפֿילט, אַז אַחוץ זיי געפֿינט זיך נאָך אַ דריטע פּערזאָן, אַ פֿריש, יונג און גליקלעך לעבעדיק באַשעפֿעניש.” דידאָזיקע הילפֿלאָזע אילוזיע דערציילט באַמבערג אַלס וויץ. אָט דאָס שטיקל טאָוול, די פֿאָטאָגראַפֿיע מאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער גראָקייט פֿון זייערע טעג. הגם ער האָט דאָס מיידל קיינמאָל נישט געזען, שפּילט גוטמאַן דעם פֿאַרליבטן און פֿײַנער איז אייפֿערזיכטיק. נעבעך. ס׳וויקלט זיך פֿאַנאַנדער אַ דראַמע, נאָר מיר שטייען הינטער די קוליסן און מיר זעען די שטריקלעך, אויף וועלכע די העלדן פֿון דער ליבעס-טראַגעדיע זענען אויפֿגעצויגן. אָרים מאַריאָנעטן-שפּיל פֿון אָפּגעקומענע מענטשן! באַמבערג ווייזט אונז דעם גאַנצן נישטיקן מעכאַניזם פֿון זייערע ליידן, כּדי זיינע העלדן לעכערלעך צו מאַכן אין אונזערע אויגן. קוקט, אַפֿילו דאָס ליידן און דער שיקזאַל פֿון דידאָזיקע מענטשן איז לעכערלעך! לעכערלעך צו מאַכן זיינע העלדן, דאָס איז באַמבערגס איינציקע נקמה אין זיי.

דער אייפֿערזיכטיקער פֿײַנער דערמאָנט זיך עפּעס אָן זיינעם אַ באַקאַנטן. ס׳איז זומער, ער פֿאָרט-אַרויס צו זיין באַ-קאַנטן אויף דאַטשע. פֿײַנער איז אין וואַלד אַליין, דאָרט באַפֿאַלן אים טרויעריקע געדאַנקען און ער פֿילאָזאָפֿירט וועגן זיך. פּלוצלינג רוקט זיך אַרויס פֿון צווישן די ביימער אַ שוואַרצע פֿיגור.

אַ פּרויוענצימער. פיינער דערקענט זי: דאָס מיידל פון דער פאָטאָגראַפיע.

פיינער קומט צוריק קיין וואַרשע מיד און צעבראָכן. עס שטעלט זיך אים פאָר ווי „די שיינע, די רויקע און גליקלעכע שטרעקט-אויס אירע צוויי אָרעמס און נעמט-אַרום גוטמאַנען, קושט אים... און גוטמאַן, צופרידן מיט זיך, מיט אַ גלויבן, אַז ער האָט דאָס פאַרדינט, שמייכלט און קושט זי פאַמעלעך.”

דאָ ווערט ווייטער דערציילט דאָס ליידן פון דעם אייפער-זיכטיקן פיינער, די „דראַמאַטישע טראַגעדיע” פון אָט די צוויי ליב-האָבער, וואָס ווערט דראַמאַטיש דורך אַ פשוטן וויץ, דורך אַ טרויעריקן טעות. זיי פאָרן ביידע צוריק אין וואַלד אַריין, באַגעגענען ווידער דאָס פרויענצימער. דאָס שיקזאַל דעקט-אויף די קאָרטן. די עלנטע דערקענען ווי דאָס לעבן האַלט זיי צו נאַרן. גוטמאַן צערייסט אומעטיק דאָס שטיקל טאָוול פון דער פאָטאָגראַפיע. צעשפרייט די צעריסענע שטיקלעך אויפן ווינט.

שפעטער, ווען אין זייער ענגן צימער איז פינסטער, „אויף די שויבן ליגט די שוואַרצע נאַכט, אויף די דעכער קלאַפט דער רעגן, און דער ווינט בלאָזט דורך אַ האַלב-אויסגעהאַקטער שויב” ליגן די ביידע נאָמבערגישע מענטשן צוזאַמען אין זייער בעט, זייערע גופים ליגן אָפגערוקט פון אַנאַנדער און זיי שווייגן און מיר פאַרנעמען פלוצלינג פון זיי אַזאַ מין דיאַלאָג:

— פיינער, דו שלאָפסט? — האָט ער געפרעגט נישט דרייסט.

— ניין, ווילסט עפעס? — פיינער האָט זיך צו אים אויסגעדרייט מיטן פנים.

— הער, וואָס וואָלט געווען, אַז מענטשן וואָלטן נישט געהאַט קיין אויגן? דו האָסט עפעס געלעזן וועגן דעם?

— איך האָב עפעס געלעזן, — פיינערן האָבן די רייד געשראָקן.

— דו האָסט געלעזן? נו, שטעל דיר פאָר ... מיר וואָלטן גאָרנישט געזען, קיין מענטש וואָלט נישט געזען דעם צווייטן. עס וואָלט פינסטער געווען... וואָס וואָלט געווען, ווען מען וואָלט צופעליק געטראָפן אויף אַ פרעמדער האַנט? שטעל דיר פאָר...

— וואָס? — האָט פיינער געפרעגט דערשראָקן.

— מיט וואָס פאַר אַ פרייד וואָלט מען געדריקט די האַנט! מיט וואָס פאַר אַ פרייד! פאַרשטייסט?

— איך שרעק זיך, איך פאַרשטיי גאָרנישט. ווייסט, איך האָב דיר מקנא געווען... לאָז שלאָפן."

פירט קאַפּיטל.

אין אָט־אָ דעם זשאַנר פון נאָמבערגס נאָוועלן פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט דאָס ווייבערישע געשלעכט.

אַ יעדע פון דידאָזיקע נאָוועלן איז אַ קליינער ראָמאַן.

נאָמבערגס מענטשן האָבן גראָד גערן צו זיין פאַרליבט. דאָס ווייבערישע מין שפּילט אויף אַ מערקווירדיקן אופן אַ גרויסע ראָלע אין דעם לעבן פון דידאָזיקע עלנטע מענטשן.

דאָ וויל איך מאַכן אַ קליינע באַמערקונג: אומעטום אין נאָמבערגס נאָוועלן, ווו די פרויען־פיגורן שטייען נישט אין דער זייט פון די דערציילטע געשעענישן אַלס שטומע פיגורן אָדער פשוטע וויזיעס, — ווי די פרויען אין „פליגעלמאַן" אָדער „אויף איין קוואַרטיר" — נאָר זיי נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם לעבן און אין די באַגעבנהייטן פון נאָמבערגס העלדן, דאָרט זענען זיי, נאָמבערגס פרויען, כמעט שטענדיק עלטערע, אָפּגע־בליטע מיידלעך, פאַרזעסענע בוגרותן, פאַרביטערטע, אין־זיך־פאַרשלאָסענע נאַטורן. זיי טראָגן תמיד אַרום עפּעס אַ טראַגעדיע אויף דער נשמה. מען מוז דערצו צוגעבן: הגם זיי זענען אַלע פרויען פון „בעסערן שניט", זייער אינטעליגענט, טייל אַפילו אידעאַליסטקעס, וואָס זענען זיך גרייט מקריב צו זיין פאַר אַן אידעע (ליובאַ פידלער), פונדעסטוועגן האָבן מיר דעם איינדרוק, אַז דידאָזיקע אינטעליגענטישע ווייבער האָבן נישט קיין איבריק גוטן כאַראַקטער. שווערע מענטשן. וואָלטן נאָמבערגס פרויען ווען עס איז אַמאָל חתונה־געהאַט, איז קוים צו גלויבן אויב די מענער זייערע וואָלטן פון זיי געהאַט אַ לייכט לעבן. זענען נאָמבערגס פרויען מרשעתן? דוכט זיך ניין. נאָר זיי קאָנען

אַ מאַנסביל פאַרביטערן דאָס לעבן. אַזוי ווייניק פרויענהאַפט זענען נאָמבערגס פרויען! בכלל גענומען גאַנץ פאַרשטענדיקע מענטשן, לעבנס-קלוג, דאָך זענען זיי זייער קאַפּריזע און מען ווייסט אייגנטלעך קיינמאָל נישט, וואָס זיי ווילן. תמיד זענען זיי עקסצענטריש געשטימט. היסטעריש. אַזוי ווי ביי די מענער, וואָס נאָמבערג שילדערט, אַזוי האָבן מיר אויך ביי זיינע פרויען נישט צו טון מיט פאַרשידענע טיפּן פון פרויען. מיר האָבן דאָ איין-און-איינציקע פרוי, וואָס שפּילט אין אַלע נאָוועלן די פאַרטנער-ראָלע פון דעם איין-און-איינציקן מאַן, וואָס מיר קאָנען ביי נאָמבערגן. דעם מאַן פליגעלמאַן. און מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז אָט-אָ די נאָמבערגישע פרוי, דאָס פאַרביטערטע און פאַר-זעסענע מיידל, איז נישט קיין הוילער כאַראַקטער, וואָס דער דיכטער האָט זיך אויסגעטראַכט אין זיין פאַנטאַזיע, נאָר זי איז ווידער עפּעס אַ פאַקט פון לעבן. זי האָט ווירקלעך אַמאָל, ווען די פליגעלמאַנס האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אַלע האָפנונגען, פיל, אפשר זייער פיל דעצידירט אין דעם גורל פון פליגעלמאַנס גאַנצע אַנטוויקלונג. מיר קאָנען, אייגנטלעך, שווער דערקלערן, ווי אַזוי אָט-אָ די פרוי אָדער די אַנטוישטע ליבע האָט געהאַט אַזאַ טיפן איינפלוס אויף דער אינטעלעקטועלער טראַגעדיע פון די פליגעלמאַנס, ווייל דאַן, ווען נאָמבערג גיט אונז זיך צו באַקענען מיט פליגעלמאַנען, איז פליגעלמאַן שוין אַ געשטאָרבענער מענטש, אַ גל של עצמות, אָן לעבנס-זאַפטן, בלויז נאָך אַ בינטל פון איראָנישער פילאָזאָפיע, גריבלערייען, אָפּזאָגענישן. יענע טיפע וווּנד, וואָס די פרוי האָט אַמאָל איבערגעלאָזט אין פליגעלמאַנס נשמה איז פאַרוואָקסן. קוים מיר באַמערקן נאָך אירע שפּורן. ס'האָט געמוזט זיין אַ שטילער וועג, דער ליידנס-וועג פון פליגעלמאַנס ליבע, דאַן, ווען ער האָט זיך צום לעצטן מאָל צעשיידט מיט דער פרוי און איז געוואָרן פליגעלמאַן.

דאָך וואַרפט זיך איין זאַך שטאַרק אין די אויגן, ווען מיר באַטראַכטן די נאָמבערגישע פרוי: זי איז דאָס ווייב, וואָס געהער, אין וועזנטלעכן, נישט צום ווייבערישן געשלעכט. זי איז דאָס געשלעכטלאָזע ווייב.

דערדאָזיקער זייער באַדייטנדיקער מערקמאָל פֿון געשלעכטלאָזיקייט ליגט, אין תּוך אַריין, אינעם כאַראַקטער פֿון אַלע נאָמבערגס מענטשן. זיי אַלעמען פֿעלט די אַבסאָלוטע מאַנלעכקייט, אָדער די אַבסאָלוטע ווייבלעכקייט. דער רייץ פֿון געשלעכט, וואָס גיט אַ יעדן מענטש דעם חותם פֿון געזונטער נאַטירלעכקייט, יאָ, וואָס מאַכט אונדז דערמיט אַ יעדן מענטש נאָענט און נישט פֿרעמד, פֿעלט זיי לגמרי. די נאָמבערגישע מענטשן געהערן עפּעס צו אַ דריטן מין, וואָס געבערן נישט, לויט דער פֿיזיאָלאָגישער קאָנסטרוקציע פֿון זייער ראַסע, וואָס דאָס אימפּאָטענטע איז בײַ זיי דער נאָרמאַלער צושטאַנד, דעריבער זענען זיי אונדז פֿרעמדאַרטיק, ווי יעדער עקר און אַנדרוגינוס. וואָרים דאָס געשלעכטלאָזע האָט איר באַזונדערע געהיימנישפֿולקייט און דער טומטום ווירקט טיילמאָל אויף אונדז ווי אַ מאָדנע מיטאָלאָגישע בריאה, וואָס שטייט מחוץ פֿון אונדזער פֿיזיאָלאָגיש וועלט־באַנעמען, עטוואָס פֿון געשפּענסט. די מאַנסבילן נאָמבערגס זענען ווייניקסטנס אונדז נאָענט מיט זייער מענטשלעכער טראַגעדיע, מיט זייער אַנטוישונג, מיט דער עלנטקייט, וואָס זיי מאַכן קיין סוד נישט דערפֿון. (הגם די מענער נאָמבערגס רעדן כּסדר פֿילאָזאָפֿיע, פֿונדעסטוועגן זענען זיי גענוג באַריידעוודיק, אַז מיר זאָלן וויסן אַלע זייערע אינטימיטעטן). ווען פֿאַר זיי איז פֿרעמד אונדזער פֿרייד און האָפֿן, איז פֿאַר אונדז על כּל פּנים נישט פֿרעמד דאָס ליידן זייערס. אויף אָט־אָ דעם פּונקט טרעפֿן מיר זיך אַמאָל צונויף. דאַקעגן, זענען די פֿרויען בײַ נאָמבערגן טיף פֿאַרשלאָסענע נאַטורן, זיי שווײַגן זייער אַ סך, פֿון זייער אינערלעכער וועלט ווייסן מיר ווייניק, זיי זענען פֿיל רירעוודיקער ווי זייערע מאַנסבילשע פּאַרטנערן, טעטיקער און אַגרעסיווער, דאָך ווייסן מיר נישט וווּהין זיי צילן. נאָמבערגס פֿרויען לעבן נאָר אויף דערווייל, זיי טראָגן אַרום בײַ זיך אין האַרץ אַ סוד און אַן אומצופֿרידנקייט, דערבײַ זענען זיי מערקווירדיק דעמאָניש. און כאָטש אומעטום אימפּאָנירט אונדז די דעמאָנישע פֿרוי, ווײַל דאָס דעמאָנישע מאַכט פֿאַר אונדז די פֿרוי גלוסטיק און עקזאָטיש, איז די דעמאָניע בײַ דער נאָמבערגישער פֿרוי אַזוי ווייניק סעקסועל. זי איז נישט

דעמאָניש פון איבערפולטן ווייבלעכן טעמפעראַמענט, נאָר אַזוי ווי פליגעלמאַן שפּילט טיילמאָל דעם פילאָזאָף, אָדער גאָר דעם נאַר, כּדי צו פאַרבאַהאַלטן פאַר אונז זיין עלנטקייט, אַזוי אויך די נאָמבערגישע פרוי, זי שפּילט דאָס ליידנשאַפטלעכע און דעמאָנישע ווייב, כּדי מיר זאָלן נישט זען דאָס פליגעלמאַנישע אין איר. וואָרים אויך זי, די פרוי ביי נאָמבערגן איז פול מיט פליגעלמאַנישער עלנטקייט, אויך זי איז אָרים און איינזאַם און מיט אַן אומ-היילבאַרער פוסטקייט אין דער נשמה. אויך זי האָט אַמאָל מער רעזאָנירט וועגן לעבן און ליבע, ווי געלעבט און געליבט, און זי האָט אַזוי לאַנג רעזאָנירט און געגריבלט זיך וועגן איר פרויענ-האַפטיקייט און וועגן די ליידנשאַפטן אירע, ביז דאָס פרישקייט פון איר לייב האָט אָפּגעבליט און די צעפּ האָבן איר אָנגעהויבן צו ווערן גרוילעך. זי איז געוואָרן זייער אַ קלוגע, זייער אַן אינטעליגענטע, אָבער סוף-כּל-סוף אַן אַלטע מויד. מאַדעמואַזעל פליגעלמאַן. און עס איז וווּנדערלעך, ווי אויף דעם גרויסן יאַריד פון לעבן טרעפן זיך תּמיד צוזאַמען די, וואָס זענען אויסטערליש, די אָפּגענאַרטע, די, וואָס האַלטן זיך תּמיד פונדערווייטנס. צוויי דליתים גייען טאַנצן. אַזוי געפינט פליגעלמאַן זיין ווייבלעך עבן-בילד, דערקלערט זיך איר אין ליבע, און זי שפּילט אים אָפּ אירע ווייבערישע קאַפּריזן, איר דעמאָניע, אירע „ליידנשאַפטן”, און דידאָזיקע צוויי אימפּאָטענטן גייען-אונטער ווי אַ ראָמעאָ און יוליאַ ביי אַן „אַנטווישטער” ליבעס-האָפנונג און ביי אַן „עראָטישער” טראַגעדיע...

איך וויל נאָך עפּעס באַמערקן: אומעטום ווו די געזונטע נאַטירלעכע פרוי ווירקט אויף אונז עראָטיש, איז עס דער סימן פון איר פולווערטיקייט. דער עראָטישער רייץ ביי דער פרוי איז אַזוי ווי דער זיסער דופט פון דער רויז. דאָס עראָטישע געהער צו דעם וועזן פון דער פרוי, צו איר לעבנס-געפיל. ווירקנדיק אויף אונז מיט איר קערפּער, פילט די פרוי אין זיך דאָס דער-הויבענע פון איר פרויענהאַפטיקייט, דעם חן און דעם סוד פון איר מין. די איידעלע שאַטירונגען צווישן עראָטישער גליסטונג און גראָבער צינישער תּאווה זענען איר באַקאַנט, דעריבער וועט

דער פלאַטערדיקער הויך פון עראָס, וואָס פילט זיך תמיד אין דער באַציונג צווישן מאַן און פרוי, די נאַטירלעכע פרוי נישט באַליידיקן. זי וועט זיך נישט זען דערנידריקט דערפון, וואָס איבער יענע באַציונגען שוועבט שטיל דער גאָט פון דער גליסטונג. די נאָמבערגישע פרוי, דאַקעגן, ווייל זי איז לויט דעם ווען אירן אַזוי וויניק פרוי, דעריבער וועקט זיך אין איר באַלד דער שרעק־לעכסטער ווידערווילן, ווען זי באַמערקט נאָר „וואָס אייגנטלעך אַלע מאַנספאַרשוינען פאַרלאַנגען פון איר. זי האָט זיך געפילט ווי אַן אומבאַהאָלפן באַשעפעניש אין וואַלד, אַרומגערינגלט פון יעגערס, וואָס ווילן זי פאַנגען". פון יעדן עראָטישן פאַרלאַנג זעט זי זיך מבוזה און זי קאָן זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין דאָס, וואָס מען באַגערט זי. אין דערדאָזיקער הינזיכט וואָלט דער אויבערפלעכלעכער באַאָבאַכטער געקאָנט מיינען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ קראַנקהאַפטן פרויען־טיפוס, מיט געשלעכטלעכער פּאַטאָלאָגיע. ס'איז אָבער נישט ריכטיק. ביי דעמדאָזיקן מין פון געשלעכטלאָזע פרויען זענען אָט די אַלע אומנאָרמאַליטעטן אַבסאָלוט נאָרמאַל. אַ כאַראַקטער אַזעלכער. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זייער לעבן איז פול פון ליבע־אַוואַנטורעס, וואָס זיי שפּילן זיך מיט מאַנספאַרשוינען ווי מיט באַלעמלעך און זיי שטעלן־אָן אַזוי פיל דעמאָניע אין זייערע ליידנשאַפטן, זענען נאָמבערגס פרויען אויף אַ האָר נישט ליידנשאַפטלעך. זיי קאָנען זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, נישט באַרוישן און זיי זענען, אין גרונט גענומען, אויסערגעוויינטלעך ניכטער און פראַקטיש. זיי זענען פראַקטיש ווי אַלע אימפּאָטענטן, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל מיט גאָרנישט נישט אָנשכורן און נעמען דאָס לעבן נישט ווי קיין גרויסע ברכה און נישט ווי קיין גרויסע קללה. די נאָמבערגישע פרוי קאָן זיך בשום אופן נישט אינערלעך איבערצייגן, אַז דאָס לעבן איז טאַט, אחריות, פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז לעבן הייסט זיין פּאָזי־טיוו, נאָר אַז סוף־כל־סוף איז אַלצדינג הוילע ווערטער, און אַז לעבן, הייסט זיך שפּילן אין אַבסטראַקטע אינטעליגענטישע באַגריפן. אויך די ליידנשאַפט איז פאַר איר דאָס קלוגע אינטעליגענטישע וואָרט. אין דעמדאָזיקן שטייגער פון לעבנס־

באַנעמען האָט דער אימפּאָטענט פּיל ענלעכקייט מיטן טעאָלאָג. אויך דער טעאָלאָג, הגם ער רעדט וועגן די אייביקסטע סובּ־סטאַנצן פון דער וועלט, ווי וועגן דעם געטלעכן, דעם אייביקן און דעם רעליגיעזן, פעלט אים זייער פּיל מאָל אונטער זיינע „טעאָלאָגיש־געטלעכע" געדאַנקען דערווירקלעכער רעליגיעזער עקסטאַז, וואָס מאַכט די וועלט און דאָס אייביקע פאַר אַ געפיל פון מענטשלעכער אינערלעכקייט. די גאַנצע פליגעלמאַנישע לעבנס־פילאָזאָפיע האָט אין זיך אַ טעאָלאָגישן בייגעשמאַק. פליגעלמאַן לעבט קיינמאָל נישט איבער דעם געדאַנק ווי אַ טייל פון זיין לעבן, נאָר ער קוקט אויף אים פון דרויסן, ווי מ׳קוקט אויף אַ באַגריף, און מיט דידאַקטיקע „פילאָזאָפיע־באַגריפן" געפעלט עס אים זיך אַנצופילן די פוסטקייט אין דער נשמה. נישט דער געדאַנק ווערט די ענדגילטיקע טראַגעדיע פון פליגעלמאַנס לעבן, ווי דער געדאַנק קאָן אַמאָל ווערן די טראַגעדיע פון דעם, ווירקלעך אין זיין וועזן דענקנדיקן, מענטש. הגם פליגעלמאַן טראַכט אַזוי פיל און רעדט כסדר מיט געדאַנקען, רירט אים דאָס געדאַנקלעכע קוים אָן אין קנעפּל. די וואָס לעבן נישט, דענקען נישט. דער געדאַנק איז נאָר דער אויסדרוק פון אַ לעבנס־געפיל, און פליגעלמאַן איז אַן אימפּאָטענט, זייער אַן אינטעליגענטער אימפּאָטענט, וואָס קאָן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז אים איז שוין דאָס גאַנצע לעבן דערעסן געוואָרן און ער קאָן זיך איצטער דערלויבן צו זיין דער ציניקער. דערביי איז ער אַ גרויסער שלימזל. אַפילו וואָס ס׳איז שייך דעם פּראַקטישן לעבן איז ער טיילמאָל נאַיוו ווי אַ קינד. ער וויל אָבער אַלעמען איינ־רעדן, אַז ער איז דער ניכטערסטער קאָפּ און דער פּראַקטישסטער מענטש.

מיט דערדאָזיקער חולאת פון „פּראַקטישקייט" טראָגן זיך אַרום ס׳רוב פון די פּרויען ביי ה. ד. נאָמבערגן. זיי זענען פּראַקטיש נישט דעריבער, ווייל זיי האָבן אין זיך מנצח געווען אַלע ליידנשאַפטן און אַלע האָפנונגען און זיי קוקן אויף אַלצדינג אָביעקטיוו. זיי האָבן בכלל קיינמאָל נישט געהאַט די האָפנונגספולע ליידנשאַפטן פון דעם פרויען־הארץ. די ליידנשאַפטן, וואָס קאָנען

די פרוי פאַרוויגן, זי לאָזן חלומען און אָן זיך פאַרגעסן. נאָך יונגערהייט, ווען זייער ליבע איז נאָך געווען פריש און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט קלאָגן דערויף, אַז די מענער זענען צו זיי גלייכגילטיק, טרעפן מיר שוין אָט די נאָמבערגישע פרויען, ווי בײַ דער גאַנצער מיידלשער יוגנטלעכקייט זענען זיי „פראַקטיש" און אויסגערעכנט ווי די פראַקטישסטע מאַנספאַרשוינען. שוין דאַן האָט זייער מכלומרשטע ברויזנדיקע דעמאָניע די פעיקייט זיך נישט צו פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט, און זיי זענען פרויען מער על פי שכל ווי לויט זייער ווערן. מיר זעען, צבש., זיי ביידע, די מאַמע מיט דער טאָכטער, אין איינער פון די פריסטע נאָוועלן נאָמבערגס „אין אַ חסידיש הויז", אַלס צוויי „פראַקטישע" פרויען. די יונגע חנהלע, אין וועלכער עס ליבט זיך אַזוי שטאַרק דער אָרימער ליטוואַק (דער יונגער פליגעלמאַן), זי אַנטפּלעקט פאַר אונז אַמבולטסטן דעם כאַראַקטער פון דער געשלעכטלאָזער נאָמבערגישער פרוי, דאַן ווען אָן שום צאַרטקייט און בושה (דידאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן זענען תמיד אַן עראָטישער קאָמפּלעקס בײַ דער עכטער פרוי) שלאָגט דאָס יונגע אומשולדיקע מיידל פאָר דעם ליטוואַק דריי רובל (פראַקטיש!), אַז „ער זאָל גאָרנישט דערציילן בײַ אונז אינדערהיים". ס'איז נישט בלויז קיין זיטן-געמעל פון דער חסידיש-יידישער פאַמיליע, ס'איז דער כאַראַקטער פון דער פרוי בײַ ה. ד. נאָמבערגן.

אַזוי שלענדערט זי זיך אַרום, דאָסדאָזיקע פרעמדאַרטיקע ווייב, איבער אַלע פליגעלמאַן-נאָוועלן נאָמבערגס. אָט-אָ די צוויי עלנטע מענטשן — פליגעלמאַן און דאָס פליגעלמאַנישע ווייב — וואָס זיי געהערן נישט צו קיין שום געשלעכט און אַ יעדע האָפנונג און אַ יעדע באַדערפעניש צו געמיינזאַמקייט איז זיי דעריבער אָרגאַניש פרעמד, זיי סימולירן דאָס, — כדי איינער דעם צווייטן נישט אַרויסצווייזן די גרויסע טראַגישע פוסטקייט זייערע — עפּעס אַ וויכטיקע לעבנס-קלוגקייט, וואָס זאָל זיי שטעלן העכער פון די, וואָס האָפן נאָך און גלויבן, אַז דאָס לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן. די פליגעלמאַנס רעדן זיך איין צו האָבן אין זיך מבֿצח געווען דאָס לעבן, זיי האָבן אָבער קיינמאָל דאָס לעבן

נישט געהאַט. אַזוי וואַנדערן זיי אַרום אין דער ווירקלעכקייט ווי געשפּענסטער. אָרימע עולם-התּהו'ניקעס, וואָס הילן נעבעך איין זייער נאַקעט בינטל ביינער אין דעם מאַנטל פון לעבנס-קלוגע ציניש פילאָזאָפן. דערביי טראָגט ער ביי זיך אַרום אַ שטריקל זיך צו הענגען, און זי, די „דעמאָנישע" און „לײַדנשאַפטלעכע" פרוי — דאָס פלעשעלע ציאַן-קאַלי.

אין דער נאָוועלע „פליגעלמאַן" האָט אונז נאָמבערג געגעבן די קווינטעסענץ פון דעם פליגעלמאַנישן מאַן, אין „שוויג שוועסטער" גיט ער דעם ריינעם אָפּנהאַרציקן טיפּ פון דער פליגעלמאַנישער פרוי. גראָד אין „שוויג שוועסטער" שפּילט זי אונז נישט איר אייביקע קאָמעדיע פון לײַדנשאַפט און דעמאָניע. מיר זעען זי דאָרט אַליין. אָן איר פּאַרטנער. זי באַדאַרף דאָרט פאַר קיינעם נישט צו מאַכן איר אָנשטעל, און מיר טרעפן זי מיט איר אינערלעכסטן חשבון-הנפש וועגן זיך.

דאָס אַלטע היסטערישע מיידל איז מיד. כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פון אַלעמען האָט זי אין איר גאַנץ לעבן אויבנאויף געמוזט באַווייזן אַזוי פיל לײַדנשאַפט, בעת אינעווייניק אין איר האַרץ איז געווען קאַלט ווי אין אַ קבר און דאָס לײַדנשאַפטלעכע האָט זי נאָך באַלײַדיקט. זי האָט זיך געמאַטערט, די אָרימע. „גענוג! זי קאָן מער נישט איבערטראָגן דאָס אייביקע מאַטערניש, זי מוז מיט איר אייגענער האַנט איבעררייסן די קייט פון לײַדן, וואָס ציט זיך און וועט זיך אַזוי ציען אָן אויפהער, ווי לאַנג זי וועט לעבן". אויך איר שיקזאַל האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי אַ זייגער, וואָס שטעלט זיך אָפּ. „איר יוגנט אַפילו וועלקט מער נישט און זי בלייבט דיזעלבע ווי פאַר אַ יאָר, ווי פאַר צוויי יאָר. זי האָט געלעבט אָן פריידן און אָן לײַדן, טאָג-איין, טאָג-אויס, אין דערזעלביקער גלייכגילטיקייט און טייל־מאָל האָט אויסגעזעען, אַז זי האָט פאַרלוירן די פעיקייט אונטערצושיידן צווישן לייד און פרייד, גליק און אומגליק."

זי באַשולדיקט אין איר אומגליק אַן אַנטוישטע ליבע.

אַ יעדע ליבע און אַ יעדעס עכטע געפיל פון לעבן אַנטווישן דעם אימפּאַטענט.

יעדנפאַלס זעט זי איין, אַז זי איז אַ טויטע, אַ לעבנדיקער מת.

אָפּטרעטן? אויסטרינקען דאָס פלעשעלע ציאַן-קאַלי און באַפרייען זיך און איר אַרומיקייט?

נאָר דער אימפּאָטענט איז נישט דער מענטש פון טאַט. ער קאָן נישט זיין קאָנסעקווענט. טאַט איז צוקונפט. דער אימפּאָטענט האָט נישט קיין צוקונפט.

און ווי אַמאָל האָט די נאָמבערגישע פרוי אָרימזעליק געשפּילט דאָס לעבן, אַזוי שפּילט זי איצטער אָרימזעליק דעם טויט:

„פעליאַ פיינשטיין האָט שטענדיק געהאַלטן ביי זיך אַ קליין פלעשעלע ציאַניסטי קאַלי. יעדע מינוט, ווען נאָר זי זאָל דאָס וועלן, קאָן זי אויסטרינקען מיט איין זופּ דעם שאַרפן גיפט, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי טויט. איר איז דאָס פאָרגעקו-מען אַזוי לייכט צו טון, ווי, צום ביישפּיל, לייגן זיך שלאָפן ביינאַכט.

...„זי איז געקומען ביינאַכט אַהיים אין איר צימער, האָט אַרויסגענומען פון טאַש דאָס קליינע פלעשעלע, האָט עס געשטעלט אויף דער טאַבורעטקע נעבן טיש און האָט אָנגעשריבן אַ קורצן בריוו צו איר מוטער און איר יינגערער שוועסטער. זי האָט זיך אויסגעטון און אָנגעטון קלאָרע וועש. דערנאָך האָט זי איבערגע-צויגן די קישנס מיט ווייסע ציכלעך, איבערגעטוישט דעם ליילעך, אַזוי אַז איר געלעגער האָט געבלאַנקט שפּאָגל-ווייס און ניי. אין איין העמד האָט זי זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל, האָט אויפגע-פלאָכטן אירע שוואַרצע האָר — דאָס שענסטע, וואָס איר איז געבליבן, — און האָט זיי געלאָזט אַראָפּפאַלן פריי איבער איר קאָפּ, און מיט שטילע, רויקע טריט איז זי צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך געלייגט. זי האָט זיך נישט געאיילט. בכלל, האָט זי זיך גענומען אין זין אַריין צו שטאַרבן רויק און שיין. זי איז געוועזן שטאָלץ, האָט געהאַט אַ טיפע אַכטונג צו איר אייגענער פּערזאָן, און איר האָט נישט געקאָנט איינפאַלן קיין ספק, צי זי וועט האָבן מוט אויסצופירן איר באַשלוס.

זי האָט אויסגעצויגן איר שלאַנקן קערפּער אין בעט, גלייך

אַראָפּגעלאָזט די הענט איבער דער קאָלדרע, האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיך פאַרטראַכט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם נאָענטן טויט, און ער האָט זי נישט געשראָקן. וועגן די עטלעכע מינוט פון אויסטרינקען דעם גיפט ביז צום עק האָט זי אפילו נישט געוואָלט טראַכטן. ...דערנאָך האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, ווי איר קערפּער ליגט פאַרגליווערט אין בעט, די אויגן פאַרמאַכט, דאָס פּנים בלאַס; דאָס האַרץ שלאָגט נישט מער.

... זי האָט אויסגעלייגט אירע האָר אויפן קישן, האָט געעפנט די אויגן און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער טאַבורעטקע.

... „איצט שטאַרב איך" — האָט זי געטראַכט.

... זי האָט שוין גענומען דאָס פלעשעלע אין האַנט און עס געטראָגן צו די ליפּן, אויפהייבנדיק דערביי אַ ביסל דעם קאָפּ פון קישן, און אין דעמזעלבן מאָמענט האָט אַ נייע אידעע אויפגעבליצט אין איר קאָפּ... זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האַלטנדיק דאָס פלעשעלע ביים מויל, אום צו טראַכטן דעם גרויסן געדאַנק... יענע וועלט פון קלעמעניש און בענקשאַפט, פון ליידן און מאַטערניש, האָט זי שוין געהאַט הינטער זיך, אין איר איז אויפגעגאַנגען אַ נייע וועלט, ווו ליידן זענען אוממעגלעך, ווו קיין זאַך שרעקט מער נישט, ווו מען בענקט נישט און מען פאַר־לאַנגט גאָרנישט — אַ רויקע און אַ געבענטשטע וועלט... זי האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן, צוריקלייגנדיק דעם קאָפּ אויפן קישן.

... „צי בין איך שוין געשטאָרבן?" — האָט זי זיך געפרעגט. נאָר ניין, זי איז נישט טויט, דאָס פלעשעלע גיפט איז נאָך געווען אין איר האַנט, און זי האָט עס נאָך געהאַלטן פאַר אירע ליפּן. און אין דער מיסטישער העלקייט פון איר קאָפּ האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעריסעוועט אַ קלאָרער געדאַנק: „איך שטאַרב דאָך רויק, גליקלעך און מיט פרייד". און באַלד דערויף האָט זיך צוגעשפּינט אַ נייער געדאַנק:

„אויב מען קאָן אַזוי רויק און גליקלעך שטאַרבן, וואָס שרעקלעכס איז ווידער פאַראַן אין לעבן? צו וואָס זיך איילן?"

די גאַנצע נאַכט איז זי דורכגעלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אין איר קאָפּ האָבן זיך געטראָגן אומקלאָרע בילדער און געדאַנקען.

... „צי האָב איך נישט געהאַט קיין מוט אויסצופירן?" — האָט זי זיך דעמזעלבן טאָג געפרעגט: „נאָר, ניין! איך קאָן רויק שטאַרבן, וועט זיך נאָר אָנהייבן דאָס קלעמעניש אין האַרצן, וועל איך דאָס טון, און טון אָן אַ ציטעריקער האַנט, איבערלייגטערהייט, מיט קלאָרע געדאַנקען", און דאָס פלעשעלע גיפט איז געבליבן ביי איר גרייט אויף עס אויסצונוצן, ווען זי וועט באַשליסן".

אַמאָל האָט זי געטראַכט וועגן לעבן און האָט יוצא געווען, איצטער טראַכט זי וועגן טויט און איז יוצא.

אַזוי פאַרגייען איר די טעג. זי לעבט אַלס אויף דערווייל אין איר „געפיל" און שווייגט. אויך דאַן, ווען זי האָט געגלויבט, אַז זי לעבט, האָט זי געשוויגן. די מוטער איז געשטאָרבן, די שוועסטער האָט געענדיקט די גימנאַזיע, זי אַליין איז געוואָרן עלטער און אַלץ ביי זיך אַרומגעטראָגן דאָס פלעשעלע ציאַן-קאַלי.

איז שוין געקומען די צייט? אָפּטרעטן? פרעגט זי זיך אין אַן „אויפגערעגטן מאָמענט". דער נאָמבערגישער מענטש אַנטשליסט זיך נישט. ביי דעם געדאַנק אַליין, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ „געדאַנק" באַרויקט זיך אים דאָס האַרץ.

עס וואַקסט-אונטער די ייִנגערע שוועסטער. אַננאַ.

פעליאַ דערקענט אין דער ייִנגערער שוועסטער איר עבנבילד. איר אייגן שיקזאַל. דאָס פאַרשאָלטענע שיקזאַל פון דעם צוקונפטלאָזן, אָפּגעריסענעם, איינזאַמען מענטש. „זי דערמאָנט זיך אָן אירע אייגענע דורכגעלעבטע יאָרן". דאָס געשלעכט פון די געשלעכטלאָזע, וואָס האָפן אומזיסט.

אַננאַ קומט אויך אַהיים אַ פאַרוויינטע. פעליאַ קוקט אויף איר. אויך זי „פלעגט פונקט אַזוי זיצן, וויינען און טראַכטן שעהן-לאַנג".

— „וויין נישט, אַננאַ, וויין נישט..."

— „איך קאָן נישט מער, שוועסטער, איך קאָן נישט, איך וועל ליבער שטאַרבן. איך וויל נישט אַזאַ לעבן.״

— „איך פאַרשטיי, קינד — רעדט פעליאַ שטיל — איך פאַרשטיי אַלץ. איך האָב דאָס אַלץ דורכגעלעבט, און דו זעסט דאָך, — איך לעב״.

פעליאַ נעמט אַננאַן דערציילן איר לעבנס-געשיכטע, אירע אַנטוישונגען. זי מיינט זי צו באַקענען מיט אַ גרויסער לעבנס-טראַגעדיע, „נאָר וואָס מער זי האָט דערציילט, אַלץ אומבאַדייטנדיקער איז דאָס דערציילטע אַרויסגעקומען. ס׳איז ענלעך געווען, ווי איינער זינקט אין אַ בלאָטע און וואָס מער ער וויל זיך אַרויסראַטעווען, אַלץ טיפער ווערט ער פאַרפאַלן.״

די אינדיווידואַליסטישע טראַגעדיע פון די פליגעלמאַנס, אָט-אָ די פסיידאָ-דיאַגענעסן אין זייערע פעסער, איז סוף-כל-סוף תמיד אומבאַדייטנדיק, ווייל נאָר די וועלט און דער ווילן צו געמיינזאַמקייט מיט דער וועלט קאָן ווערן די טראַגעדיע פון אַ מענטש. מענטש זיין — הייסט לעבן. נאָר דער אונטערגאַנג אין קאַמף מיטן לעבן הייסט טראַגישער אונטערגאַנג. האָט באַדייטונג. דער ווירקלעכער האַמלעט ליידט פון דער וועלט. די, וואָס קערן זיך אָפּ, און גייען-אַוועק פון דער וועלט, נישט מיט דער וועלט אינם האַרצן, זיי מוזן דאָך ענדלעך איינזען, אַז אַלצדינג, אַפילו דאָס ליידן זייערס איז געווען אומזיסט, און אַז קיינער איז נישט שולדיק דערין, וואָס זיי זענען צוגעקומען צו די קוואַלן פון לעבן מיט געלעכערטע שעפן און האָבן דעריבער פון דאָרט פאַר זיך גאָרנישט אויסגעשעפּט.

* *
*

„אינדערפרי, ווען אַננאַ איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געפונען די שוועסטער טויט, דאָס פלעשעלע איז געווען אויסגעטרונקען, און אויפן טיש איז געלעגן אַ צעטל, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען פאָלגנדיקע ווערטער:

„— איך שטאַרב, שוועסטער. אייגנטלעך, בין איך שוין לאַנג געשטאָרבן. בלייב געזונט. אויב דיר וועט אויסקומען צו ליידן אַזוי פיל, ווי מיר, דערציייל קיינעם נישט פון דיינע ליידן. היט זיי אין דיין האַרצן, זאָלן זיי זיין פאַרבאָרגן און הייליק, און שווייג, שוועסטער, שווייג...״

פינפט קאַפּיטל.

איינס פֿון די גרעסטע מעלות אין ה. ד. נאָמבערגס בעלעטריסטישן טאַלאַנט האַלט איך דעם סימפּאַטישן פֿאַקט, וואָס נאָמבערג לאָזט זיך נישט סתּם און בלינד מיטשלעפּן פֿון די מאָטיוון, אין וועלכע ער האַלט, אַז דאָרט ליגט זיין כּוח. ער וויל זיי נישט אומענדלעך פֿאַראַפֿראַזירן. די מאָטיוון פֿון זיין טאַלאַנט, וואָס זענען צוגלייך מאָטיוון פֿון זיין פּערזענלעך לעבן און איבערלעבן, נויטיקן אים תּמיד זיך נישט איינצושפּינען אין זיי ווי אַ זיידוואָרים אין זיין געשפּין. פֿאַרקערט: אַרויסצופֿירן ווייטער די מאָטיוון צו אַן אויסוועג, צו אַנטשיידונג.

מיט די פֿליגעלמאַן־מאָטיוון איז עס באמת שווער אַרויסצוקומען פֿון דעם קרייז, אין וועלכן זיי באַוועגן זיך. דאָס האָפֿנונגסלאָזע און מוטלאָזע, יאָ, דאָס טאַטלאָזע, וואָס איז דאָס הויפּט־עלעמענט פֿון זייער כאַראַקטער, אין דעם אַליין ליגט שוין די סכּנה, אַז אַ שריפֿטשטעלער זאָל זיך סוף־כּל־סוף אַרומדרייען אין אָט־אָ די מאָטיוון, ווי אין אַ לאַבירינט, אָן אַן אויסגאַנגס־פּונקט, און ער זאָל זיך אין זיין אייגענער אָריגינאַליטעט מאַניערירן (נישט בחנם ווערט אונז קנוט האַמסון זייער אָפּט לאַנגווייליק). צום לויב פֿון ה. ד. נאָמבערג מוז געזאָגט ווערן, אַז זיין קונסט איז אים צו טיף געלעגן ביים האַרצן, אַז ער זאָל זי לאָזן סתּם וואַכערן ווי אַ פּאַראַזיט און אַז ער זאָל ענדלעך וועלן אויפֿגעפֿרעסן ווערן פֿון זיינע אייגענע מעגלעכקייטן. פֿאַר נאָמבערגן איז דאָס פֿליגעלמאַנישע אויסגעוואָקסן נישט בלויז צו אַ שריפֿטשטעלעריש שפּיל, צו אַ ליטעראַרישן שטייגער. ס׳איז געוואָרן פֿאַר אים אַ לעבנספֿראַגע. גראָד אין דעם פֿליגעלמאַנישן האָט נאָמבערג געפּרוּווט צו דערגרייכן פֿאַר זיך אַ זעעלישע באַפֿרייונג: די *באַפֿרידיקונג*.

ער האָט זיך אין יענע נאָוועלן געוואָלט אַראָפּרעדן פון דעם, וואָס איז אים שווער געלעגן אויף דער נשמה. ער האָט אָבער באַלד געמוזט צוקומען צו דער זייער טראַגישער פראַגע: ווי אַזוי געפינט מען אַ לעזונג אין דידאַקטיקע האַפּנונגס-לאָזע מאָטיוון? אין יענער טאָטלאָזיקייט? צו וואָס קאָן אָט-אָ דאָס פליגעלמאַנישע וועלט-געפיל צופירן? צו עטוואָס פּאָזיטיוון? צו אַ נצחון איבער דער פליגעלמאַנישער פּאַסיוויטעט? צו אַ מודה זיין, אַז דידאַקטיק קלוגשאַפט איז נישט חכמה, און אַז עס איז פאַראַן אַנדערע וועגן, אויף וועלכע דער מענטש באַדאַרף גיין? אין יענעם פעריאָד, ווען דאָס פליגעלמאַנישע איז נאָך געווען פאַר נאָמבערגן אַן אַנטפּלעקונג, און ער האָט קוים געהאַט באַוויזן אין אַן אָרימען קרייז פון נאָוועלן זיך אויסצובויען דעם שפּיגל, וועלכער זאָל אים אַזוי בולט צוריקוואַרפן זיין גאַנץ אייגן וועזן, דאַן האָט נאָמבערג נישט געקאָנט טראַכטן דערפון גראָד מיט אָט-אָ דעם פליגעלמאַניזם איבערצורייסן. אין די פליגעלמאַן-מאָטיוון האָט ער געמוזט געפינען די אַנטשיידונג, ווייל אין די פליגעלמאַן-מאָטיוון איז געווען דער קוויל פון נאָמבערגס פּערזענלעכן חשבון-הנפש, די טראַגעדיע און די ווערט-שאַצונג פון זיין לעבן. נאָר וואָסערע אַנטשיידונג? פרעגט זיך. אַ פּאָזיטיווע? אַ גלויבן? אַ ווידער-געבורט? קאָן פליגעלמאַן אָנהייבן אין זיך צו גלויבן? קאָן ער אָנהייבן אַ ניי לעבן? אויפסניי צו לעבן? פליגעלמאַן? ניין, פליגעל-מאַן מוז אונטערגיין. פליגעלמאַן האָט פאַרשפּילט דאָס לעבן און ער טאָר דאָס פאַרשפּילטע לעבן נישט ציען אָן אויפהער. אַ יעדער טיפּוס אין אַ קונסט-ווערק, אויך דער באַנקראָטירטער טיפּוס, מוז זיין קאָנ-סעקווענט. אויפריכטיקע קונסט איז אידעיש, אידעישע האַנדלונג, אידעישע טאַט. טאַט איז קאָנסעקווענטקייט. דער העלד אין דער קינסטלערישער האַנדלונג מוז זיך סוף-כּל-סוף צו עפּעס אַנטשליסן.

באַשליסן? צי קאָן זיך דאָס פליגעלמאַנישע וועלט-געפיל באַשליסן? וויפיל מאָל האָט פליגעלמאַן געוואָלט אָנהייבן אויפסניי צו לעבן. וויפיל מאָל האָט ער אויף זיך געוואָלט לייגן אַ האַנט צום זעלבסט-אונטערגאַנג, און יעדעס מאָל איז ער אַרויסגעקומען נאָך קלעגלעכער, אָרימער, האָפנונגסלאָזער.

ביי דעמדאָזיקן לעצטן חשבון־שטריך פון די פליגעלמאַן־מאָטיוון האָט זיך נאָמבערג באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ שיקזאַל־נאָוועלע.

די לעצטע האַנדלונג: די טאַט, ווערט אַרויסגענומען פונם העלדס האַנט. ס׳איז נישט דער פּערזענלעכער ווילן, ס׳איז דאָס וועלט־שיקזאַל, וואָס אַנטשיידעט וועגן העלד.

פליגעלמאַן, דער נאָמבערגישער מענטש, וואָס קאָן נישט לעבן און נישט שטאַרבן, וואָס קאָן נישט געפינען פאַר זיין דאָ־זיין קיין טאַט — דערמיט קאָן ער נישט געפינען פאַר זיין דאָזיין קיין ווערט — ער אַפּעלירט אין זיינע טיפסטע נויטן צום מיסטעריום. דער, וואָס קאָן נישט גלויבן, ער ווערט (מענטשלעך שיקזאַל!) גראָד טיילמאָל דער מיסטיקער, און דער האָפנונגסלאָזער אַטעיִסט איז נישט איינמאָל מוסר דעם לעצטן חשבון פון זיין לעבן צו די געטער.

עטוואָס איוֹבישעס איז דאָ אין אָט־אָ דעם „קלוגן” ציניש־ן פליגעלמאַנען.

אין דער נאָוועלע „צווישן בערג” טרעפן מיר פליגעלמאַנען ס׳ערשטע מאָל אין אַ גאַנץ אַנדער מיליע. ער איז אין מינכען, סטודענט־פילאָזאָפיע, פאַרקערט צווישן מאָלער. ער הייסט איצטער אַ גאַנץ אָנהיימלעכן נאָמען: שוואַרצוואַלד! אין דעמ־דאָזיקן אומבאַקאַנטן, אָנהיימלעכן אַנאָנים — דער „שוואַרצער שאָטן” — דערקענען מיר באַלד אונזער גוטן שטילן פליגעלמאַן. אויך דאָ מישן זיך צונויף מיט דער פיזיאָגנאָמיע פון דעם סטודענט שוואַרצוואַלד (ווי אַמאָל מיט דער פיזיאָגנאָמיע פליגעלמאַנס) זייער פיל ענלעכע שטריכן פון נאָמבערגס פּערזענלעכן פּאָרטרעט. פון דעם עלטערן נאָמבערג. „דאָס איז געווען אַ קרענקלעך, מאָגער פּנים, מיט איינגעפאַלענע באַקן. אין די ליניעס פון זיינע קין־באַקן, אין די קנייטשן נעבן מויל, איז געלעגן אַ מאָדנע אונטערטעניקייט, אַן אומבאַהאָלפנקייט, אַ האָפנונגסלאָזיקייט...”

מיר האָבן ווידער אַ סימן, ווי טיף דידאָזיקע נאָוועלע רירט־אָן דאָס שיקזאַל פון ה. ד. נאָמבערגס פּערזענלעכקייט.

„דער שוואַרצער שאָטן", שוואַרצוואַלד, דער סטודענט־פּילאָזאָפיע, שפּילט אין „צווישן בערג" די ראָלע פון אַ געהיימנישפולע, האַלב־מיסטישע פיגור. ער איז פון די מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום מיטן צייכן פון טויט אויפן שטערן. „זיין געגנוואַרט האָט אָנגעוואָרפן אַ טונקעלן שאָטן אויף אונזער געמיט. פון זיין גאַנץ וועזן האָט געווייעט אַ האָפנונגסלאָזיקייט, אַ וויסטער אומעט. אין זיין געגנוואַרט, דוכט זיך, האָט מען געקאָנט טראַכטן און רעדן נאָר וועגן איין זאַך — וועגן טויט". פון אָט־אָ דעם בולטן, צום־טויט־געשטעמפּלטקייט באַקומט דער עלנטער און איבריקער פליגעלמאַן די איידעלע פאַרקלערטקייט. אויסגעלייטערטע, רויקע פאַרקלערטקייט. אַן איבערלעכער חסד האָט אָנגעהויבן צו באַשטראַלן זיין צום אונטערגאַנג אָנגעגרייטן גוף. דער סוד פון טויט שיינט ווי אַ גלאָריע אַרום זיין מידן קאָפּ. „דער טויט האָט אים געבענטשט מיט רויקייט." פליגעלמאַנען, נישט זיין אייגענע טאַט — ער האָט דערצו גאָרנישט געטון — אַן אומבאַקאַנטער גורל האָט פליגעלמאַנען געגעבן אַן אומבאַשטימטן ווערט, אַ ווערט אָן אַ נאָמען, אָן אַ באַגריף, דעם ווערט פון די קליינע קינדער, וואָס שטאַרבן יונג, ווייל די געטער ליבן זיי.

מיט דעמדאָזיקן אויסוועג צו אַ מיסטיש געפיל גייט ה. ד. נאָמבערג אָפּשליסן דעם פליגעלמאַן־פּעריאָד פון זיין שאַפן. דערדאָזיקער „אויסוועג" איז גענוג מערקווירדיק פאַר דעם „קלוגן" נאָמבערגן. גראָד ער, וואָס וויל דוקא זיין „רעאַליסט", וואָס וויל דוקא קוקן „ניכטער" אויפן לעבן, ער, דער „לעבנס־קלוגער" הערש דוד נאָמבערג, פאַרקירעוועט זיין הויפּט־העלד אויף אַ מיסטישן אויסגאַנגס־פונקט. נאָמבערג מיסטיקער? ער איז געוואָרן מיסטיקער אויס פאַרצווייפלונג, ער האָט קיין אַנדערע ברירה נישט, הערש דוד נאָמבערג. די שיף אָן רודער פאַרלאָזט זיך תמיד אויפן אומבאַקאַנטן מזל.

אַזוי פעכערט דאָס אומבאַקאַנטע מזל איבערן קאָפּ פון שוואַרצוואַלדן. דאָס אומבאַקאַנטע מזל, דער אויסלייז, דער אונ־טערגאַנג, דער טויט — וואָס זאָל זיין די איינציקע תשובה אויף

דעם טראַגישן לעבן פליגעלמאַנס. פליגעלמאַן אַליין איז נישט געווען בכּוח אָט-אָ די תּשובה צו דערגרייכן מיט אייגענע כּוחות. אַ קאָסמישער גורל, די וועלט, איז געקומען צו זאָגן וועגן פליגעלמאַנען דאָס לעצטע וואָרט: גייט-אונטער, איר פליגעלמאַנס! דאָס שיקזאַל געביט אייך אונטערצוגיין. אונטערגאַנג? ווירקלעך? זאָל דאָס זיין דער פּאָזיטיווער אויסוועג פאַר אַ יעדן עלנטן לעבן, וואָס קאָן נישט געפינען פאַר זיך קיין תּיקון? „ער גלויבט אין גאָרנישט, ליבט גאָרנישט, האָפט אויף גאָרנישט, אַלץ איז אים גלייך. גאָרנישט. ווי אַזוי זשע לעבט ער? זאָג מיר, איך פרעג דיך.” „צו וואָס לעבט ער?” — פרעגט אויף אַן אַנדער אָרט סאָניע וועגן שוואַרצוואַלדן. ווי אַ שטיין ליגט דאָס פליגעלמאַנישע פאַר די פיס פון אַלעמען, וואָס האָפן, וואָס גלויבן, וואָס ווילן עפּעס טון. שוואַרצוואַלד איז שוין איצטער ענדלעך גרייט צום שטאַרבן — מיט דעם מיינט נאָמבערג אָפּצוקויפן דאָס גאַנצע אומזיסטקייט פון שוואַרצוואַלדס לעבן. זעט, אָט גייט פליגעלמאַן טון זיין חוב: ער גייט זיך אָפּרוימען, שוואַרצוואַלד — פליגעלמאַן. נאָר ער וועט זיך נישט אויפהענגען אויף אַ האָק, נישט וואַרפן אין וואַסער, נישט אַוועקגיין — אַזוי-צו-זאָגן — ווי אַ „פּחדן”. אויך דאָס פליגעלמאַנישע פונם מענטשלעכן לעבן, איר לעזער, האָט נאָך עפּעס אַ וואָרט. עס איז דער גרויסער טרויער, דער אומעט, די טאַטלאָזיקייט, וואָס קומט נאָך אַ ספק, אַ ספק, וואָס מ׳קאָן אים בשום אופן נישט מנצח זיין, עס איז די „נירוואַנאַ” פון די, וואָס קאָנען גאָרנישט טון. אויך פליגעלמאַן, איר לעזער, האָט זיין אילוזיע, וואָרים זעט ווי „מיסטיש” פליגעלמאַן שטאַרבט, ווי פייערלעך דערדאָזיקער אָרימער אינטעליגענטישער „באָנטשע שווייג” קומט-אום!

„איר ווייסט נישט, וואָס איז דאָס אַזוינס אַפּאַטיע, די טויטע עקזיסטענץ, אָן אינטערעס, אָן פרייד, אָן אַנטציקן, אָן האָפנונג, אָן גליק. איך נאַר מיך? גוט! איך וויל נישט מער זיין ווי געבאַרט. איך וויל האָבן מיין אילוזיע. איך קאָן מער נישט

אויסהאַלטן מיין אַפּאַטיע. אַזוי קאָן מען לאַנג נישט לעבן..."

אין דער נאָוועלע „צווישן בערג" האָט נאָמבערג נעמלעך געפּרוווט צו געבן אָט די אינערלעכסטע אילוזיע פון דעם פליגעלמאַנישן מענטש. אילוזיע? איך וועל עס בעסער אָנרופן מיט אַ פּסיכאָ-אַנאַליטישן טערמין: „ווונש-דערפילונג". אין די שטילסטע שעהן זיינע, אין זיין צימערל אויפן בוידעם, זיצט פליגעלמאַן איינער אַליין און טראַכט זיין שענסטן חלום, זיין „ווונש-דערפילונג". די סצענעס פון „צווישן בערג" שטעלן זיך אים פאָר, אַלס זיין לעצטער פאַרלאַנג. און עס טראַכט ביי זיך דער טרוימענדיקער פליגעלמאַן: איך בין אַ נישטיקייט, אַן איבריקער מענטש. ווער ווייסט אָבער דאָרטן, אין די געהיימניש-פולקייטן פון דער צוקונפט, וואָסער שיקזאַל עס שטייט מיר פאָר? פליגעלמאַן ווערט „מיסטיקער". אין דעם געהיימנישפולן קאָן ער זיך גיכער אַליין אַבסטראַהירן אַלס עפּעס אַ מיסטישע דערשיינונג. דאָס מיסטישע איז אונז אַלעמען פרעמדאַרטיק, אומבאַקאַנט. מיט דעם, וואָס פליגעלמאַן קאָן אונז נישט דערקלערן דעם מהות פון זיין לעבן, דאָסדאָזיקע רייצט אים, נעמלעך, אינערלעך אויף זיך אַליין צו קוקן ווי אויף אַן אוניקום: ער איז דאָך אַן אינטערעסאַנט באַשעפעניש, פליגעלמאַן! און ער חלומט דערפון, ווי אומדערוואַרט, ווי פייערלעך און יום-טובדיק עס וועט זיך אויסשפילן דער לעצטער אַקט פון זיין לעבן.

אפשר וועט זיך פאַרט פליגעלמאַנען עפּעס אויסשפילן אינם שיקזאַל. די לעצטע טאַט? די העראָאישע רעאַליטעט? אָרימער! עס איז אַלצדינג הוילע תשוקה, די טיפסטע תשוקה פליגעלמאַנס, דער טרוים וועגן זיך אַליין — די „ווונש-דערפילונג".

ער איז דער „שוואַרצער שאָטן". די מיסטישע פיגור. ער וווינט אין מינכען, איז אַקאַדעמישער פילאָזאָף, לעבט צווישן קינסטלער. זיי, די קינסטלער, מאָלן אים און קאָנען בשום אופן נישט אויפכאַפּן דעם מהות פון זיין וועזן. זיי רעדן כסדר וועגן אים. און ער? ער, פליגעלמאַן, איז דער מענטש מיט אַ גרויסן סוד

אין האַרצן. ער איז דער „אומבאַקאַנטער". דער גוט-באַקאַנטער ליטעראַטור-פּאַרשוין. דער אום-באַ-קאַנטער! פֿליגעלמאַן?

דאָרט טרעפֿט ער זיך מיט סאָניען.

סאָניע איז די אַבסטראַקציע. דער אידעאַל און דער שלמות-טיפּ פֿון אָט די אַלע פֿרויען, נאָך וועלכע דער אומגליקלעכער פֿליגעלמאַן האָט זיך כּסדר געיאָגט. ער האָט זיי אַלעמען געזען אויף פֿאָטאָגראַפֿיעס, אין פֿענסטער הינטער די ראָלעטן. האָט ער זיך ווען עס איז מיט זיי אַמאָל צוזאַמענגעטראָפֿן, זענען זיי צו אים געווען קאַלט, בייז, קאַפּריזנע. סאָניע, הגם אויסערלעך האָט זי אין זיך אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון די נאָמבערגישע פֿרויען, אונטער-שיידעט זי זיך דאָך פֿון זיי דערמיט, וואָס הינטער די אַלע „פֿליגעלמאַנישקייטן" אירע, איז זי אַ פֿרוי מיט עכטן טעמפּעראַמענט, דאָס „ווייב פֿון בלוט און מוסקלען" און, דער עיקר: סאָניע איז דאָס ערשטע ווייב, וואָס פֿון דעם גאַנצן באַקאַנטן-קרייז אירן, באַקומט זי אויף אַן אמתן ליב שוואַרצוואַלדן. גראָד אים, שוואַרצוואַלדן.

„אַ גאָט האָט פֿאַרלאָזט דעם אָלימפּ און געקומען מיך וועקן: שטיי-אויף, דו איינגעשלאָפֿענער מענטש, דו פֿאַרשעמטער, דו אַנטרונערער פֿון לעבן — דערוואַך!"

דאָס ליד פֿון „אויפֿערשטייונג". שוואַרצוואַלד שרייבט עס אָן לכּבוד דעם ערשטן מענטשלעכן האַרץ, וואָס קלאַפּט פֿאַר אים, לכּבוד דער ליבע, לכּבוד דער ד ע ר פֿ י ל ו נ ג, — די ווונש-דערפֿילונג, וואָס ווייזט זיך אים אין חלום.

פֿון דערדאָזיקער ליבע זיינער, פֿון אָט-אָ דער ערשטער, אים ליבנדיקער פֿרוי, נעמט ער אָן דעם טויטן-בעכער. דעם גע-בענטשטן טויטן-בעכער. אָ, שטיל, גליקזעליק געטראַנק! ער וועט אים אויסטרינקען, דעם טויטן-בעכער. פֿליגעלמאַן.

סאָניע פֿירט אים אין די בערג. ווינטער. די בערג און די פֿעלזן ליגן אין שניי. מיט ווייסער מאַיעסטעטישער גרויזאַמקייט אָטעמען די הויכענישן. די אור-נאַטור. ווייט איז ער, שוואַרצוואַלד, מיט סאָניען פֿון דעם לעבן, וואָס איז פֿאַר אים אַזוי שווער. ווייט איז ער פֿון דער מענטשן-וועלט. דער פֿליגעלמאַנישער מענטש

האָט זיך דאָרט קיינמאָל נישט געקאָנט איינלעבן. אין זיין איינזאַמקייט צווישן מענטשן האָט תמיד פליגעלמאַן זיך געפילט מינדערוועריק. ער האָט נישט געקאָנט געפינען דעם וועג צו די מענטשן, צו דער געמיינזאַמקייט. ער, דער אָרימער אינטעליגענטישער „אינדי-ווידואַליסט", שוואַרצוואַלד-פליגעלמאַן, חלומט איצט דעם חלום פון אַ צאַראַטוסטראַ. אַדיע לעבן, דו שווער ביטער לעבן! אָט גייט ער אַוועק, פליגעלמאַן, מיט דער פרוי, צו וועלכער עס האָט תמיד קרענקלעך געבענקט זיין האַרץ, מיט דער געליבטער פרוי, צו די בערג, צו די וואָלקנס, צו פעלזן און שניי.

זון-אונטערגאַנג אין די בערג. בין-השמשות. טונקל, טריב ליכטיקייט. שטילער, קאַלטער הימל. שטילער שניי. אייביקער שניי. פאַרבן-שפיל. („אַ הייליקע צערעמאָניע", זאָגט נאָמבערג). ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן באַפאַלט שוואַרצוואַלדן אַ פרייד. ער איז „מאָראַליש צופרידן". ער איז לוסטיק אין דעם שנייאיקן בין-השמשות. „באָנטשע שווייג" פרייט זיך מיט דער וועלט. אין די איינזאַמקייטן אונטער די וואָלקנס פילט ער זיך אַליין מיט זיין שיקזאַל. דידאָזיקע שטומע נשמה, פליגעלמאַן. אויך די גרויזאַמע, שנייאיקע בערג אַרום אים ליגן אין שטילער איינזאַמקייט. די וועלט אין איר איינזאַמקייט. שוואַרצוואַלד קושט סאָניען, זעצט זיך אַוועק אויפן שליטעלע און פאָרט זיין לעצטן וועג, צום אָפּגרונט.

זיין געביין האָט קיינער נישט געפונען. דער איינציקער און ערשטער מענטש, וואָס האָט ווען עס איז געוויינט אויף פליגעלמאַנען איז געווען זי, סאָניע.

סימבאָליזם, טרוימהאַפטע קאָמפּענסאַציע פאַר אַ מענטשלעכן עלנט, „ווונש-דערפילונג" — זענען די אייגנשאַפטן, מיט וועלכע די נאָוועלע „צווישן בערג" צייכנט זיך אויס. פליגעלמאַן ווערט סוף-כל-סוף פאַר נאָמבערגן נישט קיין הוילער טיפּוס, נישט בלויז די אויטאָביאָגראַפיע פון זיין (הערש דוד נאָמבערגס) פּערזענלעכקייט, נאָר ער ווערט אַ סימבאָל פון מענטשלעכער עלנטקייט. די וועגלאָזיקייט פון אַלע וועגן. נאָמבערג האָט דאָ געוואָלט אַבסטראַהירן די געשיכטע פון זיין אייגן לעבן צו עפּעס אַ גרויסער אומבאַקאַנטקייט.

ניִשט איין אַנטוישטער גלויבט זיך צו קאָנען ראַטעווען אין דעם סימבאָלישן, אין דעם שיקזאַל. ס׳איז אויך רעזיגנאַציע. נאָר צי איז דאָס דער ענדגילטיקער אַנטשלוס פון ה. ד. נאָמבערגן, וועלן מיר זען ווייטער.

דאָס מערכען.

ערשט קאַפּיטל.

אין די אָרימע, האָפנונגסלאָזע פליגעלמאַן-מאָטיוון באַמיט זיך ה. ד. נאָמבערג פאַר אונז צו אַנטוויקלען זיין ניכטערן, איבערקלוגן בליק אויפן לעבן, זיין פילאָזאָפישן פעסימיזם. ער וויל פאָרשטעלן דעם מענטש נישט ווי קיין צלם-אלקים, נאָר ווי אַן אָנמעכטיקע, ווילנלאָזע קאַריקאַטור פון אַ ווילנלאָזן, אומגליקלעכן וועלט-באַשעפער. עס קומט דעריבער אין פלוג אויס היבש מערקווירדיק: מיט דעמ־דאָזיקן איבער-קלוגן, איבער-אינטעלעקטועלן שאַפונגס-עלעמענט ביי נאָמבערגן אַנטוויקלט זיך צוזאַמען אַ גאַנץ קעגנזעצלעכער נעבן-קוואַל. הערש דוד נאָמבערג וויל אונז נישט בלויז דערציילן פון זיין „רעאַליסטישן" קוק אויפן לעבן, ער וויל אויך דערציילן מערכען. פאַנטאַסטישע מעשהלעך פון לעבן און פון דער גאָרער גרויסער וועלט. גוטע און שלעכטע מלאכים, געטלעכע בלומען, וואָס וואַקסן ערגעץ אויף ווייטע בערג-שפיצן, זונענשטראַלן, וואָס ווילן די מענטשן גליקלעך מאַכן, נאָר פועלן גאָרנישט אויס. בקיצור: נאָמבערג קומט פלוצלינג צו אונז מיט אַ גאַנצן באַגאַזש פון קינדישקייט און נאַיוויטעט, וואָס מיר זענען געוווינט געווען צו הערן דערפון אין די מעשהלעך פון אונזערע קינדער־יאָרן און וואָס גרויסע, ערנסטע מענטשן נעמען טיילמאָל אָן דעמדאָזיקן נאַיוון גלויבערישן טאָן, כדי אויסצודריקן אַ באַהאַלטענעם מוסר-השכל, אָדער גאָר דערין זיך אַראָפּצורעדן דאָס שווערע ביטערע האַרץ.

ביי נאָמבערגן קומען — דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעמדאָזיקן טיף-פערזענלעכן שריפטשטעלערישן מענטש — דידאָזיקע צוויי עלעמענטן — איך וועל עס אָנרופן: דאָס

פליגעלמאַנישע און דאָס מערכענאַרטיקע — פון אַ גרויסער אינערלעכער צעריסנקייט. תּמיד שטייט ה. ד. נאָמבערג אויפן שייד-וועג. ביי דער גאַנצער קלאָרקייט פון זיין שרייבערישן אופן איז ער אין זיין וועזן אַלס שריפטשטעלער אַן אומאַנטשלאָסענער כאַראַקטער. נאָך מער: ער איז דער „געשפּאָלטענער כאַראַקטער". אַזוי דריקט ער זיך שפּעטער אַליין אויס אין „ראַיאַ-מאַנאַ". ער איז די טאָפּלטקייט.

דידאָזיקע „טאָפּלטקייט", נעמלעך — נישט דאָס צווייפאַכיקע, דאָס ט אָ פּ ל ט ע, די כאַראַקטער-שפּע — נאָר נאָמבערגס אינערלעכע צעבראָכנקייט, די קרענקלעכע צווייאיקייט פון זיין כאַראַקטער (כ'וויל עס נישט אָנרופן דאָס כאַראַקטערלאָזע, ווייל דאָס וואָלט זיכער נישט געווען די ריכטיקע באַצייכנונג. גראָד נאָמבערג איז פון די געציילטע יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן כאַראַקטער), האָט גורם געווען, וואָס ה. ד. נאָמבערג האָט באַלד אין אָנפאַנג פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט זיך גענומען שרייבן אין צוויי עלעמענטן, וואָס ווידערשפּרעכן זיך, אַזוי-צו-זאָגן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן: דער איין-און-איינציקער מאָטיוו אין נאָמבערגס שאַפן איז דער אויטאָביאָגראַפישער מאָטיוו. דער איינציקער פּסיכאָלאָגישער גרונט, וואָס נויטיקט נאָמבערגן צו זיין שרייבער איז דער אָרגאַנישער געברויך כּסדר צו רעקאַפּיטולירן די געשיכטע פון זיין לעבן, זיינע פּערזענלעכע נויטן, מאַטערנישן, די געשיכטע פון זיין שיקזאַל. דערדאָזיקער אופן פון דערציילן וועגן שיקזאַל איז די איינציקע קאַמפּס-מעגלעכקייט נאָמבערגס. אַזוי קעמפּט ער מיטן שיקזאַל.

אין אָט-אָ דעם צוזאַמענהאַנג איז אַנטשטאַנען, ווי איך האָב מיך אויבן באַמיט צו באַווייזן, דער עפּאָס און די לעבנס-געשיכטע פון דעם מענטש פליגעלמאַן. נאָמבערג האָט געוואָלט פליגעלמאַנען פאָרשטעלן „רעאַליסטיש". אַזעלכער איז ער, פליגעלמאַן, ווייל אַזוי איז דאָס לעבן. פליגעלמאַן איז דער אמתער מענטש, דער מענטש אין זיין נאַקעטקייט, דער מענטש אין זיין מהות. מאַכט אייך נאָר נישט קיין אילוזיעס מיטן מענטשלעכן לעבן. „דער מלאך פּימפּער וואַרפט קיינעם נישט אַראָפּ דעם גאָלדענעם גראָשן". דאָס לעבן

ה. ד. נאָמבערג אַלס חסידישער יינגערמאַן

איז אָפּקומעניש, עול. צו וואָס רעדט איר פון לעבן מיט פאַלשע־האָפנונגספולע ווערטער און זוכט דאָרט די „מאָראַלישע באַפרידיקונג״? האָפנונג? גלויבן? דער ביאָלאָגישער פעסימיזם איז דאָס וואָרסטע וועלט־געפיל. דער קלוגער פילאָזאָפישער מענטש מוז זיין איינזאַם, ציניש, דער עיקר: האָפנונגסלאָז. נאָמבערג וויל אונז מאַכן גלויבן, אַז אין דערדאָזיקער מכלומרשטער קהלת־שטימונג וועט ער באַווייזן זיך אויסצולעבן און אַז ס'איז פאַר אים אַן אָנהאַלט־פונקט צו זיין ציניקער. וואָרים ער ווייסט שוין אַלץ, הערש דוד נאָמבערג, דעריבער האָט ער רעזיגנירט פון וואָסער עס איז אַנדערן אויסבליק אויפן לעבן. ער איז „ניכטערער״ פון אונז אַלעמען. ער איז דער לעבנס־אַפּיקורוס.

און דאָך: דערדאָזיקער „ציניקער״, דער אַפּיקורוס נאָמבערג, פירט גראָד פון תמיד־אָן אַ שווערן און טראַגישן קאַמף מיט זיין „אומגלויבן״. א ו מ ג ל ו י ב ן איז אין נאָמבערגן נישט דער אויסדרוק פון אַן אַטעיִסטיש וועלט־באַנעמען. ער איז נישט קיין פּאָזיטיווער באַשטאַנד־טייל פון זיין וועזן, אָט־אָ דער אומגלויבן. דאָס צינישע איז ביי נאָמבערגן נישט קיין ווערט. גיכער איז עס עטוואָס נעגאַטיוועס. זיין פשוטע אומפעיקייט צו לעבן רופט ער אָן פילאָזאָפישן ציניזם. ס'איז די טראַגישע פוסטקייט אין זיין וועלט־באַנעמען. זעלטן־ווען טרעפן מיר ביי אַ מענטש אַזאַ אומאויפהערלעכן זוכן נאָך ווערט, ווי ביי ה. ד. נאָמבערגן. נאָמבערג זוכט דעם אינערלעכן סוביעקטיוון ווערט פון זיין אייגענער פּערזאָן. דעם ווערט פון דעם „נאָמבערגיזם״, פון וועלכן ער דערציילט כסדר אין די נאָוועלן זיינע. דער ווערט פון זיין גאַנצן וועלט־געפיל.

וואָס בין איך? פרעגט זיך אינערלעך נאָמבערג, — אַן אומגליקלעך „מיספאַרשטענדניש״? אָדער גאָר איינער, עפּעס אַ העכער נפש, אַ פאַרשאָלטענער נביא, וואָס טראָגט אין זיך אַרום „אַ גרויסן ווייטיק פון גייסט״?

צווישן אָט די צוויי זיך־ווידערשפּרעכנדיקע מיינונגען וועגן זיין וועזן, וועגן זיינע אַלע אידעען און איבערלעבענישן, שפּילט זיך אָפּ די פּערזענלעכע טראַגעדיע ה. ד. נאָמבערגס. ער קאָן קיינמאָל נישט געפינען די סינטעזע, ווו עס זאָלן זיך צוזאַמענ־

טרעפן דער ספק און די האָפנונג. ער שטייט צווישן דעם איבער-אינטעלעקטועלן ציניזם און די תמימותדיקע גלויבונגען פון דעם מערכען ווי אַ שוואַכער מענטש.

פון איין זייט איז ער פילאָזאָף, רעאַליסט, פעסימיסט, סקעפּטיקער, מענטש פון „שלטון-השכל", פון דער אַנדערער: וויל פלוצים דער רעאַליסט נאָמבערג פאַרשטעלן די געשיכטע פון זיין ווערן נישט אַלס פּראָדוקט פון פרייען ווילן; פליגעלמאַנס לעבנס-מצב איז נישט דער אינטעלעקטועלער פועל-יוצא פון דעם טראַכטן און לעבן פון אַ זיך-אָפּזאָגנדיקן פילאָזאָף; איז נישט די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון אַ לעבנס-גאַנג. ניין. ס׳איז אַלצדינג פּאַטום. מיספאַרשטענדניש פון אַ שיקזאַל. שיקזאַל-מיסטעריום. די פליגעלמאַנישע קלוגשאַפט, זי זאָל שוין זיין דער תוך כל התוכות, דער סך-הכל פון אַלע האָפנונגען פון מענטשלעכן לעבן? נאָמבערג האָט נישט אין זיך דעם טיפערן פילאָזאָפישן כוח, אַז ער זאָל זיך אַליין דערין איבערצייגן. דאָס פליגעלמאַנישע איז נאָר אַ באַהאַלטן עלעמענט אין זיין ווערן. עטוואָס אַזעלכעס ווי פסיכישער קאָמפּלעקס. איינזאַמע טראַגישע עלנטקייט. אָרגאַנישע אומפעיקייט צו זיין אַקטיוו. דער עיקר: נאָמבערגס פעסימיזם מאַכט אים נישט גליקזעליק. (ווערטפולער פעסימיזם קאָן מאַכן גליקזעליק, ווערטפולע פּאַסיוויטעט מאַכט „מאָראַליש צופרידן" דעם בודיסטישן מענטש). דאָס פליגעלמאַנישע לעבנס-געפיל רייסט זיך נאָמבערגן אַרויס פון דער נשמה ווי אַ ווילקיר-לעך עלמענט. נאָמבערג ווייסט זיך נישט דערמיט קיין עצה צו געבן. (מיט אַ יעדן טיפערן געפיל ווייסט זיך נאָמבערג נישט קיין עצה צו געבן). דעריבער פרוווט ער כסדר אַראָפּצונעמען פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין פליגעלמאַנישער לעבנס-שיטה. שני גויים בבטני. ביי דער פאַלע פון דעם אינטעלעקטועלן ציניקער האַלט זיך אַ נאַיווער מיסטיקער. אַ מיסטיקער, וואָס וויל דאָס פליגעלמאַנישע ווערן — וואָס איז סוף-כל-סוף פאַר נאָמבערגן נישט באַקוועם — מיט פאַרשידענע מיטלען אַבסטראַהירן צו אַ מעטאַפיזישער דערשיינונג. עס קומט ענדלעך גאָר אַרויס, אַז דער צו לעבעדיקער אַקטיוויטעט אומפעיקער ה. ד. נאָמבערג

שטייט ווי אַן אַנטוויקלטער העלד פאַר אַן אומפאַרשטענדלעכער, געהיימנישפולער קראַפט, וואָס הערשט ערגעץ־ווו אין דער וועלט און פּעכערט אומבּרחמנותדיק איבּער זיין מידן קאָפּ. וואָס שייך דאָ צו רעדן וועגן ה. ד. נאָמבּערגס שוואַכקייט, נישט־קאָנסעקווענטקייט, אינערלעכער צעבּראָכנקייט? נאָמבּערג איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק, וואָרים ס'איז אַלץ שיקזאַל, געטער־שפּרוך. פּאַטום. אין די סענטימענטאַלע גלויבּערישע מאָמענטן פון זיין לעבּן בּאַמיט זיך נאָמבּערג צו שטעלן אַ מעטאַפיזישע מחיצה צווישן זיך און צווישן דער פליגעלמאַנישער האָפנונגסלאָזיקייט פון זיין כאַראַקטער. ער וויל זיך מאַכן נאַיוו, כּדי צו האָבּן אַ רויִק געוויסן. אַך, ווי גוט ס'איז צו גלויבּן און האָפן! גלויבּן און האָפנונג איז אָבּער אַן אינערלעכע אַקטיוויטעט, פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן געוויסן. ייִען פאַרשידענע זעעלישע כּוחות הייבּן־אָן צו קעמפן בּיי אים אין דער נשמה, איז דאָס ערשטע, וואָס נאָמבּערג טוט: אויסמיידן דעם בּלוטיקן אינערלעכן קאַמף, די אינערלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן לעבּן. ער שפּילט דעם קלוגן, דעם ניכטערן, דעם פילאָזאָפישן ציניקער, כּדי צו האָבּן אַן אויסרייד פאַר זיין שוואַכקייט. יאָ, דער נאָמבּערגישער פאַטאַליזם איז ווייניקער פילאָזאָפישע שיטה, ער איז מער פּראָדוקט פון אַן אינערלעכער פּחדנות. אַ תּירוץ גאָרנישט צו טון. דאָס מוראדיקע געהיימניש פון דער וועלט, דאָס מיסטעריום פונם שיקזאַל, דער סוד פונם דאָזיין בּאַדאַרף אונז בּשום אופן נישט לײמען די הענט. דאָס געהיימנישפולע פאַרטיפט און פאַרטאָפּלט נאָר אונזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דערמיט ווערט אונזער ווילן טיפער, אונזער טאַט וואָגיקער. דער מיסטיקער, וואָס שטרעקט די וואָפן און פאַרקריכט אין אַ לאָך דערפאַר, ווייל די וועלט איז אַ הערלעכקייט, איז בּיי אַלע זיינע מיסטישע פרומקייטן אַן עלנטער פּחדן. מוט און וואַגניש — דאָס זענען די אייגנשאַפטן פון דעם דערהויבּענעם. פּחדנות איז הינטער יעדער פאָרם אומגעטלעך. ה. ד. נאָמבּערג, דאָס שוואַכע פייגעלע אין דעם שטורם־ווינט, זוכט דעם רויִקן בּרעג, די וואַרימע נעסט. גראָד צו זיין אין דער יידישער ליטעראַטור דער סימבּאָל — אין זיין גאַנצן פאַרנעם — פון דעם יידישן אינ־

טעלעקטועלן מענטש, וואָס רעזיגנירט פון לעבן, ווייל ער זעט זיך באַזיגט אין קאַמף, צו דעמדאָזיקן שווערן פאַראַנטוואָרטלעכן גורל איז נאָמבערג נישט אויסגעוואַקסן. ער האָט מורא צו קוקן יענער גרויסער, טראַגישער רעזיגנאַציע, יענעם פינסטערן תהום מוטיק אין פנים אַריין. יאָ, ווירקלעך. דאָס איז שיקזאַל, זאָגט הערש דוד נאָמבערג. מיט דעמדאָזיקן שיינעם „מיסטישן" וואָרט גלויבט ער זיך אָפּצופּטרן פון אַ יעדער אחריות.

צווייט קאַפּיטל.

ס'איז אַן אומדאַנקבאַרע אַרבעט זיך באַזונדער אָפּצושטעלן אויף יעטווידן מערכען פֿון ה. ד. נאָמבערג. דער גרעסטער רוב פֿון זיי איז נישט געלונגען, נישט אָריגינעל, נאַיוו, קינדיש, געמאַכט. נאָמבערגס מערכען איז די שטרוי, אין וועלכער נאָמבערג כאַפּט זיך אָן, כּדי זיך צו קאָנען ראַטעווען פֿון זיין פֿליגעלמאַנישן יאוש. ס'איז ממש טראַגיש צוצוקוקן: ווי ווייט נאָמבערג זאָל נישט באַקעמפֿן זיין פֿליגעלמאַניזם, איז ער גראָד אַמווערטפֿולסטן אין די פֿליגעלמאַן-נאָוועלן. דאָרט באַקומט ער ווייניקסטנס פּנים, געשטאַלט. אין די מערכען בלייבט ער שוואַך, נישט דערזאָגט, זיך אַליין הינטערשטעליק.

דאָך — אויף דעמדאָזיקן אָרט וויל איך אָנווייזן אויף צוויי פֿון זיינע מעשהלעך. זיי וועלן בולט אילוסטרירן דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן נאָמבערגן אין פֿריערדיקן קאַפּיטל. אין יענע מעשהלעך וויל נאָמבערג זייער אינטים און דיסקרעט אַבסטראַהירן די געשיכטע פֿון זיין שיקזאַל, זיך אַליין אָבער, ד. ה. זיין אייגענע פּערזאָן אָפּרוקן אָן דער זייט. אין קעגנזאַץ צו דעם פּערזענלעכן און אוממיטלבאַרן אופֿן ווי ער דערציילט אונז פֿון זיין לעבן אין די פֿליגעלמאַן-נאָוועלן, וויל ער אין אָט-אָ די מעשהלעך דאָסדאָזיקע פֿליגעלמאַנישע לעבן זיינס פֿאָרשטעלן אַלס אַ קאָסמישן פֿאַטום. נאָמבערג האַקט זיך אַליין אונטער די פֿליגל מיט דעם, וואָס ער מיינט, אַז אויף דערדאָזיקער הייך באַדאַרף ער זיך נישט צו באַטייליקן מיט אַקטיוון ווילן אין די געשעענישן פֿון זיין לעבן. ער גלויבט, אַז ווען מען אַנטלויפֿט פֿון לעבן אין שיקזאַל אַריין, איז דאָס לעבעדיקע געוויסן „מאָראַליש באַפֿרידיקט". דאָרט, אין יענע מעשהלעך וועלן מיר דייטלעכער באַקומען צו זען די צוויי

פסיכישע מאָמענטן פון דער קאָנסטרוקציע פון נאָמבערגס זעעלן-לעבן; די פסיכאָלאָגישע מאָמענטן, וואָס כאַראַקטעריזירן תמיד דעם שוואַכן, מיט זיך נישט זיכערן כאַראַקטער, דעם „געשפּאָלטענעם" כאַראַקטער. דער לעזער וועט מוחל זיין, איך וועל מיך ווידער באַנוצן מיט פסיכאָ-אַנאַליטישע באַגריפן, נעמלעך: ערשטנס, אַ גרויסקייט-איינרעדעניש, צווייטנס: דאָס קאָפּויערדיקע געפיל פון איינרעדעניש, דאָס געפיל פון אינערלעכער מינדערוווערטיקייט, פון אינערלעכער נישטיקייט. אין אַ „געשפּאָלטענעם כאַראַקטער" פאָרן זיך נישט צוזאַמען אָט די צוויי געפילן, זיי האַרמאָנירן נישט צווישן איינאַנדער, ווי ליכט און שאָטן פון מענטשלעכן באַוווּסטזיין-געפיל, זיי זענען נישט די צוויי זייטן פון איין מטבע. אַ יעדעס פון זיי אַנטוויקלט זיך אויפן אייגענעם חשבון, דעריבער ווידער-שפּרעכן זיי זיך, באַקריגן זיי זיך און זענען דערמיט גורם די געוואַלטיקסטע דעפּרעסיעס אין דעם זעעלן-לעבן. דאָס זענען נישט קיין באַפרוכטנדיקע ווערט-ספקות וועגן זיך, נאָר פרוכטלאָזע יאושים, עצבותן, נידערגעשלאָגנקייטן.

„אין אינדיע, ביי די ברעגן פון גאַנגעס", דערציילט ה. ד. נאָמבערג, „וווינט אַ ראַסע". די אַלטע מסורה דערציילט פון דער איידעלער, דערהויבענער ראַסע, אַז זי שטאַמט-אָפּ פון די געטער אַליין און זי איז „אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער טרויעריקער ערד אָפּצוקומען פאַר אירע זינד. דעריבער האָט אַ טאָן פון טרויער שטענדיק געקלונגען אין זייער נשמה און זייער האַרץ איז געווען אָפן און וואַכנדיק פאַר גייסט און זאַכן פאַר (?) גייסט. די אַרבעט האָבן זיי נישט ליב געהאַט און זייער לעבן האָט נישט געקאָנט אויספילן דאָס, וואָס אַ מענטש טוט, כדי זיך צו דערהאַלטן זיין לעבן: זיי האָבן ליב געהאַט דאָס ליידיק-גיין, דאָס גאָרנישט טון".

צווייערליי נביאים זענען דאָרט געווען: נביאים פון טרויער, און נביאים פון געלעכטער. יעדער נביא איז באַלד פון דער מאַמעס בויך באַשטימט געוואָרן פאַר זיין הייליקן שליחות.

אויפן ברעג פון הייליקן גאַנגעס זענען אין יענע צייטן געשטאַנען אַלטע געביידעס: די טעמפּלען פון גאָט פון טרויער און פון גאָט פון

געלעכטער. דעם נביא פון טרויער האָט מען אַריינגעפירט אין דעם טעמפּל פון טרויער־גאָט. דער וועג אַהין איז געווען דער לייכטערער. דורך דער יבשה. שווער און סכנה־פול איז געווען דער וועג פון דעם נביא פון געלעכטער. אויף אַ שיפל האָט ער געמוזט פאָרן דורך דעם שטורמדיקן ים און אַרויסווייזן „פאַראַכטונג צום טויט". ערשט דאָרט „האָט ער זוכה געווען צו זען דאָס הייליקע געשטאַלט פון גאָט פון געלעכטער, מיט זיינע טיפע, גוטע אויגן, מיט די פיל קנייטשן אין שטערן, וואָס האָבן דערציילט פון טרויער, וואָס איז שוין פאַריבער, פון לעבן און מיזעליקייט, וואָס איז איבערוווּנדן געוואָרן."

אַ נביא פון טרויער, אַז ער איז אויפגעוואָקסן, האָט אים זיין וועג געפירט צו זיין גאָט: אַ נביא פון געלעכטער האָט געמוזט בייקומען דעם שווערסטן נסיון.

נאָר ווי איז צו דעם נביא פון געלעכטער, וואָס האָט איינמאָל אין לעבן געזען דעם גאָט פון טרויער. ווי איז צו דעם נביא פון טרויער, וואָס דאָס פּנים פון דעם פרעמדן גאָט איז צו אים אַנטפּלעקט געוואָרן. גרויס איז געווען די זינד אַקעגן זיין גייסט, די זינד האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּגעווישט ווערן. פאַרוואָגלט איז ער געווען אויף דער ערד און פאַרשטויסן און פאַרשאָלטן אויף אַלע וועלטן.

אין דעמדאָזיקן לאַנד, ביים טייך גאַנגעס, איז געבוירן געוואָרן אַ נביא פון טרויער. ראַיאַ־מאַנאַ איז געווען זיין נאָמען.

זע: אויף די ליפּן פון טרויער־קינד האָט זיך באַוויזן אַ קליינער שמייכל.

דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן. אויפן פּנים פון נביא פון טרויער אַ שמייכל?

מיט גרויס זאָרג האָבן די פּריסטער געקוקט אויף דעמדאָ־זיקן אויפוואַקסנדיקן נביא.

אַזוי איז דאָס קינד, מיטן נאָמען ראַיאַ־מאַנאַ, אויפגעצויגן געוואָרן. אָפּגעזונדערט איז ער געווען און אויסבאַהאַלטן פון דער וועלט. מיט דעם ווייטיק פון אַלע וועלטן האָט ער דערצויגן זיין

האַרץ, מיט דעם גרויסן טרויער, וואָס איז אין אַלעם לעבנדיקן און אין אַלעם טויטן. דער יונגער נביא האָט נישט געפונען קיין רו. עס האָט געטראָפן: ראַיאַ-מאַנאַ איז פאַרטיפט אין געדאַנקען, אים באַוועלטיקט דער גרויסער טרויער פון דער וועלט. פלוצלינג ציטערט-אויף אַ ווילד-פרעמדע סטרונע אין זיין האַרץ: אָט זעט ער ערגעץ אַ שפּאָטיש געזיכט און אַ פרעמדע אומבאַקאַנטע וועלט. גרויסע שרעק רייסט-איבער זיין שלאָף ביינאַכט. דעם גאָט פון געלעכטער האָט ער געזען אין חלום. ראַיאַ-מאַנאַ האָט זיך געשראָקן פאַרן פנים פון דעם גאָט. זיין האַרץ האָט פונדעסטוועגן געצויגן צום גאָט פון לאַכן, די נשמה זיינע האָט געבענקט צום גאָט פון לאַכן.

בענקשאַפט און צווייפל פאַרפייניקן ראַיאַ-מאַנאַן. ראַיאַ-מאַנאַ וועקט-אויף דעם עלטסטן פון די פריסטער, זיין רבי, און עס עפנט פאַר אים דער יונגער נביא זיין האַרץ: איך האָב געזען גוטע, טיפע אויגן, פול פרידן און רויקייט. נאָר אַ גרויסער שפּאָט איז געלעגן אין יענע גוטע, פרידלעכע אויגן. אויף די ליפּן פון דעם אומבאַקאַנטן גאָט איז געלעגן אַ געלעכטער. „איך שרעק מיך, הייליקער מאַן, אַ בייזער גייסט פּלאָגט מיך, מיין האַרץ איז פאַר-וויסט, מיין נשמה צעשטערט. העלף מיר, געטלעכער מאַן... זע, מיין יונג האַרץ קאָן נישט איבערטראָגן די גרויסע לאַסט פון בענקשאַפט."

דער אַלטער רבי האָט אים שטיל אויסגעהערט, האָט פאַרלייגט זיינע הענט אויף דער ברוסט און האָט געענטפערט:

— איך קאָן דיר גאָרנישט זאָגן, מיין קינד, אַ גרויסע געפאַר שוועבט איבער דיין יונגן קאָפּ און איך קאָן נישט העלפן".

עס איז געקומען די צייט: ראַיאַ-מאַנאַ האָט מער נישט געקאָנט באַגוועלטיקן זיין פאַרבענקט האַרץ. פרעמד, אָפּגעזונדערט און נישטגעבונדן איז אים אַלץ אויף דער וועלט געוואָרן זינט דער וואָרעם פון צווייפל האָט גענאָגט זיין האַרץ. אַ גאַנצע נאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען ביים ברעג פון הייליקן גאַנגעס. ביי דער ערשטער שיין פון פרימאָרגן האָט ער פּלוצים דערזען דעם טעמפּל, וואָס זיין טויער איז אָפן צום וואַסער צו. און עס האָט צו זיך

געזאָגט ראַיאַ־מאַנאַ: אָט דאָ איז די וווּינונג פון דעם פרעמדן גאָט.

אין אַ נאַכט דערנאָך: אויף די רוישנדיקע כוואַליעס לאָזט זיך ראַיאַ־מאַנאַ אַוועק אויף אַ שיפל. ער קומט־צו צום טויער. מיט ציטערדיקע הענט נעמט ער אַראָפּ דעם שלייער פון דעם הייליקן געשטאַלט. פאַר ראַיאַ־מאַנאַס אויגן אַנטפּלעקט זיך דער גאָט פון געלעכטער. רויק שטייט דער גאָט. אַ גרויסע אַנטציקונג באַפאַלט דעם יונגן נביא. אָט־אָ דעם גאָט האָט ער געזען אין זיינע חלומות! אין דעם הייליקן געטלעכן פנים, אין די קנייטשן פון דעם געטלעכן שטערן איז פאַרזאַמלט דער גאַנצער ווייטיק פון דער וועלט. דער גרויסער וועלט־טרויער איז פאַרוואַנדלט אין געלעכטער. דער שמערץ פון דער וועלט לאַכט־אַרויס פון די געטלעכע אויגן.

ראַיאַ־מאַנאַ קושט דאָס בילד. ראַיאַ־מאַנאַ וויקלט־אַרום זיינע הענט אַרום דעם קאַלטן געטלעכן לייב. דאָ דערשפּירן זיינע הענט: אויף פון דער צווייטער זייט איז דאָס בילד דאָסזעלביקע. ער גייט־צו צו דער אַנדערער זייט און בלייבט שטיין: פון דער צווייטער זייט איז דאָס געשטאַלט פון גאָט פון טרויער. אָ, ווי שרעקלעך! איין גוף מיט צוויי פנימער, און די צוויי פנימער זענען גלייך אין אויסזען, גלייך אין געשטאַלט, נאָר דאָ לאַכט דאָס געשטאַלט, דאָרט טרויערט דאָס געשטאַלט.

און ראַיאַ־מאַנאַ האָט געזען דאָס, וואָס קיין שום נביא און קיין שום הייליקער מאַן פאַר אים האָט נישט געזען, ער האָט געזען דעם טאָפּלטן גייסט, די געטאָפּלטע פאָרב.

פון דעמאָלט־אָן איז ראַיאַ־מאַנאַ פאַרוואָגלט אויף דער וועלט. זיין גייסט ווייסט נישט מער פון רו.

פאַר אַ נביא איז ער געהייליקט פון זיין מוטערס בויך, ראַיאַ־מאַנאַ, נאָר דאָס פאָלק קאָן אים נישט, דאָס פאָלק גיט אים נישט אָפּ קיין כבוד, דאָס פאָלק שעפּט נישט פון זיין גייסט.

פריידיקט ראַיאַ־מאַנאַ פאַרן פאָלק, לאַכט זיין פנים, זיין צונג מאַכט צו שפּאָט די גאַנצע זאָרג, די גאַנצע מיזעליקייט פון מענטשן און געטער. ראַיאַ־מאַנאַ לאַכט? ניין. דער ווייטיק פון

דער וועלט לאַכט, דער שמערץ פון דער וועלט לאַכט. אין ראַיאַ־מאַנאַס געלעכטער קלינגט־אָפּ דער גרויסער וועלט־טרויער.

דאָס איז קיין נביא נישט, וואָרים דער נביא פון טרויער לאַכט נישט, זאָגט דאָס פאָלק.

אַזוי האָט ראַיאַ־מאַנאַ אָפּגעלעבט זיינע יאָרן. מיט קיינעם נישט באַהאָפטן, אָן פריינט, אָן געליבטע, עלנט, פאַרלאָזן.

ער האָט געזען דאָס טאָפּלטע געשטאַלט און איז זיין גאַנץ לעבן אָפּגעקומען פאַר דערדאָזיקער זינד.

און אַז ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים נישט באַקלאָגט, און מען האָט אים נישט באַגראָבן צווישן די נביאים, און מען האָט זיין נאָמען נישט דערמאָנט צום גוטן. נאָר איין קלוגער מאַן האָט דעמאָלט געלעבט אין לאַנד, דערדאָזיקער איינציקער קלוגער מענטש האָט געזאָגט:

„גיט־אָפּ כבוד דעם נאָמען פון ראַיאַ־מאַנאַ. ער האָט געטראָגן דעם גרעסטן ווייטיק פון גייסט.“

דעם לעזער וועט נישט שווער זיין צו דערקענען ווי אין דעמדאָזיקן מעשהלע באַמיט זיך נאָמבערג, צו אַבסטראַהירן זיין לעבנס־געשיכטע אויף די הויכקייטן פון פאַטום. גלייך ווי אין פליגעלמאַנען, גוטמאַנען און שוואַרצוואַלדן, אַזוי באַקומען מיר אויך אין ראַיאַ־מאַנאַן די אויטאָביאָגראַפיע פון ה. ד. נאָמבערגן מיט אַלע זיינע נויטן, מיט אַלע די באַגעבנקייטן פון זיין לעבן, נישט מער, וואָס נאָמבערג שטעלט דאָ די ביאָגראַפיע זיינע אַוועק אין דער באַלייכטונג פון אַ לעגענדע. אין דעמ־דאָזיקן מיסטישן שיקזאַל־ליכט וויל ער געפינען פאַר איר די באַרעכטיקונג. נאָמבערג שיינט אונז צו זאָגן: „נישט פון מיין גוטן ווילן בין איך אַ פליגעלמאַן, אַן אומזיכטבאַרע האַנט, אַ שיקזאַל פירט מיך אויף דעמדאָזיקן וועג. נישט אויס אינער־לעכער אָרימקייט, בין איך עלנט, נישט פון שוואַכקייט און אָנמאַכט איז מיין נשמה צעריסן, איך אַנטשליס מיך צו גאָרנישט נישט, ווייל איך איינער האָב געזען, וואָס קיינער פון אייך אַלעמען האָט נישט געזען. איך האָב געזען די טאָפּלטקייט, דאָס טאָפּלטע געשטאַלט, דאָס צוויי־פּנימדיקע, דאָס אומבאַשטימטע, איך בין

אָרים פון צו פיל עשירות". „איך טראָג אין זיך אַרום דעם גרעסטן ווייטיק פון גייסט". אין דעמדאָזיקן מעשהלע הייבט נאָמבערג אָן הויך צו שאַצן זיינע ווערטן: ער איז דער יידישער ראַיאַ-מאַנאַ, דער גרויסער עלנטער אין דער יידישער ליטעראַטור, דער פון קיינעם נישט פאַרשטאַנענער, מיט קיינעם נישט באַהאָפטענער. דער נישט דערשעצטער. אויך זיין העלד פליגעלמאַן איז נישט קיין קליין מענטשעלע. פליגעלמאַן איז דער גרויסער איינזאַמער, וואָרים פליגעלמאַן, דאָס איז מענטשלעכער טרויער, האָפנונגסלאָזיקייט פון אַלע האָפנונגען. קוקט נישט דערויף, וואָס פליגעלמאַן לעבט אָן פריינט און געליבטע, עלנט און פאַרלאָזן — ווי דער הונט אויף דער גאַס. גראָד ער, דער קליינער, נישטיקער פליגעלמאַן איז גרעסער פון אַלעמען אין גייסט, ער איז דער אינטעליגענטישער ל״וו״ניק, דער באַהאַלטענער איבער-מענטש. גלייך ווי אין דער נאָוועלע „צווישן בערג" האָבן מיר דאָ אין „ראַיאַ-מאַנאַ" ווידער דעם קאָמפּלעקס פון „ווונש-דערפילונג" אין דער פערזענלעכקייט פון ה. ד. נאָמבערגן. מיט איין אונטערשיד: אין „צווישן בערג" וואַרט ערשט שוואַרצוואַלד אויף דער דערפילונג, ער וויל זיך אין זיין עלנטקייט קאָמפּענסירן דערמיט, וואָס ער איז אַ געהיימנישפולע פיגור; פון זיין אָרימער געגנוואַרט אַבסטראַהירט ער זיך אַרויס אין אַ כימערישער צוקונפט אַריין, ווו די ליבע וועט קומען צו אים. ערגעץ אין פּאָעטישע איינזאַמקייטן, אין אָפּגרונטן צווישן שנייאיקע בערג וועט דער טויט אים דערלייזן. דער שוואַרצוואַלד-קאָמפּלעקס ביי נאָמבערגן איז דער פּראָדוקט פון נאַיווע ליטעראַרישקייטן, יוגנט-טרוימערייען וועגן מאָדנע אַוואַנטורעס. דאָס אָרימע האַרץ וויל זיך פאַרגעסן אין ריטערלעכקייטן. אין „ראַיאַ-מאַנאַ" האָבן מיר נישט דעם בלויזן „ווונש", נאָר טאַקע זי אַליין, די „דערפילונג". עס איז דערפילט געוואָרן. פליגעלמאַן ווערט האָפערדיק, ער זעט זיך נישט מער ווי קיין לעבנס-שלימזל, ער האַלט זיך נישט פאַר דעם „פאַרשפּילטן מענטש". „ניין", שיינט נאָמבערג צו זאָגן, „איר האָט אַלע אַ טעות געהאַט, איך זעלבער האָב וועגן מיר געלעבט אין אַ טעות. איר האָט מיר סוגערירט אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט".

אַזוי ווי ער איז, איז ער, פליגעלמאַן, עפּעס אַ ווערטפולע עקזיסטענץ. ס׳איז דאָס טיפסטע, דאָס אמת׳סטע אין מענטשלעכן לעבן, דאָס פליגעלמאַנישע, דעריבער קלינגט עס אָפּ ווי שיקזאַל, ווי מיסטעריע. איז ראַיאַ-מאַנאַ אַ פאַנטאָם? ער איז וואָר. ממשות. איינזאַם און עלנט איז ראַיאַ-מאַנאַ, ווייל ער האָט געזען מער פון אַלעמען. יענער גרויסער מתבודד. גרעסער זיין פון אַלעמען, הייסט — איינזאַמער זיין פון אַלעמען.

„פליגעלמאַן", זאָגט נאָמבערג, „דאָס איז די רעזיגנירנדיקע רויקייט פון חכמה. דער טרויער, וואָס איז שוין אַריבער, לעבן און מיזעליקייט, וואָס איז איבערוווּנדן געוואָרן".

מ׳קאָן כמעט יעדן עפּיזאָד פון די פליגעלמאַן-נאָוועלן נאָכ-ווייזן אין די שורות און צווישן די שורות פון דעמדאָזיקן אינ-דישן מעשהלע. נאָמבערג האָט אָפט ליב צו דערציילן פון דער אינדישער נירוואַנאַ. ער וויל זיך טרייסטן דערמיט, וואָס אויך די יעניקע, וואָס לעבן אין דער נירוואַרנאַ, טוען גאָרנישט. ס׳ערשטע מאָל אין נאָמבערגס שאַפן פילט זיך דאָ דער ווילן צו „מאָ-ראַלישער צופרידנקייט". אין אָט-אָ דעם שפּיגל פון ראַיאַ-מאַנאַן וויל נאָמבערג אַנדערש אָנקוקן זיין פּנים, ווי ער פלעגט עס תּמיד אָנקוקן אין דעם שפּיגל פון פליגעלמאַנען. באַזונדערס בולט דערציילט נאָמבערג פון דעם שיקזאַלפולן באַגעגעניש זיינעם מיט י. ל. פּרץ, צו וועמען ער, דער יונגערמאַן, וואָס האָט „אין איין טאָג פאַרלוירן אַלע זיבן הימלען", איז געקומען צו דערציילן זיינע נויטן. ראַיאַ-מאַנאַ וועקט-אויף ביינאַכט דעם אַלטן פּריסטער, זיין רבי: „איך שרעק מיך, געטלעכער מאַן, אַ בייזער גייסט פלאָגט מיך, מיין האַרץ איז פאַרוויסט, מיין נשמה צעשטערט, זע, מיין יונג האַרץ קאָן נישט איבערטראָגן די גרויסע לאַסט פון בענקשאַפט, מיין אַנגסט פאַרצערט מיך פון טאָג צו טאָג".

דער אַלטער האָט שטיל אויסגעהערט און האָט געענטפערט:

— „איך קאָן דיר גאָרנישט זאָגן, מיין קינד, אַ גרויס געפאַר שוועבט איבער דיין יונגן קאָפּ און איך קאָן נישט העלפן".

פּרץ׳ס שטים אין יידישן לעבן: וואָס גרעסער די סכנה, גרעסער דער גלויבן, דער עקסטאַז, דער מוט, דאָס וואַגניש.

אין „ראַיאַ-מאַנאַ" פּרוּווט נאָמבערג צו ענטפערן פּרצן: די גרויסע מענטשלעכע האָפנונגסלאָזיקייט — פליגעלמאַן — איז אויך „מאָראַלישע באַפרידיקונג". עס איז דער עקסטאַז פון רויִקייט, דער עקסטאַז פון אויסגעלייטערטקייט, דער עקסטאַז פון יאוש.

האָפנונגסלאָז זיין, הייסט אויך — דאָס וואַגן, הייסט אויך — דער ווערט, הייסט אויך — דאָס פּאָזיטיוו זיין.

ס'ערשטע מאָל זינט נאָמבערג איז שריפטשטעלער טרעט ער אַרויס פון זיין באַשיידנקייט. ער פאַרלאַנגט פון אונז כבוד, ער פאָדערט פון אונז אָנערקענונג, ער גלויבט עס צו האָבן פאַרדינט:

„גיט אָפּ כבוד דעם נאָמען פון ראַיאַ-מאַנאַ", זאָגט נאָמבערג, „ער האָט געטראָגן דעם גרעסטן ווייטיק פון גייסט".

דריט קאַפּיטל.

מיט ווייניקער גלויבן אין ויך, מיט אינערלעכער נידערגעשלאָגנקייט (מינדערווערטיקייטס-קאָמפּלעקס), דערציילט נאָמבערג וועגן זיין פּערזאָן, אין דעם צווייטן מעשהלע, אין „מיספאַרשטענדניש".

„אַמאָל איז געבוירן געוואָרן אַ מיספאַרשטענדניש אויף דער וועלט. געווען איז עס אַזוי: זיין זיידע, אַ רייכער ייד, האָט געהאַט איין-איינציקע טאָכטער, האָט ער געזוכט פאַר איר אַ מאַן, וואָס זאָל זיין אויסערגעוויינטלעך. ענדלעך האָט ער זי חתונה-געמאַכט פאַר אַ בחור אַן עילוי. באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי שלעכט ער האָט געטראָפן. דער יונגערמאַן איז געווען אַ מגושמדיקער, ווילדער און שרעקלעך צעלאָזטער. עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה האָט מען אים געכאַפּט מיט אַ פּאַפּיראָס אים שבת. דאָס ווייבל איז מיט אים ברוגז געוואָרן און נישט געוואָלט מיט אים לעבן. דער יונגערמאַן האָט געטשעפּעט מיט דער דינסטמויד און עס איז אַרויס אַ סקאַנדאַל.

דערצו איז דער יונגערמאַן געווען אַ קראַנקער, אַ הוסטער. נאָך דער חתונה איז ער נאָך מער קראַנק געוואָרן, ענדלעך איז ער אַוועקגעשטאָרבן.

זיין טויט האָט געוויס קיינער אין דער פאַמיליע נישט באַדויערט.

נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דאָס מיספאַרשטענדניש.

פון דעם קורצן צוזאַמענלעבן איז געבוירן געוואָרן אַ קינד פון מענלעכן געשלעכט. אַ קליין מיספאַרשטענדניש.

עס איז געווען אַן איבריקע זאַך אין הויז, אָבער דאָך אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

עס האָט באַלד באַקומען אַ שטיף־פאָטער און דאָס קליינע קינד האָט גאַנצפרי באַגריפן זיין ריכטיקע לאַגע אין דעם הויז, אַז ער איז אַן איבערגעבליבענער רעשט פון אַן אומגליק, וואָס איז, געלויבט צו גאָט, שוין פאַרביי, אַ מיספאַרשטענדניש.

געווען איז עס אַ שוואַך קינד, מיט אַ בלאַס געזיכטל און גרויסע שווערמוטיקע אויגן. פון זיינע הענט האָבן בלויע אָדערן דורכגעקוקט. ער האָט געהאַט אַ צו גרויסן קאָפּ לויט זיין גוף און דעריבער געגאַנגען אַ ביסל איינגעבויגן.

אַזוי איז דאָס קינד אויפגעוואָקסן ביז די בחורישע יאָרן. און אַ געפיל פון עלנט און איינזאַמקייט איז צוזאַמען מיט אים געוואָקסן אין זיין האַרצן.

דאָס מיספאַרשטענדניש, וואָס איז געווײנטלעך געווען זייער גלייכגילטיק צו אַלעם, האָט באַקומען אַ משונהדיקע ווילדע תאוה צו אַ פידל.

דאָס מיספאַרשטענדניש האָט נישט געהאַט קיין שלעכט האַרץ, עס איז אָבער געווען אַ שרעקלעך ווילנלאָז באַשעפעניש און האָט זיך אַליין נישט געקאָנט באַגוועלטיקן.

אין זיין האַרצן איז צוגעקומען אַ געפיל פון חרטה, פון נישטצופרידנקייט פון זיך אַליין, און דאָס געפיל איז געוואָקסן צוזאַמען מיט דער עלנטקייט און איינזאַמקייט.

עס איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען אַזאַ צייט, ווען עס איז אים ענג געוואָרן אינדערהיים און ער האָט געוואָלט אַוועק. אָן אַ מאַמעס אַ קוש, אָן אַ האַרציק וואָרט איז ער אַוועק פון דער היים ווי אַ גנב. די אמונה פון זיינע עלטערן האָט ער אַליין שוין געהאַט פאַרלוירן, און אַזוי איז ער אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין און האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע שווערמוטיקע אויגן.

אינדערהיים האָט מען אים פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט אָן אַ געשטאָרבענעם.

אָבער ער אַליין האָט געוווּסט, אַז ס'איז נישט זיין שולד. זיין געבורט איז געווען אַ מיספאַרשטענדניש, און אַזוי מסתּמא וועט זיין גאַנץ לעבן זיין. ער קאָן נישט העלפן.

ער האָט זיך מיט דער צייט אַפילו אַרויסגעאַרבעט און

געקומען באַזוכן די קאָנסערוואַטאָריע, וווּ ער איז געוואָרן איינער פון די אויסגעצייכנטסטע שילער. אָבער אַפילו זיין דערפאָלג דאָ האָט גאָרנישט געענדערט אין זיין אינערלעכן וועזן. פון פרייד און נחת, גליק און באַגייסטערונג האָט ער נישט געוווּסט. דער פּראָפעסאָר האָט אים געריימט פאַר זיין לייכטקייט אין אויספירן, פאַר זיין שטימונגספולן שפּילן, אָבער דערביי האָט ער באַמערקט, אַז אין זיין שפּילן פעלט עפּעס, עפּעס אַ שאַפנדיקער עלעמענט, וואָס זאָל אים מאַכן פאַר אַן אמתן קינסטלער אין זיין פאַך (?).

ער האָט עס זיך אין אָנהייב גענומען צום האַרצן און עס האָט אים פאַרדראָסן. אָבער די פילאָזאָפיע פון זיין קינדהייט האָט באַלד געשטילט זיין פאַרדרוס. וואָס איז ער שולדיק? אָט אַזוי איז ער געבוירן. ער איז איינמאָל געקומען אויף דער וועלט און וועט אויף איר דורכלעבן אַ לעבן. ס׳איז אַ מיספאַרשטענדניש. איצט איז דאָס מיספאַרשטענדניש געווען נישט נאָר ער אַליין. זיין פילאָזאָפיע איז אויסגעוואָקסן צוזאַמען מיט זיין בילדונג פון זיין אייגענעם „איך“ אַרויס און האָט אַרומגענומען וועלט און מענטשן (פאַר נאָמבערגן צו אַ האַמטענער זאַץ!). אַלץ איז אַ מיס-פאַרשטענדניש! זיין אייגענער „איך“ איז נאָר אַ גוטער ביישפּיל, אַן אילוסטראַציע. פון וואַנען איז די וועלט געקומען אין אונזער פּלאַנעט? (?). און די ערשטע פּראָטאָפּלאַזמע? און דאָס גאַנצע לעבן, וואָס ווימלט? און שטאַט, און רעליגיע, און קונסט, און אַלץ, אַלץ, וואָס אינטערעסירט מענטשן? אַלץ איז געקומען אָן אייגענעם ווילן, אַלץ איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין צושטאַנד פון עקזיסטענץ און קאָן זיך נישט העלפן, אַזוי ווי ער אַליין. עס איז זינלאָז — אַ מיספאַרשטענדניש.

צי איז דאָס נישט געווען דער סוד פון דעם „עפּעס“, וואָס, ווי דער פּראָפעסאָר האָט באַמערקט, פעלט אין זיין שפּילן — אָט דידאָזיקע צופעליקייט, דאָס מיספאַרשטענדניש? אין דער קונסט באַדאַרף זיין גאַנצקייט, פאַרגעסנקייט, שכרות, בלינד גלויבן. אין דעם שילערס שפּילן האָט עס דער פּראָפעסאָר נישט געפונען.

אָבער איינמאָל איז עס געקומען איבער דעם יונגן מוזיקער

ווי אַ גייסט פון אומענדלעכע ווייטקייטן און ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מיספאַרשטענדניש — אויף אַ קורצע ווײַלע.

ער איז דעמאָלט פאַרליבט געווען אין אַ מיידל, אַזוי פאַר־ליבט, אַז זיין אייגענע פילאָזאָפיע פון מיספאַרשטענדניש האָט אים נישט געקאָנט העלפן... דער דורשט צו ליבע, צו איר'ס אַ צערטלעכן בליק, צו אַן אינערלעך וואָרט, צו אַ באַרירונג פון איר האַנט, האָט אים ווילד געמאַכט. ער האָט פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך. ליבע! ליבע! ליבע!

דאָס יונגע, שיינע מיידל, וואָס איז גאַנץ גוט געווען צו אים, האָט אַנגסט באַקומען פאַר אים, די באַהאַלטענע זייט פון זיין „איך" האָט זי איבערגעשראָקן און זי האָט אים פאַרלאָזט.

דעמאָלט איז עס געשען, וואָס דער יונגער מוזיקער איז אַהיימגעקומען אין זיין צימער, האָט אַראָפּגענומען די פידל פון דער וואַנט, איר אָנצוטרויען זיין עלנטקייט.

און שפּילנדיק, האָט ער דערפילט, ווי ער הערט־אויף צו זיין אַ מיספאַרשטענדניש, ווי עפּעס געוואַלטיקס און דערהויבנס איז געקומען איבער אים און געוועלטיקט איבער אים. אַ מעלאָדיע האָט זיך צעגאָסן פון הינטער זיינע פינגער, שמערצהאַפט ווי זיין איינזאַמקייט, דאָך פול מיט טרייסט.

דעמאָלט האָט דער קינסטלער באַשאַפן זיין באַרימטע „יתומים־עלעגיע", וואָס האָט פאַרהערלעכט זיין נאָמען.

אַז ער האָט זי אויסגעשפּילט, איז ער אַנידערגעפאַלן מיד אויף זיין איינזאַם בעט און האָט זיך צעוויינט פאַר גליק.

יאָ, דאָס איז נישט געווען קיין מיספאַרשטענדניש, נאָר אַ קונסט־ווערק, געבוירן פון לאַנגער איינזאַמקייט.

לאַנג האָט זיין גליק נישט געדויערט, ער האָט זיך אין דער „יתומים־עלעגיע" אַליין איבערגעשטיגן און האָט מער שאַפן נישט געקאָנט און אינגיכן האָט אים דער טויט צוגענומען פון דער ערד".

ס'מוז צוגעגעבן ווערן: דידאָזיקע מערכען־נאָוועלע איז נאָמבערגן אַבסאָלוט נישט געלונגען. זי איז שוואַך, אָן פאָרם, אָן טאָן. דאָך — כּדי צו האָבן פאַרשטענדניש פאַר דער גאַנצער

קאָנסטרוקציע פון נאָמבערגס פערזענלעכקייט *) איז אָט־אָ דאָס מעשהלע זעלטן אינטערעסאַנט. מיר האָבן דאָ פאַר זיך כמעט ווי זייטלעך מיט די אינטימסטע נאָטיצן, וואָס שריפטשטעלער צייכענען זיך אויף אין די שעהן פון שטילסטער יחידות אָן שום מיין זיי צו פאַרעפנטלעכן. אַזעלכע נאָטיצן ווייזן אונז ווי טיף דאָס פערזענלעכע, דאָס „פריוואַטע" לעבן פונם קינסטלער איז פאַרבונדן מיט זיין שאַפן. קונסט איז נישט קיין צופעליקייט, קיין קאַפריז. אין דער קונסט דעקט זיך אויף אַ לעבן: די העכסטע און איידלסטע מדרגה, אין וועלכער עס אַנטפלעקט זיך דער מענטש. קונסט איז אַ ספר־האדם. אַ מענטשן־בוך. זייער באַדייטנדיקע קונסט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי איז אינטים פאַרבונדן מיט דער גאַנצער פערזענלעכקייט פונם קינסטלער, יאָ (דוקא!) מיטן פערזענלעכן לעבן זיינעם, עקזיסטירט זי פונדעסטוועגן, אין דער פעריפעריע פון אירע העכסטע דערגרייכונגען, אַלס אַ זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ. דאָס איז איר גרויסקייט. די גרויסע אינערלעכע פרייהייט אירע. די פרייהייט און די זעלבסט־באַפרייונג פון דעם קינסטלערישן מענטש. די נאָטיצן און די טאָג־ביכער פונם קינסטלער, ווו מיר שטייען נענטער צו זיין אַלטעגלעכקייט, צו זיין עפּאָכע און סביבה, זיי גיבן אונז נאָך מער דעם זיכערן באַווייז, ווי די נויטן פון לעבן הענגען צוזאַמען מיט די נויטן פון שאַפן, דער צער החיים מיטן צער היצירה, ווי דאָס ליידן הענגט צוזאַמען מיט דעם עקסטאַז און דער טיפער עול פון לעבן מיטן באַפרייונגס־געפיל

---

*) „מיין טאַטע איז יונג געשטאָרבן, אין עלטער פון 29 יאָר אין מעראַן (טיראָל), ער האָט געקרענקט אויף שווינדזוכט. צווישן אים און מיין מוטער איז קיין גוט לעבן קיינמאָל נישט געווען. די מאַמע איז געווען זייער פרום. דער טאַטע איז געווען שטילערהייט אַ משכיל און אַ מענטש מיט אַ רייסנדיקן טעמפּעראַמענט. דעם טאַטן געדענק איך קוים, ווייל ער האָט דאָס לעצטע יאָר פאַרברענגט אין אויסלאַנד אין די וואַרים־בעדער. ווען ער איז געשטאָרבן, בין איך אַלט געווען 10 יאָר".

פון ה. ד. נאָמבערגס ירושה. געדרוקט אין דער „פאָלקס־ציישונג" דעם 19־טן דעצעמבער 1927.

פון דער קונסט. אין די טאָג־ביכער פון דעם קינסטלערישן מענטש קאָן אַפילו דער לעזער, וואָס פאַרמאָגט נישט דעם חוש פון אַנאַליז און האָט נישט די סובטעלע פעיקייט צו באַמערקן דעם מענטש אין דעם קונסטווערק און די געשיכטע פון די מענטשן אין דער געשיכטע פון דער קונסט, — אויך יענער, נישט זייער סובטעלער לעזער, זאָג איך, וועט אין די נאָטיצן און אין די טאָג־ביכער פון דעם מייסטער דערזען דעם „פריוואַטן" און פערזענלעכן לעבנס־וועג פונם קינסטלער: דאָס פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע, וואָס אַבסטראַהירט און לייטערט זיך שפּעטער אויף די הויכענישן פון דער קונסט. ער וועט זען דאָרט, יענער לעזער, דעם שווערן און העראָישן גאַנג, ווי עס גייט דער קינסטלערישער מענטש פון קאַמף צו דער אינערלעכער מנוחה, צו דער רויקייט, צו שאַפערישער הסתכּלות. צו דערגרייכונג. דידאַזיקע אַרט פון קינסטלער, וואָס האָבןווירקלעך עטוואָס דערגרייכט אין זייער שאַפן, זיי זענען שוין צוגעקומען צו אַ מדרגה פון קינסטלערישן העלדנטום. די גרויסע קינסטלער זענען די איינציקע, וואָס האָבן ווירקלעך געזיגט אין דעם טראַגישן קאַמף פון לעבן. פון זייערע הענט שטראַלט־אַרויס די מענטשלעכע ליכטיקייט, די מענטשלעכע גליקזעליקייט. דער גלויבן.

דער נצחון פונם מענטש.

ה. ד. נאָמבערג געהער צו די שריפטשטעלער, וואָס זענען תּמיד אויפן וועג. אומצייליקע העמונגען ליגן זיי פאַר די טריט. זיי באַרען זיך שווער צווישן קאַמף און דערגרייכונג. איך האָב געזאָגט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל: נאָמבערג האָט נאָך קיינמאָל אין זיין שאַפן נישט דערפילט, אַז ס'זאָל זיך דערפון אין אים עפּעס באַפרייען, דערלייזן. די „מאָראַלישע באַפרידיקונג". נאָמבערג קעמפט פיל אין זיך, צווייפלט פיל, ליידט. תּמיד אָן אויסזיכט. צווישן דעם דערגרייכנדיקן קינסטלער און צווישן אונזערע טאָג־טעגלעכע נויטן בילדעט זיך סוף־כּל־סוף אַ תּהום. דאָס לאַנד פון דער קינסטלערישער דערפילונג ליגט אין נעפּל. דער וועג פון דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט, וואָס פירט אַהין, פאַרלירט זיך אין גלאָריע, אין ליכטיקייט. פאַרשווינדעט דערמיט פון אונזער

אויג. (דאָס גוט-באַקאַנטע, דאָך זייער טיפע וואָרט געטעס: „ווער עס וויל פאַרשטיין דעם דיכטער, מוז אַהינגיין אין זיין לאַנד"). דאָס שיפל, וואָס טראָגט-אַוועק דעם קינסטלער אין יענעם געבענשטן לאַנד פון דער קונסט, ווערט פון אַן אַכזריותדיקער האַנט אָפּגעשטופּט פון ברעג. דער טאָג־טעגלעכער מענטש ווערט איבערגעלאָזן. דער טאָג-טעגלעכער מענטש קאָן אויסקוקן דעם קינסטלער, בענקען נאָך אים, נאָכרופן, אָבער דאָך קאָן ער נישט מיטקומען. דעם קינסטלער ה. ד. נאָמבערגן איז דאָס גאָלדענע צויבער-שיפל תמיד אָפּגעשטופּט געוואָרן פון ברעג, איידער ער האָט עס נאָך באַוויזן צו באַטרעטן. אַן אָדלער מיט אונטערגעהאַקטע פליגל! ה. ד. נאָמבערג איז איבערגעבליבן צווישן אונז אַלעמען. אין אונזער קליינער אַלטעגלעכקייט. צום שאָדן פון זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן איז ער אונז אַזוי נאָענט. זיין קינסטלערישע אָנמאַכט, איז די אָנמאַכט פונם מענטש, פונם טאָג־טעגלעכן לעבן. אויס־זיכטסלאָז קעמפט נאָמבערג פאַר יענער „מאָראַלישער באַפרידיקונג" פון דעם קינסטלערישן מענטש. דעם שווונג, דאָס אַ ר ו י ס ה ו י ב ן־ז י ך, וואָס מען דערפילט ביי אַן אינערלעכער דערגרייכונג, דאָס זוכט נאָמבערג אומזיסט. אָבער גראָד זיי, אָט די אויסזיכטסלאָזיקייטן פון זיין קינסטלערישן וועג, מאַכן דעם גורל פון זיין לעבן אַזוי מענטשלעך. ווייפולע מענטשלעכע פשטות. זאָל נאָר נישט איגנאָרירט ווערן דידאָזיקע אויסזיכטסלאָזע מענטשלעכע פשטות! עמערסאָן און קאַרלייל פלעגן ליב האָבן צו באַשרייבן די רעפּרעזענטאַנטן פון מענטשן־געשלעכט, יענע געטלעכע יחידים, וואָס זייער גרויס־קייט האָט זיי פון אונז דערווייטערט. דאָס העראָישקייט. דער גלענצנ־דיקער סאַן־בעוו דערציילט דוקא זייער פיל פון שטילע ליידנדיקע קינסטלער, וואָס די געטער האָבן פאַר זיי פאַרשלאָסן די אויפ־גענג צום פאַרנאַס. די אָרימע, וואָס האָבן שאַפנדיק, אומזיסט געהאָפט. די קונסט איז פאַר זיי געווען אַ קוואַל פון אומגעשטילטן פיין, אויסזיכטסלאָזן ווילן. רעפּרעזענטאַנטן פון מענטשלעכער אָנמאַכט. אין אונזער יידישער ליטעראַטור איז ה. ד. נאָמבערג דער באַשיידענער רעפּרעזענטאַנט פון דערדאָזיקער צערפולער

מענטשלעכער אָנמאַכט. אויף די בלעטער פון זיינע נאָוועלן ציט זיך דאָס שטילע מענטשלעכע געראַנגל צווישן אָנמאַכט און ווילן: דאָס לעבן פון דעם מאָדערנעם יידישן אינטעליגענטישן אינ-דיווידואַליסט. נאָמבערגס נאָוועלן זענען דאָקומענטן דערפון, ווי שטיל און טראַגיש עס האָט אין אונזער צייט געליטן דער מאָדערנער יידישער מענטש. און ער האָט אונז געוויזן, ה. ד. נאָמבערג: אין דער צעבראָכנקייט, באָדנלאָזיקייט און אין יאוש פון דעם מאָדערנעם יידישן מענטש ברענט נאָך פונדעסטוועגן אַ ליכטל פון גלויבן. שטילע האָפנונג. נאָמבערג האָט מיזאַם געגראָבן אַ קוואַל. אויב ס׳איז דער יידישער ליטעראַטור באַשערט צו האָבן שפּעטערע דורות, וואָס זיי וועלן אפשר גיכער פון אונז באַנעמען, וואָס איז דאָס אַזוינס מאָדערנער יידישער מהות, וועלן זיי מיט ערפורכט געדענקען דעמדאָזיקן אָרימען אַנטוישטן, הערש דוד נאָמבערגן, די שטילסטע נשמה פון אונזער היינטיקן יידישן דור, דער דור, וואָס ווייסט נישט צי איז ער שוין פון די לעצטע יידן, אָדער ערשט פון די ערשטע נייע וועלטלעכע יידן, פון די אָנהייבער.

אין דעם נישט-געלונגענעם מעשהלע „מיספאַרשטענדניש”, אין אָט-אָ די נישט „פאַר דער עפנטלעכקייט” געשריבענע נאָטיצן, זעען מיר ה. ד. נאָמבערגן, דעם קלוגן, פּראַקטישן ליטעראַט אין זיין גאַנצער אומבאַהאָלפנקייט. די מאָטיוון גלאַנצן נישט מיט דער גאַליקער איראָניע, ווי אין די פליגעלמאַן-נאָוועלן. זיי זענען נישט באַאַרבעט אין דער ליטעראַרישער עלעגאַנטישקייט, אונטער וועלכער נאָמבערג האָט זיך תּמיד ליב צו באַהאַלטן. די לעגענדע-פאָרם, וואָס נאָמבערג האָט זיך אויסגעקליבן, כּדי אָפּצוּווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט פון דער אינטימער אַנטבלויזקייט פון זיין לעבן (וואָס ער דערציילט אין דעמדאָזיקן מעשהלע), איז זייער נאַיוו געמאַכט. מיר זענען דאָרט „אונטער די קוליסן” פון נאָמבערגס פּערזענלעכן לעבן און מיר קאָנען פון יענע אומבאַהאָלפענע „לעגענדאַרישע” מאָטיוון רעקאָנסטרויִרן דעם גאַנצן פּערזענלעכן אונטערגרונט פון נאָמבערגס נאָוועלן. אין „ראַיאַ-מאַנאַ” קלינגט נאָמבערגס טאָן וועגן זיך האָפערדיק, פולווערטיק

(דאָס ערשטע מאָל), אין „מיספאַרשטענדניש" האָבן מיר דאָסזעלביקע לעבן נאָמבערגס איבערגעגעבן מיט אַ געפיל פון זעלטענער מינדערווערטיקייט. דאָס שווערע אומעטיקע לעבן זיינס איז נישט קיין „ווייטיק פון גייסט", נישט די מאַרטיראָלאָגיע פון אויסדערוויילטקייט, נאָר פשוטער אומגליקלעכער טעות. מיס־פאַרשטענדניש. דער מפלומרשטער „ווייטיק פון גייסט", דער פאַטוס, דאָס „שיקזאַל" איז אַן איבריקע זאַך, „אַן איבערגע־בליבענער רעשט פון אַן אומגליק".

מיר האָבן דאָ די גאַנצע ביאָגראַפיזם פליגעלמאַנס אַלס אַ סך־הכל פון מינדערווערטיקייט: טאַטע, מאַמע, די געבורט זיינע. ער איז, אַזוי־צו־זאָגן, „ערבלעך באַלאַסטעט" מיט אָט־אָ דער „איבריקייט אינם לעבן". ס'איז נישט זיין פערזענלעכע שולד: „זיין געבורט איז געווען אַ מיספאַרשטענדניש און אַזוי, מסתמא, וועט זיין גאַנץ לעבן זיין, ער קאָן נישט העלפן".

אַזוי אַנטלויפט די יוגנט ביי דעם אָרימען, ווילנלאָזן באַ־שעפעניש.

עלנט, איינזאַם.

ער קומט נאָך ווארשע אָן אַ מאַמעס אַ קוש, אָן אַ האַרציק וואָרט, ווי אַ גנב פאַרלאָזט ער זיין היים. די אמונה פון זיינע עלטערן האָט ער שוין געהאַט פאַרלוירן.

אַזוי קומט אויך קיין וואַרשע פליגעלמאַן. אַזוי קומט אויך יענער יונגערמאַן, נאָמבערג, פון דעם קליינעם יידישן שטעטל.

די משפחה פאַרגעסט אָן אים: דער משפחהלאָזער פליגעלמאַן.

ער ווערט מוזיקער. די מוזיק באַפרידיקט אים נישט. ענדערט נישט זיין וועזן. נחת, גליק, פרייד, באַגייסטערונג, ווייסט ער נישט. (נאָמבערג שטרייכט דאָ נאָכאַמאָל אונטער דאָסדאָזיקע טראַגישע געפיל זיינס: די קונסט באַפרייט אים נישט אינערלעך. זי הויבט אים נישט אַרויס. דאָס וויכטיקסטע פון אַ יעדער קונסט — דאָס שאַפנדיקע, וואָס באַפרייט, פעלט אים).

„ער האָט אַ לייכטקייט אין אויספירן, אָבער אין זיין שפילן פעלט עפּעס — עפּעס אַ שאַפנדיקער עלעמענט".

כאַראַקטעריזירט נאָמבערג — און זייער ריכטיק — זיין קינסט־לערישן מהות.

דאַן: דער באַקאַנטער ליבע־מאָטיוו, וואָס חזרט זיך איבער אין אַלע נאָוועלן נאָמבערגס. די ליבע איז דער „גייסט פון אומענדלעכע ווייטקייטן", וואָס באַווייזט זיך אַמאָל ווי אַ שטראַל פון האָפנונג אין דעם עלנטן לעבן פון דעם „מיספאַרשטענדניש" און ענדיקט זיך תמיד פאַר אים מיט אַ נייער אַנטוישונג.

וואָרים ליבע איז געמיינזאַמקייט. אין דער ליבע באַהעפט זיך דער איינצעלער, דער יחיד, אין דער געמיינזאַמקייט. ער פאַרגעסט זיין יחידישקייט אין איר. אויך האָפנונג און גלויבן איז דאָס באַהעפטן זיך מיט דער געמיינזאַמקייט. גראָד זי, די טראַגישע אויסזיכטסלאָזיקייט פון פליגעלמאַנס לעבן איז דער פועל־יוצא און דער פּראָדוקט פון דער אינדיווידואַליסטישער פילאָזאָפיע זיינער. צי מוז דער אינדיווידואַליזם אַלס קינסטלערישער לעבנס־וועג פירן צו אויסזיכטסלאָזיקייט? פּרוכטבאַרער אינ־דיווידואַליזם נויטיקט זיך אין די שטאַרקסטע נאַטורן. נאָר דער שטאַרקער מענטש קאָן זיין דער איינזאַמער מענטש, דער אי י נ ע ר אַ ל י י ן. דער פּאָזיטיווער אינדיווידואַליסט נעמט אויף זיך די אַחריות פאַר דער גאַנצער עקזיסטענץ. ער וויל זיין אַ מיטל־פונקט פון דער וועלט, אַ צענטער. די טראַגעדיע פון דעם נאָמבערגישן אינדיווידואַליסט איז די, וואָס בטבע איז ער אַ שוואַך מענטשל, ער גלויבט קנאַפּ־וואָס אין זיך, ער איז נישט קיין פיגור, ער קאָן נישט דערטראָגן זיינע אייגענע געדאַנקען און ער ברעכט זיך אונטער זיי ווי אַ קרענקלעכער בוים אונטער צו פולע און צו רייפע פרוכטן. מערקווירדיק: נישט ווייל ער לעבט איבער זיינע כוחות, דעגענערירט דער נאָמבערגישער מענטש, ער דעגענערירט דערפון, וואָס ער דענקט איבער זיינע כוחות. דאָס צו פיל אָפּגעבן זיך מיט דענקען איז אים נישט צו געזונט. דער שעדלעכער וואָרעם, וואָס פרעסט אים אויף, איז דאָס איבער־אינטעלעקטועלע אין זיין פערזענלעכקייט. דער פרוכטלאָזסטער אינדיווידואַליזם איז דער אינדיווידואַליזם פון

די שוואַכע. איבערהויפּט דער אינדיווידואַליסטישער פּעסימיזם פון די שוואַכע. ער פירט נישט צו קיין שום קריזיס. דער שטאַרקער פּערזענלעכער מענטש זאַמלט אין יאוש זיינע קרעפטן. ספק — דאָס איז דער דראַמאַטישער מאָמענט אינם געדאַנק. די דראַמע פון געדאַנק. צוזאַמענשטויס פון לעבעדיקער באַוועגטקייט. צווייפלען, הייסט: מאַכן דעם געדאַנק נישט פאַר קיין טויטן קאַטעכיזם, נאָר פאַר אַ לעבנס־כוח. וואָרים דענקען איז לעבן. אויך צווייפלען איז לעבן. יעדער לעבנס־פעיקער געדאַנק — אויך דער פּעסימיסטישסטער געדאַנק — פירט צו אויפשוווּנג. וואָרים דענקען איז פרוכטבאַרקייט. דאָס אינדיווידואַליסטישע דענקען פון די נאָמבערגישע מענטשן קומט נישט פון זייער אינערלעכער קאָנצענטרירטקייט. דער נאָמבערגישער אינדיווידואַליסט גייט נישט אַוועק פון דער געמיינזאַמקייט, ווייל ער איז איבערגעלאָדן מיט מעגלעכקייטן און ער באַדאַרף זיך זאַמלען, ער, דער נאָמבערגישער אינדיווידואַליסט, איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער געמיינזאַמקייט ווי אַ צווייג, וואָס די זאַפטן אין אים טרוקענען־אויס און ער ווייעט־אַוועק פון זיין שטאַם. אין דער איינזאַמקייט פילט ער זיך עלנט, אָרים, פאַריתומט, באָדנלאָז. (מיר וועלן אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען זען, ווי גראָד די געמיינזאַמקייט ווערט פאַר דעמדאָזיקן אינטעליגענטישן אינדיווידואַליסט אַן אידעאַל. אמת, אַ נישט־דערגרייכבאַרער אידעאַל. אַ סימן: נישט ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דער געמיינזאַמקייט, נאָר, פּשוט, אָפּגעריסן געוואָרן פון איר). טיילמאָל, ווען עס ווערט אים מיט זיך זעלבער זייער אומעטיק, און אין האַרצן ביי אים נאָגט די בענקשאַפט, רופט ער אָן די אינדיווידואַליסטישע שוואַכקייט זיינע: שיקזאַל, אָדער גאָר: מיספאַרשטענדניש. ער טרייסט זיך, דער אָרימער, דערמיט, וואָס „דאָס מיספאַרשטענדניש איז נישט נאָר ער אַליין". זיין פילאָזאָפיע וואַקסט־אויס צוזאַמען מיט דער בילדונג פון זיין אייגענעם „איך" און נעמט־אַרום וועלט און מענטשן. אַלץ איז אַ מיספאַרשטענדניש. זיין אייגענער „איך" איז נאָר אַ גוטער ביישפיל, אַן „אילוסטראַציע". אַזוי אַבסטראַהירט אָט־אָ דער אומבאַהאָלפענער אינדיווידואַליזם זיין פילאָזאָפיע אין

דער וועלט אַריין. די טאַטלאָזיקייט און דער געליימטער ווי[illegible]ן, וואָס קאָנען זיך מיט גאָרנישט נישט העלפן, ווילן זיך איינרעדן, אַז „אַלץ איז געקומען אָן אייגענעם ווילן, אַלץ איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן (שיקזאַל!) אין צושטאַנד פון עקזיסטענץ און קאָן זיך נישט העלפן, אַזוי ווי ער אַליין". אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די אחריות, דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דעם נאָמבערגישן אינדיווידואַליזם. יעדעס טון האָט פאַר אים נישט קיין אויסזיכט (וואָרים טאַט איז געמיינזאַמקייט!), ווייל די געטער זענען שוין אַלט און בראַמאַ געניצט. (די געטער זענען שולדיק. פּאַטום. דער אייביקער תּירוץ פאַרן שוואַכלינג).

אויך די אינטעליגענטישע פּחדנות האָט איר פילאָזאָפיע.

אָט-אָ די נאָמבערגישע פילאָזאָפיע, וואָס הינטער איר גאַנצער ניכטערקייט פילט זי זיך מינדערווערטיק (דאָס מיספאַרשטענדניש!) — ווי זי באַמיט זיך כּסדר מיט עפּעס-וואָס צו קאָמפּענסירן איר עלנטקייט. אין איר טיפסטער נידערגעשלאָגנקייט, ווען אַלע האָפנונגען זענען שוין פאַר איר פאַרלוירן הייבט זי פלוצלינג אָן צו האָפן אויף דעם גרויסן אומבאַקאַנטן געשעעניש. אַ פּסיכישער שטריך ביי אַלע נאָמבערגס העלדן: אין זייער ווירקלעכקייט אָרים, דאָך מיט גענוג געזונטן פאַרשטאַנד אָפּצושאַצן דאָס אָרימקייט פון זייער לעבן, ווערן זיי מיטאַמאָל באַיוו אין זייער לעצטער נויט. אָבערגלויבעריש. (די, וואָס פאַרמאָגן נישט אין זיך קיין גלויבן, זיי ווערן זייער לייכט אָבערגלויבעריש). זיי שטעלן זיך פאַרן פענסטער אויסצוקוקן דאָס טעלערל פון הימל. (נישט האָבנדיק דאָס געפיל פון גליקזעליקייט אין זייער ווען, קוקן זיי עס אויס פון דער פרעמד).

זיי וואַרטן-אָפּ דאָס גרויסע געווינס:

„דעמאָלט איז עס געשען, וואָס דער יונגער מוזיקער איז אַהיימגעקומען אין זיין צימער, האָט אַראָפּגענומען די פידל פון דער וואַנט, איר אָנצוטרויען זיין עלנטקייט. — —

„און שפּילנדיק, האָט ער דערפילט ווי ער הערט-אויף צו זיין אַ מיספאַרשטענדניש, ווי עפּעס געוואַלטיקס און דערהויבנס איז געקומען איבער אים. — —

„דעמאָלט האָט דער קינסטלער באַשאַפן זיין באַרימטע „יתומים-עלעגיע”, וואָס האָט פאַרהערלעכט זיין נאָמען. — —

„אַז ער האָט זי אויסגעשפּילט, איבערגעשפּילט און איבערגעטראָגן אויפן פּאַפּיר, איז ער אַנידערגעפאַלן מיד אויף זיין איינזאַם בעט און האָט זיך צעוויינט פאַר גליק.

„יאָ, דאָס איז נישט געווען קיין מיספאַרשטענדניש, נאָר אַ קונסט-ווערק, געבוירן פון לאַנגער איינזאַמקייט.

„לאַנג האָט זיין גליק נישט געדויערט, ער האָט זיך אין דער „יתומים-עלעגיע” אַליין איבערגעשטיגן און האָט מער שאַפן נישט געקאָנט און אינגיכן האָט אים דער טויט צוגענומען פון דער ערד”.

שוואַרצוואַלד-מאָטיוו. ווינש-דערפילונג.

פירט קאפיטל.

אײן מאָמענט באַגעגנט אונז אין דער שריפטשטעלישער טעטיקייט פון ה. ד. נאָמבערג. אַ מאָמענט ווען אין דעמדאָזיקן אָרימען צעבראָכענעם מענטש בליצט פלוצים אויף אַן אָרגאַנישע גליקזעליקייט. מיר האָבן זיך דאָרט אָט־אָ דאָס גליקזעליקע געפיל בשום אופן נישט געריכט צו טרעפן. כדאי צו באַמערקן: נאָמבערגס געראָטנסטע נאָוועלע, „שייקער און שלימזל", שטייט אין ווידערשפרוך צו דער גאַנצער אַרט פונם שאַפן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם וועזן פון נאָמבערגס פערזענלעכקייט. ס'קלינגט ווי אַ פאַראַדאָקס, אָבער דאָך: ש אַ פ ן איז תמיד ביי נאָמבערגן פאַרבונדן מיט אָנמעכטיקייט, עטוואָס נעגאַטיוועס. נאָמבערג שרייבט נישט פון אינערלעכער איבערפולטקייט. דאָס וויכטיקסטע, וואָס פעלט ביי נאָמבערגן איז פרייד. די שאַפונגס־פרייד. (די „מאָראַלישע באַפרידיקונג". „פון פרייד, נחת און גליק האָט ער נישט געוווסט". „אין זיין שפילן פעלט עפעס, עפעס אַ שאַפנדיק עלעמענט, וואָס זאָל אים מאַכן פאַר אַן אמתן קינסטלער". „מיספאַרשטענדניש"). דעריבער איז די שפראַך נאָמבערגס אָן שום זאַפטן. זי איז טרוקן, אָרים, ס'איז אַ שפראַך אָן פרייד. נאָמבערגס אויסדרוק האָט נישט קיין דערהויבנקייט. נאָמבערגס פאַנטאַזיע פויזעט. נאָר די זעלטענע שפראַך־אָרימקייט נאָמבערגס האָט גורם געווען, וואָס אַ סך גלויבן נאָך עד־היום, אַז זיינע נאָוועלן זענען דילעטאַנטישע אַרבעטן. וואָרים דאָס אונטערשיידט דעם דילעטאַנט — אַפילו דעם פעיקן דילעטאַנט — פון דעם עכטן קינסטלער, נעמלעך: דעם דילעטאַנט פעלט די אָרגאַנישע שאַפונגס־פרייד. שאַפונגס־פרייד איז אַ געפיל פון אַן

אינערלעכער באַפרייונג. דער דילעטאַנט באַפרייט זיך, שאַפנדיק, מיט גאָרנישט אינערלעך.

„שייקער און שלימזל" איז דאָס איינציקע ווערק נאָמבערגס, ווו ער געפינט זיך מיטאַמאָל אויף אַ הייך, וואָס באַדאַרף אים אַליין אייגנטלעך חדושן. זיינע צעבראָכענע פליגל האָבן אים אומגעריכטערהייט אַ הייב־געטון. זיי האָבן אים אַרויסגעטראָגן פון אַ קרייז פון אַ שרעקלעכער אַטמאָספערישער אָרימקייט — הגם נאָמבערג האָט זיך באַמיט איינצורעדן, אַז אין דערדאָזיקער אָרימקייט שטעקט מי־יודע וואָסערע לעבנס־קלוגקייט, אַז אָרים־זיין הייסט: רעזיגנירן. — זי האָט געפּענטעט זיין גייסט. „שייקער און שלימזל" איז די „יתומים־עלעגיע" נאָמבערגס. („מיספּאַר־שטענדניש"). אַ שטילער ליבער שמייכל האָט זיך אַרויסגעריסן פון נאָמבערגס אומעטיקן געפּענטעטן לעבן. „שייקער און שלימזל" איז אַ זון־שטראַל אין נאָמבערגס גראָקייט. די גאַנצע עלנטקייט פון נאָמבערגס שריפטשטעלערישן וועג ווערט דאָ געגעבן אין אַן אַנדערער פּעריפעריע.

מיר האָבן אייגנטלעך די אייגענע מענטשן, די פליגעלמאַנס. מיר האָבן די אייגענע שרייבערישע דעפעקטן, וואָס אין די אַנדערע נאָמבערגישע נאָוועלן. אַפילו אין אַ גרויסער מאָס. אויך די שפּראַך (אַ חוץ אין געלונגענע אויסגאַמען) איז קנאַפּ־וואָס רייכער געוואָרן. עס זענען נאָך פאַרבליבן גאַנצע בלייזן פון אָרימער כראָניקאַלישער פּראָזע. די מאָגערע שטעלן, וואָס ציען זיך זייער אָפט שטיקערווייז אין אַ נאָמבערגישער נאָוועלע און מאַכן דערמיט אויף דעם מבין דעם ערגסטן איינדרוק. דידאָזיקע קאַרדינאַלע חסרונות האָט נאָמבערג זאָגאַר אין זיין בעסטער אַרבעט נישט באַוויזן גובר צו זיין. אָרגאַנישע חסרונות. ווענס־דעפעקטן. נישט דאָס בין איך אויסן. דאָס, וואָס דעצידירט צום פּאָזיטיוון אין „שייקער און שלימזל" איז די ווירקלעך אינער־לעכע באַוועגטקייט, מיט וועלכער אָט די נאָוועלע איז אָנגעשריבן. דערהויבן געמיט, „מאָראַלישע צופרידנקייט" ביי נאָמבערגן! וואָס ה. ד. נאָמבערג האָט דערגרייכט (דאָס ערשטע מאָל!) אין דעמ־דאָזיקן ווערק איז דער זעלטענער אָביעקטיווער אָפּטימיזם.

רעזיגנאַציע. אָבער נישט די רעזיגנאַציע פון דעם שוואַכלינג, וואָס אַנטלויפט דערפאַר, ווייל לעבן איז איבער זיינע כוחות, נאָר די אידעלע רעזיגנאַציע פון דעם פילאָזאָף. נאָמבערג האָט אויף אַן אמת אין זיך עפּעס איבערוווּנדן. ער קאָן ענדלעך זיין דער אָביעקטיווער צושויער פון זיין אייגענער עלנטקייט.

לעבן איז נאָר אַ שאָטן-בילד, וואָס וואַנדערט;
אַן אָרימער קאָמעדיאַנט, וואָס שפּילט זיך אָפּ
זיין שעהלע אויף דער בינע און באַלד פאַרשווינדעט ער.
אַ מערכען איז דאָס לעבן, דערציילט פון אַ נאַרן-קאָפּ
פול מיט קלאַנג און ווילדקייט, — און לאָזט דיך
גאָרנישט הערן.

(שעקספּיר)

נאָמבערג אָטעמט-אָפּ. ער נעמט זיך צוקוקן. פלוצלינגע אַנטפּלעקונג: זיינע העלדן, די פליגעלמאַנס גייען פאַר אים פאַרביי אין שפּיל, אין קלאַנג, אין טרוים...

פינפט קאפיטל.

זוכן דאָס מערכענאַרטיקע אין דער ווירקלעכקייט איז פון תּמיד אָן געלעגן אין דער שריפטשטעלערישער פּערזענלעכקייט פון ה. ד. נאָמבערג. איז ער דאָך אין תּוך־אַריין ראָמאַנטיקער. ווי פּעסימיסטיש עס זאָל זיך דער ראָמאַנטישער נאַטור ווענדן פילאָזאָפירן, זי קאָן זיך סוף־כּל־סוף שווער איינלעבן מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס לעבן איז אַ יאָמער־טאָל, אַז דער מענטש איז אַן אומגליקלעכע קאַריקאַטור. וויפיל גלויבן און יוגנטלעכקייט שטעקט אין דעם בייראָנישן וועלט־שמערץ, אין די ליידן פון אַ ווערטער! נאָמבערג איז אַ קינד פון אונזער דור, אים איז אָבער שווער צוזאַמענצופּאָרן דאָס ראָמאַנטישע פון זיין וועזן מיט דעם רעאַליסטישן בליק אויפן לעבן פון אונזער צייט. אין די רעאַליסטישע מאָטיוון פון נאָמבערגס נאָוועלן דרייען זיך אַרום די העלדן ווי ראָמאַנטישע געשפּענסטער. טשיילד האַראָלדן. זיי פּאַסן נאָר, נעבעך, נישט אַריין אין אונזער היינטיקן לעבן. איך האָב געזאָגט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל: „אין דעם ראָמאַנטיזם פון נאָמבערגס העלדן ליגט זייער טראַגיזם". דאָס זענען מענטשן, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן ערגעץ פון אַ ראָמאַנטישן פּלאַנעט אין אונזער היינטיקער ווירקלעכקייט אַריין און פּלאָנטערן זיך אַלעמען פאַר די פיס. גייסטיקע לונאַטיקער אין דער ברויזנדיקער באַוועגטקייט פון אונזער צייט. ווי פרעמד עס זאָל נישט קלינגען: פליגעלמאַן איז ראָמאַנטיקער. בעל־חלומות. נאָר פליגעלמאַן איז אַ ראָמאַנטיקער אַ פּחדן, וואָס וויל כּסדר אַלעמען איינרעדן, אַז ער איז דער פּראַקטישסטער און ניכטערסטער מענטש און אַז דאָס ווייניקסטע, מיט וועלכן ער האָט וואָסער עס איז שייכות,

איז גראָד דער ראָמאַנטיזם. דאָסדאָזיקע איינרעדעניש פליגעלמאַנס שטאַמט דערפון, וואָס ער וויל זיך מכניע זיין אונטער דערווירקלעכקייט, זיך ווינציק מאַכן, זיך צופּאַסן צו דער צייט, ער זאָל חס ושלום מיט זיין באַזונדערער עקזיסטענץ קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט. ער שפּילט אויך דעם ערודיט אין לעבנס-ענינים, כדי מ'זאָל אים נישט טשעפּן, אין האַרצן אָבער בלייבט פליגעלמאַן ראָמאַנטיקער. לעבנס-טרוימער. ער איז נאָר מיט זיין פערזאָן געקומען צו שפּעט. דערזעלביקער כאַראַקטער-שטריך איז בכלל אַ הויפּט-מאָמענט אין נאָמבערגס ווען. ה. ד. נאָמבערג איז דורך אַ מערקווירדיקן צופאַל אַרויסגעפאַלן פון דעם גאַנצן ראָמאַנטישן און אידעאַליסטישן שטייגער, וואָס איז ביז איצטער דערווייל דער דאָמינירנדיקער ווערט אין דער יידישער ליטעראַטור און ער האָט אויפן האַרטנעקיקסטן אופן זיך באַמיט אין דער יידישער ליטעראַטור צו שפּילן די ראָלע פונם רעאַליסט. אמת, אַ פּעסימיסטיש-אינדיווידואַליסטישער רעאַליסט, אָבער דאָך כסדר קאָקעטירט צו דער רעאַליסטישער „געזונטקייט”. אין דעמדאָזיקן ווילן צו פאַרטושן זיין אידעאַליסטישן מהות איז נאָמבערג צעבראָכן געוואָרן. זיין כאַראַקטער איז צעבראָכן געוואָרן און עס האָט זיך געשאַפן אין אים יענע טראַגישע דו-פּרצופּימדיקייט — די כאַראַקטער-טאָפּלטקייט —, וועלכע האָט סיי אויף אים, סיי אויף זיינע העלדן אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון בלוט-אָרימער עלנטקייט. פאַר נאָמבערגס „פילאָזאָפישער” איינזאַמקייט האָבן מיר, סוף-כל-סוף, זייער ווייניק דרך-ארץ. נאָמבערג חכמהט זיך דערפון, ווייל עס סטייען אים נישט קיין כוחות צו געפינען זיך אויף דער וועלט. די פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע נאָמבערגס, כדי זי זאָל ווירקלעך עפּעס ווערט זיין, פעלט איר על פּי רוב דער ברייטער אונטערגרונט, דער גרויסער וועלט-האָריזאָנט, דאָס קרעפטיקע געפיל. די פערזענלעכע וואָגיקייט. נאָמבערגס מענטשן פעלט תמיד אָט-אָ דער אונטערגרונט, כדי עפּעס ווערט צו זיין. אויך זיינע נאָוועלן פעלט וואָגיקער אונטערגרונט, כדי צו זיין ווערטפול. ביי אַלע זייערע מעלות בלייבן נאָמבערגס נאָוועלן האַלבע זאַכן, מיר האָבן שטענדיק דאָס געפיל, אַז מ'האָט פון זיי אַרויסגעשניטן עפּעס

זייער אַ וויכטיק עלעמענט, דעריבער זענען זיי בלאַס, קרענקלעך, בלוט-אָרים און זיי ציִען זיך אַזוי לאַנג און אַזוי לאַנגווייליק. איך האָב אויבן באַמערקט: עס פעלט זיי לעבנס-פרייד. איבער אַ מין אומסימפּאַטישע פּחדנות דערשטיקן זיי אין זיך דאָס וויטאַלסטע עלעמענט פון זייער וועזן, נעמלעך — דאָס אידעאַליסטישע עלעמענט, וואָס וואָלט זיי געמאַכט גאַנצער, אָפּגערונדעטער, שאַפערישער. זיי מאַכן זיך אַליין אימפּאָטענט, נאָר כּדי צו זיין „לעבנס-קלוג". וואָרים די פליגעלמאַנס רעדן זיך איין, אַז אידעאַליזם איז נאַיווע בטלנות, און זיי ווילן דוקא זיין די „ווילע יונגען". נאָמבערג גופא האָט דעם אונטערדריקטן אידעאַליזם אין זיך געוואָלט אויסלאָדענען אין זיינע מערכען. זיינע מערכען זענען אָבער נאָר געבליבן האַלבע אַרבעטן. קנאַפּ געראָטענע.

דעריבער איבעראַשט עס אונז ווירקלעך, ווען מיר טרעפן אין דערדאָזיקער אייביק זיך-מאַטערנדיקער, מיט זיך מאָראַליש נישטצופרידענער ליטעראַרישער פיזיאָגנאָמיע נאָמבערגס אַזאַ פלוצלינגן אויפבליץ פון רויקער און אָביעקטיווער סינטעטישקייט ווי אין „שייקער און שלימזל". די צעבראָכענע „טאָפּלטקייט" אין נאָמבערגס כאַראַקטער — דאָס רעאַליסטישע און מערכענאַרטיקע — פאַרייניקן זיך צו איין גאַנצקייט, צו קינסטלערישער סינטעזע און מיר באַקומען אַן אָריגינעל צוזאַמענשפּיל צווישן ראָמאַנטיזם און רעאַליזם. אָריגינעל, סיי לויטן געמיט, סיי אין דער באַהאַנדלונג פון די מאָטיוון. נישטאָ דאָרט די יוגנטלעכע עקסטאַטישע ראָמאַנטיק פון פרץ און אַש, דערפאַר אָבער — אין דעם שטעקט דער ווערט — האָבן מיר אַן עכט נאָמבערגישע ראָמאַנטיק. פליגעלמאַנישער ראָמאַנטיזם. די שטימונג און דאָס לעבנס-געפיל פליגעלמאַנס ראָמאַנטיזירט זיך אין איר אייגן עלעמענט, אָן שום פאַרקרימטע נעבן-וועגן, אָן זייטיקע פּסיכישע קאָמפּענסאַציעס. פליגעלמאַנס שיקזאַל ווערט נאַטירלעכער, ווירקלעכער. אייגנטלעך: עכטער און איבערצייגנדיקער אין זיין טראַגיק. דאָס טיפסטע, וואָס נאָמבערג זוכט אין זיינע איבריקע נאָוועלן, איז דאָס שיקזאַל פון זיינע העלדן. צי האָבן טאַקע דידאָזיקע אָרימע

מענטשן *שיקזאַל?* *שיקזאַל*, דאָס איז דאָס איינציקע ווערטפולע, וואָס האָט זיי געקאָנט געבן וואָסער עס איז רעכט צו עקזיסטענץ; שיקזאַל איז דער רוף פונם קאָסמאָס אינם מענטש, אַ יעדעס לעבן ווערט דורכן שיקזאַל דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פאַטום. דאָס מיסטעריום, וואָס באַרעכטיקט אַ יעדע עקזיסטענץ: דאָס שיקזאַל. דאָס, נעמלעך, איז דאָס טראַגישסטע אין דעם לעבן פון נאָמבערגס העלדן: עס פעלט דאָרט דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם פאַטום און צווישן דער באַרעכטיקונג צו לעבן. דאָס שיקזאַל איז נישט די קאָסמישע אָביעקטיוויזירונג פון זייער לעבנס-עלעמענט, פון זייער ליידן. די טראַגעדיע פון דידאָזיקע לעבנס-אָרימע מענטשן האָט אין וועזנטלעכן קנאַפּ שייכות מיט ווירקלעך טראַגישן שיקזאַל. וואָרים מיר קאָנען די טראַגעדיע זייערע לייכט דערקלערן. אויף דער האַנט קאָנען מיר אויפווייזן די סיבה, וואָס מאַכט דידאָזיקע מענטשן ליידנדיק. די פליגעלמאַנס, דאָס זענען גייסטיקע זעלבסטמערדער, מאבדים עצמם לדעת, קרבנות פון זייער אייגענער פילאָזאָפיע. בידים נעמען זיי און צעברעכן זיך דאָס לעבן. אין זייער גייסטיקער צעבראָכנקייט פאַרלירן זיי דאָס ערשטע — דעם קאָנטאַקט מיט דער וועלט, דעריבער האָבן זיי במילא נישט קיין קאָנטאַקט מיט ווירקלעכן שיקזאַל. די טראַגעדיע זייערע מאַכט אונז נישט מיטליידן, ווי יעדע ווירקלעך טראַגישע דערשיינונג. ביי דעם פליגעלמאַנישן „אומגליק" שטייען מיר נישט פאַר קיין שום קאָסמישן כוח. ס'איז פשוט מיספאַרשטענדניש. שוואַכקייט. לעבנס-טעות. זיי ליידן, ווייל זיי זענען פאַלש אָריענטירט אין לעבן. זיי אָריענטירן זיך פשוט נישט אין לעבן, די פליגעלמאַנס, און מאַכן דערפון פילאָזאָפישן סקעפּטיציזם. ווי אַלע קרענקלעכע אינטעליגענטן פּרוּוון זיי זיך אַפילו איינצורעדן, דאָס זיי שטייען אין ווידערשפּרוך מיטן לעבן, דערפאַר, ווייל זיי זענען אינדיווידואַליסטן, איינזאַמע מענטשן, יחידישע נאַטורן. איג־דעראמתן אָבער טרעפן מיר זעלטן-ווען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ מענטש, וואָס זאָל זיין ווי די פליגעלמאַנס דער באַדינגונגסלאָזסטער פּראָדוקט פון דער יידישער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור. פליגעלמאַן איז אַן אויסוווּקס

פון דער יידישער באַדנלאַזיקייט, ער איז דער אַרויסגעשטויסענער יידישער אינטעליגענט, דער אינוואַליד אין לעבנס-קאַמף פון דער בירגערלעכער יידישער געזעלשאַפט, וואָס זי איז נישט בכוח אין גאָרנישט צו גלויבן, פאַר גאָרנישט צו קעמפן, גאָרנישט צו בויען. פליגעלמאַן איז דער באַקאַנטער עט-בע-אינטעליגענט, דער קבצנישער פעסימיסט, וואָס גלויבט אין זיין אייגענער חורבה צו זען דעם חורבן פון דער וועלט. אין אונזער היינטיקער יידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור זענען דידאָזיקע אינדיווידו-אַליסטישע אינטעליגענטישע פעסימיסטן זייער אַ נאַטירלעכע דער-שיינונג. דאָס מיסטישע פערזענלעכע שיקזאַל, וואָס נאָמבערג זוכט פאַר זיי (אין „צווישן בערג") אַלס באַרעכטיקונג, איז געמאַכט, קינסטלעך, אויסגעקלערט, גענומען פון דרויסן. ער איז נישט דער זיך-אָביעקטיווירנדיקער פאַטום פון זייער עלעמענט. באַרעכטיקט זיי דעריבער נישט. די פליגעלמאַנישע אינדיווידו-אַליסטן זענען סוף-כּל-סוף נישט מער ווי קרענקלעכע פרוכטן פון יידישן סאָציאַלן לעבן. די אינדיווידואַליסטישע פילאָזאָפיע זייערע קאָן זיי ווייניק-וואָס העלפן.

איך וויל עס נאָכאַמאָל באַטאָנען: גראָד דורך דעם, וואָס ה. ד. נאָמבערג באַמיט זיך אונטערצודריקן דעם אידעאַליסטישן הינטערגרונט, אויף וועלכן זייגע העלדן באַדאַרפן לויט זייער וועזן אויסוואַקסן און טראַגיש אויף אונז צוווירקן, גראָד דורך דעם ווילקירלעכן ווילן נאָמבערגס אויס זיי צו מאַכן רעאַליסטישע פיגורן, האָט ער זיי פאַרקריפּלט. זיי קאָנען פאָרט נישט אַרויס פון זייער ראָמאַנטישער הויט. נאָמבערג שטופט זיי כסדר אונטער, זיי זאָלן זיך מענטשלען, זיין מאָדערן. זיי פאַרבלייבן האַלבע מענטשן. אַנדרוגינוסן: האַלב-נאַיווע ראָמאַנטיקער, מיט אַ קרענקלעך וועלט-געפיל — סוף-כּל-סוף בטלנים — האַלב-אינ-טעליגענטישע ציניקער מיט פּרעטענזיעס צו רעאַליזם, וואָס רעדן נאָכאַנאַנד וועגן לעבן און ווייסן אַליין נישט, וואָס זיי ווילן. וואָרים, וואָס איז פליגעלמאַן אַלס רעאַליסטישע פיגור? (זאָל דער לעזער מוחל זיין דעם אויסדרוק) אַ וואַנץ. ערשט ווען מען נעמט און מען ווייזט דידאָזיקע גראָטעסקע פיגור אין

אַ ראָמאַנטיש־אידעאַליסטישער באַלייכטונג, ווען מען אַבסטראַהירט זי אַרויס פון זיך זעלבער — פון איר גראָטעסקן אומבאַהאָלפּענעמ יֶש — אין אַ העכערער אַטמאָספער אַריין, ווי דאָרט הערט זי אויף צו ווערן האָבן ווערט אַלס זעלבשטענדיקע רעאַליסטישע עקזיסטענץ: זי פאַרבינדט אין יענער אידעאַליסטישער אַטמאָספערע דעם גורל פון איר דאָ־זיין מיט דעם סוביעקטיוון וועלט־צושטאַנד פון אַ דיכטערישער פערזענלעכקייט, זי ווערט, אַזוי־צו־זאָגן, „אַ טעאַטראַלישע פיגור". שפּיל פון דער פאַנטאַזיע. דאַן באַקומט אויך איר לעבן — דאָס האָפּנונגסלאָזע פליגעלמאַנישע לעבן — דעם קאָלאָריט פון אַ גרויס קאָסמיש שיקזאַל. עס אַקצענטירט זיך פאָזיטיוו. עס באַקומט (ווייניקסטנס) פילאָזאָפיש־קינסטלערישע באַרעכטיקונג. דער גורל, וואָס באַוועגט דאַן די פליגעלמאַנס אויף דער בינע פון לעבן, ער באַוועגט אונז מיט אינערלעך. אויב זיי זענען גראָטעסק, דידאָזיקע פליגעלמאַנס, דאַן איז דאָס גראָטעסקע זייערס טראַגיש, רירנדיק, שיקזאַלפול. ווארים מיר הערן אין יענעם האָפּנונגסלאָזן אידעאַליזם דאָס אומעטיקע מערכען פון לעבן, „דערציילט פון אַ נאַרן־קאָפּ, פול מיט קלאַנג און ווילדקייט".

זעקסט קאפיטל.

אָט־אָ דאָס אומעטיקע מערכען פון זיין עלנט לעבן, וואָס ה. ד. נאָמבערג באַמיט זיך צו דערציילן אין פאַרשידענע „מערכען" און באַווייזט עס דאָרט נישט, איז אים געלונגען געוואָרן צו געבן אין „שייקער און שלימזל".

„שייקער און שלימזל" איז אַ מערכען.

שוין דער נאָמען פון די צוויי „לוסטיקע" פאַרשוינען: שייקער און שלימזל — רוקט אונז אַוועק פון דעם רעאַליסטיש־ווירקלעכן. צוויי סינאָנימען פון אַ פאַנטאַסטיש שפּיל. שלייערס פון גראָטעסקער בונטקייט. נישט זייער אַ רייכע, נאָר דאָך זייער אָפּט אַ שטילע שפּראַך, וואָס דערהויבט זיך ערטערווייז צו דעם איידעלען ריטמוס פון אַ ליד. באַגעבנקייטן, וועלכע עס פעלט אָפּט דער נאַטירלעכער, קויזאַלער צוזאַמענהאַנג. זיי אַנטוויקלען זיך (ווי אין אַ יעדן מערכען) ווילקירלעך. דער אויטאָר זשאָנגלירט מיט זיי, מיט די געשעענישן, לויט זיין אייגענער פרייער און שפּילערישער לוינע. אין דערדאָזיקער „טעאַטראַלער" אַטמאָספערע, ווו טיפּסטער טרויער, רעזיגנאַציע און ליידפולע איראָניע צעפליסן זיך אין קלאַנג און אין שפּיל, טרעטן־אויף אונזערע באַקאַנטע העלדן, די פליגעלמאַנס. זיי טרעטן־אויף אַלס אַ פאַנטאַסטיש פּאָרל. צוויי קלאָונס אין אַ שטילער גראָטעסקע. זייערע נעמען? זיי האָבן נישט קיין נעמען, ליבער לעזער. אַנאָנימען. בלויז פּסעוודאָנים. שייקער און שלימזל.

כדי בולט אונטערצושטרייכן, אַז דאָס זענען נאָר צוויי געמיטס־פיגורן, אַז זיי לעבן, אייגנטלעך, נישט זעלבשטענדיק, נאָר זענען פולקום אָפּהענגיק פון דעם סוביעקטיוון געפיל און

פאַנטאַזיע פונם דיכטער, בעסער געזאָגט: אַז די העלדן וועלן אינם פאַרלויף פון די געשעענישן נישט אַרויסווייזן דעם מינדסטן ווילן צו מאַניפעסטירן זייער עקזיסטענץ אין דער ווירקלעכקייט, אַלס אַ זעלבשטענדיקן ווערט; זיי וועלן נאָר פאַרשטעלן און שפּילן די געשטאַלטן פון אַן אינערלעך וועלט-בילד פון דיכטער. אילוזאָרישע עקזיסטענצן. שאָטן-שפּיל. כדי אונדז דאָסדאָזיקע צו סוגערירן, באַמיט זיך דער אויטאָר זיינע הויפּט-העלדן, שייקער און שלימזל, צו קאָסטיומירן אַזוי, אַז זיי זאָלן איינער צום אַנדערן זיין ענלעך ווי צוויי טראָפּן וואַסער. דער אויטאָר וויל דערמיט אַרויסבאַקומען סיי דאָס טראַגיש-גראָטעסקע אין זיי, סיי דערמיט פאַרטושן זייער פּערזענלעכקייט, וואָסער עס איז זעלבשטענדיקע איניציאַטיוו אין זייער וועזן. „ביידע זענען געווען בלאַס אויפן פּנים, ביידע האָבן געהאַט רויטע אויגן, ווי זיי וואָלטן נעכט נישט געשלאָפן און בלויע צייכנס אונטער די אויגן, אַ ביסל רויטלעכע נעז. ביידע האָבן געטראָגן צעקנייטשטע קאַפּעלושן, צו שמאָלע אָדער צו לאַנגע, אָדער צו ברייטע אָדער צו קורצע הויזן און מאַנטלען. זיי האָבן ביידע אַ ביסל אונטער-געהוסט, און זיי זענען ביידע געווען קורצזיכטיק”. — —

דאַן דער באַקאַנטער מאָטיוו, וואָס ווידערהאָלט זיך כמעט אין אַלע נאָמבערגישע נאָוועלן. דער מאָטיוו, פאַרוואָס די פליגעלמאַנס זענען אַרויסגעהויבן געוואָרן פון זייער איינגעזעסן מיליע — דאָס יידישע שטעטל — און זענען אַרויסגעקומען אויף דער וועלט. שטייען מיט דער וועלט אין קאָנפליקט. דער באַקאַנטער אַנטוישונגס-מאָטיוו:

„ביידע זענען זיי אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין קליינע שטעטלעך, צווישן פעלדער און פלוימען-גערטנער און האָבן שטאַרק ליב געהאַט די נאַטור. די נאַטור אָבער — אָ, די שלעכטע, קאַפּריזנע, פיל-געליבטסטע! — האָט זיי נישט געשאָנקען קעגן-ליבע, זי האָט זיי פאַרטריבן פון זייערע שטעטלעך, פאַרשטויסן פון זייערע עלטערן, אַוועקגערויבט זייער האַרציקע אמונה און פרומקייט, און האָט זיי פאַריאָגט אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע צו זוכן נייע אמונה און נייע פרומקייט און עפּעס

אַ תכלית פֿאַר זיך און אויף דערווײַל האָט זי זיי פֿאַרשטופּט, אײנעם, שײקערן דעם זשאַנדצע, הויך, הויך, אויפֿן פּערטן שטאָק אויף דער סמאָטשע גאַס, און פֿאַר דעם צווייטן, שלימזל, דעם העברעישן לערער, האָט זי געפֿונען אַן אָרט אין אַ פֿינסטערן בוידעם-צימער, אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס".

אַזוי שליסן צווישן זיך פֿרײַנטשאַפֿט שײקער און שלימזל, גייען שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן און דערבײַ „פֿילאָזאָפֿירן זיי אַ ביסל — זיי זענען ביידע זייער באַלעזן געוועזן — וועגן פֿאַרשידענע זאַכן, ווי למשל וועגן קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם, וועגן רעאַליזם און סימבאָליזם, וועגן שײנקייט, קונסט און נאָך, און נאָך, מיט איין וואָרט: וועגן אַלעם, אויף וואָס די וועלט האָט אַ קיום און וואָס באַקרוינט און באַשײנט דאָס מענטשלעכע לעבן".

טײלמאָל זענען זיי זיך פֿאַרמיאוסט געוואָרן אײנער דעם אַנדערן. שײקער רופֿט זיך אָן צו שלימזל:

„— איך בעט דיך, שלימזל, וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון דיר? זאָג מיר...

— און פֿון דיר וואָס וועט זײַן דער סוף, שײקער? — —

— וואָס ביסטו מיר עפּעס פּלוצלינג אַזוי פּעסימיסטיש געוואָרן, שלימזל? דאָס פֿאַרכשופֿטע ראָד האָלט אונז ביידען.

— אַ פּוסט לעבן... — האָט שלימזל געזיפֿצט.

שײקער האָט אונטערגעזונגען: — עוזר דלים הושיעה נא. —

— דו ביסט מיר דערעסן געוואָרן, ווי ביטערער רעטעך.

— און דו מיר, ווי ביטערער רעטעך געמישט מיט קאַנדל-צוקער, — האָט שײקער זיך געוויצלט."

אַמאָל זעען זיי זיך נישט עטלעכע טעג. שלימזל איז ווי אין וואַסער אַרײַן. שײקער זוכט אים איבערן גאַנצן זאַקסישן גאָרטן. ווו אַ צעקנייטשטער קאַפּעלוש דוכט זיך שײקערן אויס, אַז אָט איז זײַן פֿרײַנט שלימזל. בחנם. „ווו איז שלימזל — וווּנדערט ער זיך — ווו איז ער אַהינגעקומען דער משוגענער?" שײקערן ווערט לאַנגווײַליק, נישטאָ מיט וועמען צו רעדן אַ וואָרט. אומעטיק. שײקער וויל זיך נאָכפֿרעגן אין „אַדרעסנע סטאָל",

ווייסט ער נישט, ווי שלימזל הייסט אויף זיין מענטשלעכן נאָמען. ער ווייסט נאָר דעם פסעוודאָנים, דעם נומער, דאָס מין: שלימזל.

ענדלעך געפינט זיך שלימזל.

„— אַ זאָלסטו געשעדיקט ווערן, שלימזל — האָט אים שייקער געמינטערט — ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן אַזעלכע לאַנגע יאָרן? כ'האָב שוין געמיינט דיך צו טרעפן אויף אַ שטריק אויפגעהאָנגען, אָדער אין בעט ליגן אַ פאַרסמטער. — —

— ווי דאַר דו ביסט, שלימזל — האָט שייקער געזאָגט.

— און דו, מישטיינס געזאָגט, ביסט פון די גרויסע בריונים.

— דו הוסט נאָך אַלץ?

— אַ ביסל, און דו?

— אַזוי... — —

— גוט כאַטש מ'האָט אַ נאָענטן מענטש — האָט שייקער געזאָגט — אַט האָב איך נאָך דיר געבענקט, האָב איך דאָך פאָרט עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַ לעבעדיקן מענטש.

— הער, שלימזל, לאָמיר ווערן גוטע פריינט: וואָס טויג מיר דאָרט די געשעפטן, גיב דיין לאַפּע!

שלימזל האָט שעמעוודיק, ווי אַ מיידל, דערלאַנגט די האַנט. שייקער האָט צוגעבויגן זיין בלאַס פּנים, צוויי רויטלעכע נעז מיט צוויי פאָר רויטע אויגן מיט בלאַסע פּאַסן אונטער זיי, האָבן זיך באַגעגנט און זיי האָבן זיך צעקושט.

אָט אַזוי האָבן שייקער און שלימזל צווישן זיך כּורת-ברית-געווען אויף גוטפריינטשאַפט און האָבן זיך ליב ביזן היינטיקן טאָג אהבת-נפש, ווי אַ חתן-כּלה, ווי אַ יונג פּאָר-פאָלק, וואָס שפּראָצט מיט גליק און נחת איינער פאַר דעם אַנדערן".

זיבעטעס קאַפּיטל.

דעם לעזער וועט נישט שווער זיין צו דערקענען דעם נייעם נאָמבערגישן נוסח, וואָס באַהויכט אָט-אָ די אומעטיקע דיאַלאָגן. שפּיל. קלאַנג. אויף אָט-אָ דעם אידעאַליסטישן ניוואָ באַמיט זיך נאָמבערג ענדלעך צו אַבסטראַהירן דאָס עלנטקייט פון זיין לעבן. און מיט מער דערפאָלג. נישט אין דער געקליגלטער ערנסטקייט פון זיינע רעאַליסטישע נאָוועלן, גיין, דורך דער ראָמאַנטישער שפּילעוודיקייט, צו וועלכער ער דערהויבט דעם עלנטן און אומבאַהאָלפענעם מענטש, ווערט נאָמבערגס איראָניע ערנסט. אויב די פליגעלמאַנס האָבן אין זיך ווירקלעך עטוואָס פון פילאָזאָפן, זענען זיי עס נישט דאַן, ווען זיי בלאָזן זיך מיט זייער אינטעליגענטישן פעסימיזם, ווילן אָניאָגן אויף אַלעמען זייער מרה-שחורה. גראָד ווען זיי הערן-אויף צו זיין די רעאַליסטישע פעסימיסטן, נאָר גרימירן זיך די פנימער, טוען זיך אָן גראָטעסקע מלבושים, ווילן נישט אויסזאָגן זייערע נעמען, מאַכן אונז „פריילעך" מיט זייערע קלאָונישע שטיק — ווערט אונז אומעטיק אויפן האַרצן. נאָמבערגס פילאָזאָפיע מאַכט אונז דאַן קליגער: מיר זעען אין דער אומבאַהאָלפנקייט פון שייקער און שלימזל די גרויסע מענטשלעכע אומבאַהאָלפנקייט. סימבאָליש? — וועט פרעגן דער לעזער. צי איז דען אַ יעדע ווירקלעכע קונסט נישט סימבאָליש? זי איז סימבאָליש דערמיט, וואָס דער קינסטלער באַווייזט אונז נישט בלויז, אַז ער האָט די גרעסערע צי די ווינציקערע באַגאַבונג צו צייכענען אַ געוויסן פלוני בן פלוני, אָדער אַ געוויסע באַאָבאַכטונג — דאָס טוט דער ליטעראַט. שרייבערישע פעיקייט. נאָר היינטער דער באַדייטנדיקער דערגרייכונג פון קינסטלערישער געשטאַלטונג אַנטפּלעקט

זיך פאַר אונזער עמפּפינדן אַ באַשטימטער וועלט-אונטערגרונט, וואָס עס סימבאָליזירט מיט זיך דער פאַרגעשטעלטער מענטש און דער פאַרגעשטעלטער כאַראַקטער. „אַ יעדע גרויסע ליטעראַטור איז תּמיד אַלעגאָריש, אַלעגאָריש פאַר אַ באַשטימטער וועלט-אָנשויאונג", זאָגט טשעסטערטאָן. וואָס גרעסער און טיפער ס'איז דער קינסטלער, אַלץ ברייטער איז דאַן דער קרייז פון די לעזער, וועלכע דערזעען דאָס „באַשטימטע" וועלט-געפיל הינטער דעם „פאַרגעשטעלטן" איינצעלנעם כאַראַקטער. אין אַ „האַמלעט", אין אַ „קעניג ליר", אין אַ „קאַרגן" איז שוין כמעט פאַר אַלעמען קלאָר געשטעלט דער וועלט-אונטערגרונט, פון וועלכן אָט-אָ די פיגורן זענען אויסגעוואָקסן, ווי זיי באַוועגן זיך. אין באַדייטנדיקער קונסט איז דער אינדיווידועלער כאַראַקטער דאָס פאַרקערפּערטע וועלט-געפיל: דאָס וועלט-געפיל אויף אַ ספּעציעלן אופן און אין אַ ספּעציעלער לאַגע. דאָס איז דער אייביקייטס-מאָמענט אין דעם פון דער קונסט געגעבענעם כאַראַקטער. דער היסטאָרישער חוט-השדרה. די מענטשהייט אין דעם מענטש. די קלאַסישקייט. אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס וועלט-געפיל פון דער יידישער ראַסע דערגרייכט געוואָרן אין אַזעלכע טיפן, ווי מנחם מענדל, טוביה דער מילכיקער, מאָטל פּייסי דעם חזנס. דער געניאַלער שלום-עליכם איז טאַקע דער קלאַסישער פאָרשטייער פון עכטער און באַדייטנדיקער קינסטלערישער שאַפונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

נישט אין אַזאַ אויסגעשפּראָכענער און גראַנדיעזער פאָרם ווי ביי שלום-עליכמן, דאָך האָבן זיך אויך אַנדערע פון אונזערע ערשטע שריפטשטעלער באַמיט אין זייערע העלדן צו פאַרקערפּערן יענע „באַשטימטע וועלט-אָנשויאונג". (וואָרים צו דערדאָזיקער דער-גרייכונג מוז שטרעבן יעדער קינסטלער, וואָס וויל, אַז זיינע מעשים זאָלן אַרויסגיין פון די גרענעצן פון הוילער פעיקייט און זיי זאָלן ווירקלעך באַקומען וואָג און באַדייטונג). אַזוי האָט י. ל. פּרץ געזוכט אויסצודריקן אין שלמהן („די גאָלדענע קייט") דעם אינדיווידועלן יידישן אידעאַליזם אַלס אַן אָרגאַניש וועלט-געפיל פון דעם יידישן מענטש. שלום אַש האָט אין „שלמה

בגיד" און אין אַנדערע פון זיינע טיפן געוואָלט געבן דעמדאָזיקן היסטאָרישן יידישן אידעאַליזם אַלס דאָס ספּעציפישע וועלט־געפיל פון יידישן קאָלעקטיוו. דער אידעאַליזם אַלס אַ מאַסן־אינסטינקט. יעדנפאַלס טרעפן מיר ביי אַלע אויבנדערמאָנטע שריפטשטעלער דעם יידישן מענטש אין דעם געפיל פון אויפשטייג. ער גייט ערשט אויף אויף די פעלדער פון לעבן. אַפילו די מיסדערפאָלגן און די אַנטוישונגען פון דעמדאָזיקן יידישן מענטש שטאַמען דוקא פון זיין צו פיל איבערגעלאָדנט־זיין מיט לעבנס־דראַנג. אויפוואַכנדיקע לעבנס־יוגנט ברויזט אין אים. ער איז צו גלויבעריש, צו עקסטאַטיש, צו יוגנטלעך. די הימלען זענען אויסגעשפרייט צופוסנס פון אָט דעם יידישן מענטש ווי פּאַטאַ מאָרגאַנאַס, און ער זעט אָפט נישט די שטיינער און די שטרויכלונגען, וואָס ליגן אים אויפן וועג. ער דערלעבט אַנטוישונגען ווי אַ יעדער צו גרויסער אָפּטימיסט. דעם אָרגאַנישן אָפּטימיסט אָבער, מאַכן קיין שום אַנטוישונגען גאָרנישט ניכטערער. אַנטוישונגען מאַכן אים נאָך גלויבערישער. זיי רייצן אים די פאַנטאַזיע. זיי מאַכן אים דאָס לעבן פאַר אַ גלוסטונג און דעם קאַמף פאַרן לעבן מאַכן זיי אים פאַר זייער ווערטפול. עס לוינט זיך. נישט בלויז די פּרֶצישע און אַשישע העלדן — וואָס ווירקן, אייגנטלעך, תּמיד אין אַן עקסטאַטישער פּעריפעריע און ס'איז לייכטער דעריבער נאָכצווייזן דאָס יוגנטלעכע און אָפּטימיסטישע וועלט־געפיל אין זייער וועזן — נאָר גראָד די שלום־עליכמישע פאַרשוינען — די כתריאליווקער לא־יוצלחס, וואָס זיי גייט אַלצדינג „מיט דער פוטער אַראָפּ" — זיי אַלע טראָגן אין זיך אַרום דאָס קאָנסטרוקטיווע עלעמענט פון דער וועלט. דאָס פּאָזיטיווע וועלט־דאָ־זיין האַלט זיך ערשט ביים אויסבויען אין זייער וועזן. מענטשן פון פרימאָרגן. זייער טאָג האַלט ביים אויפגיין. די וועלט גייט־אויף איבער זייערע קעפּ, ווי אַ גרויסער ליכטיקער שטערן. נישט מער: זיי פרייען זיך מיטן לעבן ווי קינדער. ווי קינדער גרייפן זיי נאָך דעמדאָזיקן שטערן, וואָס הייסט — לעבן, ווי נאָך דעם טעלערל, וואָס קומט זיי פון הימל. באַיווע גלויבערישקייט! דידאָזיקע יידישע מענטשן, די מנחם מענדלס, ווען עס געראָט זיי נישט אין לעבן, קומען זיי נישט

צו דעם אויספיר, אַז די וועלט איז אַ „יאָמער-טאָל", אַז דער מענטש קומט-אָפּ פֿאַר פרעמדע זינד. בשום אופן נישט. אַנטוישטער, ווערן זיי נאָך האָפערדיקער, לעבנס-לוסטיקער. דאָס לעבן איז אַ שאָטן. נאָר אַ ליכטיקער שאָטן. זיי האָבן די סאַטיספאַקציע דעמדאָזיקן ליכטיקן שאָטן נאָכצויאָגן. ביי אַלעמען, וואָס פילן זיך אויף דער וועלט ווי אויף אַ חתונה, וואָס זענען צו פיל איבערגעלאָדן מיט לעבנס-דראַנג, — ביי זיי איז תמיד דער ווילן גרעסער ווי די מעגלעכקייט. דער פֿלאַקער פון דעם עקסטאַז איז ביי זיי אַזוי גרויס, אַז סוף-כּל-סוף ווערט די טאַט אין אים פֿאַרברענט אויף אַש.

ביי נאָמבערגן טרעפן מיר אָט-אָ דעם אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור אויפגייענדיקן יידישן מענטש אַלס יורד, באַנקראָט. ער איז דער מנחם מענדל, דער נאָמבערגישער מענטש, וואָס זעט ווירקלעך איין, אַז ער דרייט זיך אַרום אין אַ כּשוף-ראָד און אַז דאָס כּשוף-ראָד — דאָס יידישע לעבן — הענגט איבער אַן אָפּגרונט. ביי דעם פלוצלינגן בליק אין אָפּגרונט ווערט אים דאָס בלוט אָפּגעקילט. דער עקסטאַז לעשט זיך ביי אים אויס. ער ווערט מיטאַמאָל אַלט. אין קעגנזאַץ צו דער איבערגעטריבענער יוגנטלעכקייט, וואָס צייכנט-אויס דעם יידישן מענטש אין דער אידעאַליסטישער אַטמאָספערע פון דער יידישער ליטעראַטור, צייכנט זיך דער נאָמבערגישער מענטש אויס מיט איבערגעטריבענער אַלטקייט. זיי ביידען פעלט מאָס: מאָס אין האָפן, מאָס אין דער האָפנונגסלאָזיקייט. ער, דער נאָמבערגישער מענטש, קאָן זיין אָדער דער מענטש, וואָס גייט-אויף, אָדער דער מענטש, וואָס גייט-אונטער. „שייקער האָט אַרומגעקוקט צום ערשטן די וועגט און האָט געפונען אויפגעהאָנגען אַ בילד, אויף וועלכן דער גאַנצער גורל פון מענטשלעכן זינדיקן לעבן איז געווען אויפגעמאָלט: פון איין זייט, גאָר נידריק, איז געווען אויפגעמאָלט אַ קינד, העכער אַ יידיש יונגל, געזונט און פריש, נאָך העכער — אַ יונגערמאַן, אין סאַמע מיטן, העכער פון אַלע, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, שטייף און שטאַרק; פון דער צווייטער זייט האָט זיך אָנגעהויבן דער אַראָפּגאַנג: דיזעלבע פיגור איז געוואָרן גרויער און עלטער און

אייגעבויגענער און גאָר אונטן איז געשטאַנען אַ גרייז־גרויער ניינציקער, איינגעהויקערט, אַ שוואַכינקער אָנגעלענט אויף אַ שטעקן.״— און שייקער האָט געטראַכט: „דערדאָזיקער מאָלער האָט פֿאַרפֿעלט אויפֿצומאָלן נאָך דעם ניינציק־יאָריקן אַלטן אַ טויטן מיט אַ קבֿר. אַ שלעכטער קינסטלער! צוקומענדיק צום סוף, האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר זיין אייגענעם געדאַנק און האָט אָפּגעהאַקט — אָ מענטשן, מענטשן!...״ ס׳איז די טבֿע נאָמבערגס אין דערדאָזיקער נאָוועלע, „שייקער און שלימזל״, ווילקירלעך צו זשאָנגלירן מיט די געשעענישן, קנאַפּ אַכט צו לייגן דערויף, צי די האַנדלונג, וואָס טרעט־אַרויס, פֿאַרמאָגט הינטער זיך די קויזאַלע לאָגיק, צי שטימט זי מיט דער „לעבנס־וואָרהייט״. — עס וועט דעריבער אונזער געפֿיל בשום אופֿן נישט שאָקירן, ווען נאָמבערג גיט צו, אַז אַלע (!) יידן, וואָס קומען־אַריין אין דער קאַוויאַרניע (דאָס בילד הענגט אין אַ קאַוויאַרניע) גיבן אַ קוק אויף דעם בילד און „ס׳גיט זיך אים אַ ריס אַרויס אַ זיפֿץ פֿון האַרץ״. אַ יעדער פֿון זיי דערקענט אויף אָט־אָ דעם אויפֿגעמאָלטן מענטשלעכן גורל דעם גורל פֿון זיין אייגן לעבן. נאַיוו? ס׳איז נאַיוו געזאָגט לויט דער דערפֿאַרונג פֿון דערווירקלעכקייט. די „לעבנס־וואָרהייט״ פֿון דעמדאָזיקן געדאַנק ליגט נישט אין דער ווירקלעכקייט, נאָר אין דער אַבסטראַקציע. עס איז וואָר אין דעם פּסיכאָלאָגישן אונטערבאַוווסט־זיין. אינם וועלט־געפֿיל פֿונם נאָמבערגישן מענטש ליגט אָט־אָ די טראַגישע אייגנשאַפֿט: צו זען דאָס לעבן ווי אַ שוואַכע שטריק איבער אַן אָפּגרונט, און אַז גיין אויף יענער שטריק, הייסט גע־לעבט. עס פֿעלט זיי די אילוזיע, אַז ערגעץ־ווו נאָכן אָפּגרונט איז דער וועג זיכערער. מען באַדאַרף נאָר ווירקלעך צו גלויבן אין לעבן און דער גלויבן אַליין ברענגט דעם מענטש ווייטער. זיי גלויבן נישט, די נאָמבערגישע יידישע מענטשן. אַטראָפּירט אויף דעמדאָזיקן פּונקט. „ערגעץ אויף אַ בוידעם ליגט באַהאַלטן קהלת, שטעקט־אַרויס דורך אַ לאָך זיין אַלט, געוראונצלט פּנים, מיט די קאַלטע שמייכלדיקע אויגן און קוקט־אַראָפּ אויף דער פּראַנצייִשקאַנער גאַס און לאַכט און שטעקט־אַרויס די צונג און זאָגט זיין אַלטן שפּרוך: הבֿל הבֿל!״ הבֿל הבֿל. דאָס קלוגע

וואָרט! דאָס קליגסטע איז אָבער צו זיין פּאָרזיכטיק דערמיט. נישט צו פיל עס באַנוצן. נישט צו פיל זיך פאַרלאָזן דערויף. נישט תמיד איז עס פּרוקטבאַר. נישט תמיד דערפירט עס צו ווירקלעכער חכמה, ווען מ׳לעבט-איבער מיט איין אָטעם דעם אָנהייב און דעם סוף פון די זאַכן. אין דעמדאָזיקן מאָמענט פון אַ באַדינגונגסלאָזן הכל הבל, עפענען זיך פאַרן מענטש יענע גרויסע אָפּגרונטן, אַלע האָפענונגסלאָזיקייטן. דער מענטש ווערט קעגן זיין אייגענעם ווילן געשטעלט פאַר דער געפערלעכסטער אַנטשיידונג: זיי עפּעס! ראַטעווע דיך! קאָן ער געפינען אַ ווערט פאַר זיך, איז גוט. אויב נישט, מוז ער סוף-כל-סוף זיין קאָנסעקווענט אין דער האָפענונגסלאָזיקייט. אונטערגיין.

ס׳מוז דאָ באַזונדער צוגעגעבן ווערן: גראָד דער בוי און די סטרוקטור פון יידישן לעבן זענען מער ווי אַנדערע מענטשלעכע עקזיסטענצן מסוגל דערצו, צו שטעלן אַלצדינג פאַר דער אַנטשיידונג. דער מענטש, וואָס ווערט זינט לאַנגע דורות דער-צויגן אויף אַן עקאָנאָמישער באַדנלאָזיקייט, די מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע ער לעבט, האָבן נישט קיין פעסטן שורש, זיין גאַנצע עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פון דעם ווילקירלעכן שפּיל פון די פאַרהעלטנישן, — אין דעם כאַראַקטער פון דעמדאָזיקן מענטש ליגט שוין אָט-אָ דאָס טראַגישע באַ-ווּסטזיין: אַז לעבן, דאָס איז אייביקע וואַגעניש, שפּילן וואַ באַנק, אַלצדינג געווינען, אָדער אַלצדינג פאַרלירן. שלום-עליכמס מנחם מענדל איז דעריבער דער קלאַסישער טיפּוס פונם יידישן מענטש. דער באָדן, אויף וועלכן ער שטייט האָט נישט קיין פעסטקייט, יעדע מינוט קאָן זיך די ערד אונטער אים שפּאַלטן און מנחם מענדל קאָן אומקומען אין אַ קאַטאַסטראָפע, אָדער גאָר דורך דער ערד-ציטערניש אַנטפּלעקן אַן אוצר. מען דאַרף נישט גראָד צו זיין קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, כדי מודה צו זיין, ווי ווייט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן האָבן מיטגעהאָלפן עס זאָל זיך אויסקריסטאַליזירן דער-דאָזיקער היסטאָרישער מענטשן-טיפּוס. דער מנחם מענדל. זאָגאַר דער היסטאָרישער יידישער אידעאַליזם — וועלכן דער שרייבער

פון דידאָזיקע שורות האָט זיך אויף אַן אַנדער אָרט באַמיט דורכצופירן אַלס דעם גרונט־עלעמענט פון דער פסיכאָלאָגיע פון דער יידישער ראַסע *) — איז ענג פאַרבונדן מיט דידאָזיקע ספּעציפישע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דעם יידישן מענטש. ביי דעם נישט־יידישן מענטש זענען די לעבנס־באַדינגונגען סטאַבילער, איינגעפונדעוועטער, קאָנקרעטער, רעאַלער. די פּראָדוקטן און די פּראָפיטן פון דער אַרבעט שטייען ביי אים כּמעט שטענדיק אין גלייכגעוויכט צו דעם גופא אַרבעטס־פּראָצעס, צו דער טאַט פון דער אַרבעט, צו דעם אַרבעטס־ווילן. ער האָט גיכער אַן איבערבליק אויף דער ליניע, וואָס ציט זיך צווישן דער טאַט און צווישן איר פרוכט. ער האָט, אַזוי־צו־זאָגן, דעם דופּק פון די מעגלעכקייטן אין דער האַנט און דער נישט־יידישער מענטש ווייסט דעריבער אויף וואָס מ׳קאָן האָפן און אויף וואָס נישט. אין דעמדאָזיקן גלייכגעוויכט פון די לעבנספאַרהעלטנישן באַרויקט זיך סוף־כּל־סוף דער נישט־יידישער מענטש, ער נעמט זיך איינצואָרדנען אין דער וועלט אַזוי ווי זי איז, איינשטעלן לויט דער עקזיסטירנדיקער ווירקלעכקייט די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון זיין אינערלעך לעבן, זיין וועלט־באַנעמען, און ער באַמיט זיך אָפּצוזאָגן פון וואָסערע עס איז כימערעס, וואָס האָבן נישט קיין אויסזיכט מקוים צו ווערן. דורכדעם קומט דער נישט־יידישער מענטש צו דער דערפאַרונג, אַז הגם די פאַנטאַזיע מאַכט דאָס לעבן פּראָדוקטיוו, פונדעסטוועגן דאַרף מען דידאָזיקע זייער וויכטיקע מענטשלעכע אייגנשאַפט נישט תּמיד לאָזן בלינד זיך צעשפּילן. מען דאַרף דאָס טראַנסצענדענטאַלע נישט כּסדר לאָזן גיין טריט־ביי־טריט מיט דעם ווירקלעכן. די סטאַבילע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע ער לעבט, גיבן אַפילו דעם עקסטרעמסטן נישט־יידישן טרוימער אַ געוויסע באַרויקונג. זיי מאַכן אים ניכטערער, וואַכער, זיכערער. זיי לאָזן אים נישט אַרויס פון זיינע אייגענע הענט. גלייכגעוויכט מאַכט

*) זע י. י. טרונק: „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור".

די פליגלען פון דער מענטשלעכער נשמה שווערער, דער־
פאַר אָבער געזונטער. ביי דעם יידישן מענטש שטייען די
באַדינגונגען פונקט קאַפויר: דורך דער באַזונדערער סטרוקטור
פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן, דורך דער „לופטיקייט" פון
דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ, דורך דער ווילקירלעכער אָפּ־
הענגיקייט פון אַ יעדן צופעליקסטן צופאַל — איז נישטאָ קיין
שום פאַרהעלטניש צווישן דעם, וואָס ווערט געטון און צווישן
דעם, וואָס פון דער טאַט קאָן פּראָפּיטירט ווערן. דאָס גראָע,
טאָג־טעגלעכע עקאָנאָמישע לעבן ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם
פאַנטאַסטישסטן אַזאַרט־שפּיל, ווו די אייגנטלעכע טאַט שפּילט
נישט קיין ראָלע. זי דעצידירט אַמווייניקסטן. בלויז דער צופאַל
און דאָס גליק באַלוינען זייער אָפּט די נישטיקסטע טאַט מיטן
גרעסטן געווינס און די גרעסטע אָנשטרענגונג בלייבט אָן דעם
מינדסטן דערפאָלג (זע מנחם מענדלס בריוו). אויף אַזאַ באָדן
פון עקזיסטענץ איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דער מענטש
געפינט זיך אויף דער וועלט, ווי אויף עפּעס אַן אַבענטויערלעכער
צויבער־שיף. זי פירט אים אין שטחים, וואָס זענען פאַר אים
אַבסאָלוט אומבאַקאַנט. ער קאָן פון פריער־אויס גאָרנישט נישט
באַשטימען. גאָרנישט וויסן. די איבעראַשונגען, וואָס קאָנען
אויפטויכן אויף דעמדאָזיקן געפערלעכן, אַבענטויערלעכן וועג,
זענען זייער לוינעהאַפט. אפשר דערוואַרט דאָ דעם מענטש
דאָס גרעסטע גליק? אפשר דאָס טיפסטע אומגליק? די קאַטאַסטראָפע.
דער מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן ריטער, אין דעם
אומגליקלעכסטן דאָן־קישאָט. ווער קאָן אים דאָ עפּעס פאָרויסזאָגן?
אין אַזעלכע אומבאַשטימטע און ווילקירלעכע באַדינגונגען, ווער
קאָן בכלל קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויף דער וועלט
איז פאַראַן עטוואָס קאָנקרעטעס, עטוואָס רעאַלעס, ממשותדיקס?
אין אַט־אָ די עקזיסטענץ־פאַרהעלטנישן ווערט די ווירקלעכקייט
מיט געוואַלט צוגעפירט צו אַ גאַנץ פערזענלעכן און סוביעקטיוון
צושטאַנד פון דער מענטשלעכער נשמה. עס ווענדט זיך נאָר, צי
דער מענטש איז אַ בעל־בטחון און אַן אָפּטימיסטישע נאַטור,
כדי צו גלויבן, אַז אין דעם קאָמפּלעקס פון איבעראַשונגען —

פון וועלכע עס באַשטייט אין זײַנע אויגן דיווירקלעכקייט — איז אָנגעגרייט פאַר אים אַ גן־עדן, אָדער — אויב דער מענטש איז אַ פעסימיסט און אַ שוואַרץ־זעער אין זיין וועזן — קוקט ער טאַקע אויף דעמדאָזיקן שפּיל־טיש פון צופאַלן — די וועלט, ווי אויף אַ קוואַל פון מיסדערפאָלגן, כסדרדיקע דורכפאַלן. מיט איין וואָרט: אַ טרויעריקער יאָמער־טאָל. אָנשטאָט רעאַלע דער־וואַרטונגען ביי דעם נישט־יידישן מענטש — אָנשטאָט וואָסער עס איז אָביעקטיוו אין־דער־וועלט־זיך־געפינען — דאָמינירט ביי דעם יידישן מענטש דער טראַנסצענדענטאַלער מאָמענט פון בטחון און גלויבן אין אַ יעדער שעה פונם טאָג־טעגלעכן לעבן. ער ווערט געהאַלטן אין אייביקער געשפּאַנטקייט. תּמיד שטייט דאָס גאַנצע לעבן זיינס ערגעץ אויף אַ קאָן, תּמיד איז ער דאָס קליינע שוואַכע מענטשעלע, דער בידנער מנחם מענדל, וואָס איז געשטעלט געוואָרן פאַרן טיפסטן אָפּגרונט און ער מוז פון דאָרט אויסקוקן דעם נעכטיקן טאָג. ער קוקט־אויס, ער וואַרט־אָפּ, ער מוז כסדר אַלצדינג וואַגן איבער די כּוחות, ער האָפט, ער ציטערט נעבעך ווי אַ בלאַט. נו, דערדאָזיקער שוואַכער מענטש האָט בטחון. איינציק אַליין פון בטחון ציט ער זיין וויטאַליטעט, די לעבנס־חיונה. בטחון דערהאַלט אים. בטחון איז דאָס דער מאָדנער כּוח, וואָס צעפלאַמט טיילמאָל אַזוי מעכטיק די פאַנטאַזיע און דאָס געמיט פון דעמדאָזיקן וועלטלאָזן יידישן מענטש. פאַרלירט ער חס ושלום אויף איין רגע אָט־אָ די איינציקע לעבנס־קראַפט זיינע, דעם טראַנסצענדענטאַלן בטחון, דאַן הערט ער בכלל אויף צו לעבן, דאַן ווערט ער איינגעשרומפן אויף אַ גאָרנישט. דאַן איז ער ווירקלעך גאָרנישט. דער קלענסטער פון די קלענסטע, דער אָרימסטער פון די אָרימסטע. מען קאָן קיינמאָל נישט גענוג טון צו דערמאָנען ווי גראַנדיעז, ווי קלאַסיש, מיט וויפיל פאַרנעם דער גרויסער שלום־עליכם האָט אונז געגעבן דעמדאָזיקן יידישן מענטש: דעם מענטש, וואָס מוז לעבן אין אייביקן רויש, אין אייביקן האָפן, כסדר אַ טריט פאַרן אָפּגרונט. אין אַזאַ לאַגע קאָן זיך בשום אופן קיינמאָל נישט אָפּגרענעצן דאָס טראַנסצענדענטאַלע פונם רעאַלן, דאָס געטרוימטע פון דעם

ווירקלעכן, דאָס סוביעקטיווע פון דעם אָביעקטיוון. אַלע לעבנס־ווערטן, אַלע אָפּשאַצונגען, אַלע אופנים פון דעם וועלט־באַנעמען ווישן זיך צונויף. עס ווערט אַ כאַאָס. דערדאָזיקער כאַאָטישער גאָדן איז אַמבעסטן מסוגל דערצו, אַז דאָס אידעאַליסטישע וועלט־געפיל זאָל ווערן דער דאָמינירנדיקער מאָמענט אין די באַציונגען צווישן דעם מענטש און צווישן דעם אַלעם, וואָס נעמט אים אַרום. וואָרים אידעאַליזם איז נעמלעך דער מאָמענט, ווען אַלע קאָנטורן פון דער ווירקלעכקייט הילן זיך איין אין אַ נעפּל: דאָס טראַנסצענדענטאַלע וויל זיך נישט האַלטן איבערן לעבן ווי אַ הוילע פילאָזאָפישע אַבסטראַקציע, ווי אַ בלויזער געדאַנק, נאָר עס וויל שטעקן אינעווייניק, אין לעבן גופא, אין דעם בלוט און אין דעם פלייש פון לעבן; דאָס טראַנסצענדענטאַלע וויל זיך מיטבאַטייליקן אין אַ יעדער באַוועגונג, וואָס דאָס לעבן מאַכט; דאָס טראַנסצענדענטאַלע לאָזט דאָס לעבן זיך נישט איינפונדעווען, נאָר עס לעזט דאָס לעבן אויף אין אַ רוחניות, אין אַן אייביקער, נישט־צו־רו־קומענדיקער באַוועגונג. דאָס קאָנקרעטע מוז זיך כסדר צעפליסן אין אַבסטראַקטן ריטמוס. וואָרים דער אידעאַליזם איז אייגנטלעך די אידעאַליזירטע באַדנלאָזיקייט: די וועלט־לאָזיקייט אַלס וועלט־געפיל, די נאַיוויטעט, אַלס לעבנס־חכמה. דער טרוים, אַלס די וואַכסטע שטופּע פונם באַוווסטזיין.

אין דער ספּעציפישער עקאָנאָמישער קאָנסטרוקציע, אין וועלכער די יידישע ראַסע האָט דורכגעמאַכט דעם גרעסטן טייל פון איר היסטאָרישער עקזיסטענץ, דורך דער נויטווענדיקייט פון אַ נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישער אַנטוויקלונג איז ממילא דער אידעאַליזם געוואָרן דאָס דאָמינירנדיקע וועלט־באַנעמען אין דעם יידישן כאַראַקטער. דוקא דער טאָג־טעגלעכער יידישער מענטש, דער שלום־עליכמדיקער מנחם מענדל (ווי איך האָב מיך אויבן באַמיט צו באַווייזן) איז דער עלעמענטאַרסטער פאָרשטייער פון דעם פּרימיטיווסטן אידעאַליזם. עס איז נאָך נישט דער אידעאַליזם אַלס באַוווסטזיין, אַלס געדאַנק, אַלס אַבסטראַקציע, נאָר דער אידעאַליזם אין זיין ערשטער פאָרם. אין זיין פּרימיטיוו. דער אידעאַליזם אַלס סיבה, אַלס אורזאַך. אין מנחם מענדלען לעבט

בלויז דער הוילער אידעאַליסטישער אימפּעט, די באַוועגונג, וואָס קאָן זיך נישט אָפּשטעלן. יענע גרויסע טראַגישע באַדנלאָזיקייט, וואָס אַלס טאָג-טעגלעכער לעבנס-שטייגער איז זי אַזוי געפּערלעך. אַלע טאָג און תּמיד איבערן אָפּגרונט, אַלע טאָג בטחון און אַנטוישונג...

די אידעישע אידעאַליסטן אין דער יידישער ליטעראַטור — אַלס ערשטער מוז דאָ דערמאָנט ווערן י. ל. פּרץ — האָבן גראָד אין דערדאָזיקער יידישער עקאָנאָמישער באַדנלאָזיקייט געוואָלט זען אַ מעגלעכקייט צו אַ העכערער מדרגה פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. די סאָציאַלע וואַגאַבונדישקייט, די אייביקע נישט-זיכערקייט, דאָס עקאָנאָמישע הפקר-לעבן זענען פאַר פּרצן געווען די בעסטע באַדינגונגען, אין וועלכע עס זאָל זיך אַנטוויקלען דער אידעאַליסטישער איבער-מענטש. דער שבת-מענטש. פּרץ האָט אָנגערופן דעמדאָזיקן היסטאָרישן לעבנס-שטייגער פון דעם יידישן מענטש: ג ל ו ת י ז ם. סטאַבילע ווירקלעכקייט פאַר דעם יידישן מענטש? אַלע פּעדים מיט וואָסער עס איז סטאַבילער ווירקלעכקייט דאַרפן נאָך מער פונאַנדערגעריסן ווערן. „נישט געאַקערט, נישט געזייעט, נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט, שבת זאָל זיין, שבת!" („די גאָלדענע קייט"). דער אידעאַליסטישער מענטש דאַרף זיין אַ פרייער פויגל. זיין וועלט איז די וועלטלאָזיקייט. ער טאָר מיט זיינע טריט נישט באַרירן די ערד. די אידעע פון דעמדאָזיקן אידעאַליסטישן נע-ונד זיין אין דער וועלט איז נישט קיין נייע. נישט דוקא יידיש. אין ערגעץ נישט זיין אינדער-היים, וואַנדערן אין אייביקער באַדנלאָזיקייט, אָט-אָ דער אַבענטויערלעכער, טרוימערישער פאַרלאַנג האָט פון תּמיד-אָן צו זיך געלאָקט אַלע אידעאַליסטישע נאַטורן. נישט מער, וואָס ביי די נישט-יידישע אידעאַליסטן איז דערדאָזיקער מאָדנער פאַרלאַנג קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיינע גרענעצן. הוילער אַבסטראַקטער באַגריף. סימבאָל. אויסדרוק פון דער אומגעשטילטער אינערלעכער אומרויקייט. די ווונדערלעכע „בלויע בלום"! אויף קיין שום ערד וואַקסט זי נישט. יענע גויאישע אידעאַליסטן האָבן בלויז געשמעקט איר דופט מיט דער פאַנטאַזיע. איידעלע

דיכטער-טרוימען. טשײלד האַראָלד, פֿאַוסט, ווילהעלם מײסטער, העגריך פֿון אָפֿטערינגגען, — אָט-אָ די אַלע אידעאַליסטישע וואַנדער-מענטשן, זענען נאָר געווען מיסטישע פֿאַרשטעלונגען. אויסגעבוירטן פֿונם געמיט. פֿאַנטאָמען פֿון שײנע פּאָעטישע וויזיעס. נישט זײ האָבן געוואָלט האָבן, נישט זײ האָבן געהאַט די מינדסטע לעבעדיקע באַציִונג צו דעם עקזיסטירנדיקן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. פֿאַר דעם פּערצישן אידעאַליזם זענען די באַדינגונגען געווען גאַנץ אַנדערע. פּרץ האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ געזעלשאַפֿטלעכע ווירקלעכקייט, וואָס דורך איר בוי און וועזן זענען די מעגלעכקייטן פֿון אַן אידעאַליסטישן זיך-אויסלעבן אין דער וועלט, פֿאַר איר געווען נישט עפּעס אַ ווײטע אידעישע כימערע, הוילע „פּאָעזיע", שײן-גײַסטערײַ, נאָר פּסיכאָלאָגיש דער אײנציקער ממשותדיקער יֵש פֿון דעררדאָזיקער געזעלשאַפֿט, דער יֵש, וואָס האָט זי היסטאָריש באַרעכטיקט, און איז צוגלײַך געווען איר היסטאָרישע טראַגעדיע. איר געזעלשאַפֿטלעכע באַדנלאָזיקייט. די באַדנלאָזיקייט אין דער וועלט אַלס טאָג-אײַן טאָג-אויס, בלינדער אידעאַליסטישער אימפּעט אין דער גראָעסטער טאַט — איז דאָס שוין דער ענדגילטיקער היסטאָרישער פּרצוף פֿון דעם יידישן מענטש? שווער צו גיבן די ריכטיקע תּשובֿה. פּרץ אָבער האָט דאָ געטון דעם לעצטן און געוואַגטסטן שריט: אין די צוויי עקסטרעמען, צווישן וועלכע אונזער אײַנדרוק וועגן דער יידישער ווירקלעכקייט באַוועגט זיך תּמיד: אין דער האָפֿנונגסלאָזיקייט און אין דער האָפֿנונג — יאוש און בטחון — האָט זיך פּרץ אַנטשידן פֿאַרן לעצטן, פֿאַרן בטחון. פּרץ האָט געזאָגט: גלויבט נאָר אין דעמדאָזיקן באָדנלאָזן יידישן לעבן און איר וועט זען, ווי אָט-אָ די וועלט-אָרימקייט פֿאַרוואַנדלט זיך אין דעם ראָמאַנטישן וווּנדער-לאַנד. די אומרויִקע יידישע באַוועגטקייט, דאָס איז דער גאַנג צו דעם צוקונפֿטיקן מענטש. צו דער שבת-יום-טובֿדיקייט. פּרץ האָט ווירקלעך געוואָגט, וואָרים שוין אַלײן דער גלויבן אין דעמדאָזיקן וועלטלאָזן לעבן הײסט וואָגן.

ווען מיר זיך נאָר נעענטער צוקוקן צו פּרצס אידעאַליסטישן איבער-מענטש, צו ר' שלמהן פֿון דער „גאָלדענער קייט", דאַן

דערקענען מיר אין אים באַלד אונזער באַקאַנטן שלום-עליכמישן טיפּוס, מנחם מענדלען. פּרץ, וואָס האָט זיך באַצויגן צו דעמדאָזיקן היסטאָריש-יידישן מענטשן-טיפּוס ווי צו דער מעגלעכקייט פון אַ ווייטערער פּאָזיטיווער אַנטוויקלונג, ווי צו אַ צוקונפט — ער האָט נאָר מנחם מענדלען, אונזער שלימזלדיקן בעל-חלומות, באַדאַרפט צו אַבסטראַהירן אויף אַ העכערער אַנטוויקלונגס-שטופע — און מיר האָבן דעמדאָזיקן בעל-חלומות באַקומען צו זען אַלס ר׳ שלמהן, און דער נאַיווער בטחון מנחם מענדלס האָט זיך פּאַרגייסטיקט אין יענעם פלאַמיקן רבישן עקסטאַז. אַלע פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן מנחם מענדלס ווערן אַבסטראַהירט אין ר׳ שלמהס פּערזענלעכקייט. דער שבתדיקער ר׳ שלמה האָט אייגנטלעך נישט קיין אַנדערע אייגנשאַפטן ווי דער וואָכנדיקער מנחם מענדל. ר׳ שלמה? ווער איז ער, אויב נישט אונזער גוט-באַקאַנטער מנחם מענדל, וואָס האָט זיך דערקלעטערט צו די העכסטע רעגיאָנען פון מענטשלעכן גייסט און ער פּראַוועט דאָרט די אייגענע שטיק, ווי ער פלעגט עס אויף זיין נידעריקערער מדרגה טון אין יעהופּעץ. אויך אין דער גייסטיקער וועלט לעבט ער מיט דעם בטחון, אַז אַלצדינג איז לייכט צו דערגרייכן. מ׳דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און ווייטער גייט עס שוין בתכלית הפּשטות. ר׳ שלמה מאַכט נישט קיין הבדלה און — די וועלט איז באַזיגט. ס׳טעלערל לאָזט זיך אַראָפּ פון הימל. ס׳איז שבת! ווי לייכט און ווי פּשוט! קיין סימן פון ווירקלעכן קאַמף מיט די אַלע מכשולים און שוועריקייטן, וואָס דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן שטעלט אַקעגן אָט-אָ דעם שיינעם טראַנסצענדענטאַלן אידעאַל. ר׳ שלמה קעמפט נישט מיטן לעבן. ער קעמפט מיט זיך, אין זיך. ער קעמפט אינדיווידואַליסטיש, סוביעקטיוו. דער קאַמף זיינער איז הוילע פּערזענלעכע שטימונג. פּונקט ווי מנחם מענדלס מעשים זענען בלויז שטימונג. ר׳ שלמהן איז פרעמד דער שווערער, וואָגיקער קאַמף, ווי ס׳איז אים פרעמד די קאָנקרעטע וואָגיקע טאַט. דער היסטאָריש-יידישער מענטש, סיי אַלס מנחם מענדל, סיי אין זיין העכערער פּאַזע אַלס ר׳ שלמה, ער שטייט מחוץ פון אַלע רעאַלע מעגלעכקייטן. ער איז באָדנלאָז. ער איז

אַ רוחניות — און דאָס ווייל איך גראָד נישט זאָגן אים צו לויב. און ער איז אין דער דעה, אַז אַ יעדעווירקלעכקייט קאָן מען תּמיד און לייכט ליקווידירן. ווייל ער ווייסט, אַז נאָר דורך קאַמף דערגרייכט מען עפּעס, קעמפט ער מיט זיין אייגענעם שאָטן און נוצט־אויס אין דעמדאָזיקן טאַטלאָזן קאַמף זיין גאַנצע לעבנס־ענערגיע. דערביי גלויבט ער, אַז אָט־אָ דער שאָטן זיינער — דאָס אינדיווידואַליסטישע ביסל רוחניות — דאָס איז די גרויסע וועלט. טרעפט ער זיך באמת אַמאָל צוזאַמען מיטן לעבן און דאָס לעבן ווייזט אים די נעגל — דאַן פאַלט ער באַלד צוזאַמען. דער־דאָזיקער קעמפנדיקער דאָן־קישאָט!

דאָ איז ווידער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי די טראַגעדיע פון ר׳ שלמהס מיסדערפאָלגן איז ענלעך צו יענע טראַגיקאָמישע מיסדערפאָלגן פון מנחם מענדלען. וואָרים, ווי אין אַלע ענג־אינדיווידואַליסטישע טראַגעדיעס, ווו די ווירקלעכקייט און די שיקזאַל־כּוחות פונם לעבן באַטייליקן זיך נישט מיט אין דעם טראַגישן קאָנפליקט (דעריבער ווייל דער העלד האָט נישט קיין חוש פאַר דעם, וואָס עקזיסטירט), — דאָרט איז דער וועג צווישן גלויבן און נידערגעשלאָגנקייט נישט זייער קיין גרויסער. דאָרט גייט דער טראַגישער העלד אונטער נישט דערפאַר, ווייל דאָס שיקזאַל האָט אים געשלאָגן, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס שיקזאַל האָט אים אַנטוישט. ער האָט מער געגלויבט ווי געטון און ער ווערט געשטראָפט נישט פאַר זיין טאַט, נאָר פאַר זיין נאַיוויטעט. די גאַנצע וועלט־טראַגעדיע פון דעם רבין ר׳ שלמה איז י. ל. פּרץ בּיכולת אַדורכצופירן אויף די עטלעכע בלעטלעך פונם ערשטן אַקט פון „דער גאָלדענער קייט". נישט בחנם געראָט פּרצן די־דאָזיקע בקיצורדיקייט. איגנאָרירנדיק די גרויסע וועלט, ווערט דער אינדיווידואַליסטישער נשמה־קאַמף פונם יחיד לאָקאַליזירט אויף אַ ווינציקן שטח. די שפּיצן פון דער וועלט ציינדן זיך נישט מיט אין דעם קאַמף. דאָס אָפּגעגרענעצטע אינדיווידואַליסטישע פייער פלאַמט־אויף און לעשט זיך אויס. אויך ביי מנחם מענדלען פאַרלויפן זיינע טראַגעדיעס אין דעמזעלביקן שנעלן טעמפּאָ.

י. ל. פרץ האָט גראָד אויפן גרונט פון דער יידישער באַדנלאָזיקייט געוואָלט אויפבויען דאָס לעבן פון אידעאַליסטישן עקסטאַז. דער היסטאָרישער יידישער מענטש, גייענדיק תמיד אַ טריט פאַרן אָפּגרונט, גייט ער לויט פּרצן אויפן וועג צו אַ וועלטלאָזער שבת-יום-טובדיקייט (בטחון!). דער נאָמבערגישער אינטעלעקטועלער יידישער מענטש, פליגעלמאַן, מען זאָל נאָר אַ ביסל טיפער וועלן אַנאַליזירן זיין וועזן און זיינע מעשים, איז ער ווידער אונזער באַקאַנטער מנחם מענדל. אויך אויף אַ העכערער שטופע פון אינערלעכער דערוואַכונג. לעבנס-באַוווסטזיניקער, קוקט ער ניכטערער אויף זיין לעבנס-מצב. סיי אין ר׳ שלמהן, סיי אין פליגעלמאַנען האָט דער יידישער מנחם מענדל ענדלעך קריטישער אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זיין היסטאָריש-טראַגישן עקזיסטענץ-באַשטאַנד. ער האָט דערזען דעם אָפּגרונט, איבער וועלכן ער הענגט און ס׳האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. ר׳ שלמה האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם ווונדערלעכן מנחם מענדלשן כּוח, אין דעם כּוח פון בטחון. אָנשטאָט נידערגעשלאָגענער, איז ער גאָר געוואָרן עקסטאַטישער. ער האָט נאָך געוואָלט מאַכן פון זיינע עקזיסטענץ-פאַרהעלטנישן אַ גייסטיקע עליה. דער מאָדערנער יידישער אינטעלעקטואַליסט, פליגעלמאַן, האָט בּישט אין זיך געהאַט דעם כּוח פון בטחון. גלויבן? אים פעלט דערצו שוווּנג. ער איז דעריבער פאַרבליבן דער באָדנלאָזער לעבנס-קבצן, אָן פאַנטאַזיע. דער באַנקראָטניק, דער יורד. פליגעלמאַן האָט אַפילו זיך געפּרוּווט טון אַ קניפּ אין באַק און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז אייגנטלעך איז די פּרצישע פאַנטאַזיע הוילע בטלנות און אַז ער, פליגעלמאַן, איז אַ רעאַליסט און זיין פליגעלמאַנישע יידישע וועלט האָט עפּעס אַ רעאַליסטישע ממשות. ממשות? פליגעלמאַן איז צו פאַרנונפטיק, אַז ער זאָל אַליין דערין גלויבן. ער ווייסט עס גוט: אויך ער, דער אָפּגעקומענער, מוז זיך סוף-כּל-סוף אַנטשיידן, רוימען באַצייטנס דעם פּלאַץ, זיך אָפּטראָגן. דער קליגסטער אויסוועג. ער טראָגט זיך טאַקע אָפּ. ער שיידט זיך אָפּ פון לעבן, פון אַלעמען. ער ווערט אינדיווידואַליסטיש און פילאָזאָפירט מיט יאַשטשערקעס. ער

ווערט ציניקער און דעגענערירט דערביי, ווערט איינגעשרומפּן, אַ נישטיקייט. טראָגט זיך אַרום מיט אַ שטריק אין דער קעשענע.

אַזוי טרעפן מיר פליגעלמאַנען אין גאַנצן קאָמפּלעקס פון נאָמבערגס נאָוועלן.

זאָל שוין דאָס זיין דער סוף?

דאָס אידעאַליסטישע אָבער אין נאָמבערגס כאַראַקטער האָט אים נישט צוגעלאָזן אונטערציען דעם לעצטן שטריך אונטער פליגעלמאַנס לעבנס־חשבון. דערמיט וואָלט נאָמבערג אייגנטלעך געגעבן אַ טויט־קלאַפּ אַ יעדן יידישן נאַציאָנאַלן ווערט־געפיל. עס איז ווירקלעך געווען אַ פּראָדוקטיווער און זייער אַ געוואַגטער שריט פון ה. ד. נאָמבערגן, וואָס אין די מאָטיוון פון „שייקער און שלימזל" פּרוווט ער — וויניקסטנס וויפל עס קלעקט אים מעגלעכקייטן און מוט — אונז צו געבן אַן אַנדערע, מער פּאָזי־טיווערע אויפפאַסונג פון יידישן מענטשן־טיפּוס. דער יידישער מענטש אַלס „שייקער און שלימזל" וויל נאָך נישט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט זיינס. ער אַנטשיידעט זיך נישט, נישט פאַר קיין עליה, נישט פאַר קיין ירידה. ער בלייבט הענגען איבער אָט־אָ דער טראַגיש־יידישער באָדנלאָזיקייט. ער באַלאַנסירט גאָר איבערן אָפּגרונט ווי אַ קונצן־מאַכער. ער פועלט ביי זיך ענדלעך מודה צו זיין אין דעם ביטערן נאָר טיפן געדאַנק, אַז דאָס יידישע שיקזאַל איז אַ טראַגישע היסטאָרישע גראָטעסקע. אין די שעהן פון דער מענטשהייט איז די יידישע שעה די טראַגישסטע שעה, ווייל זי איז די גראָטעסקע שעה. דאַרף מען דאָ אפשר זוכן דעם היסטאָרישן ווערט? אין יענער טראַגישער שעה, ווען מנחם מענדל וואַכט־אויף פון זיינע חלומות, פאַרטראַכט ער זיך וועגן זיין לעבן און ער גיט צו: ער איז דער טראַגישער אַנאָנים, דער קאָמעדיאַנט אין דעם שוישפּיל פון דער מענטשלעכער געשיכטע. מנחם מענדל פּרוווט זיך צו טרייסטן מיט זיין שווערן, דאָך באַדייטונגספולן גורל. אַך, דאָס לעבן! וואָס איז פאַר מנחם מענדל דאָס לעבן? די קאָמעדיע אויף דער אָרימער בינע, וואָס הייסט — וועלט:

לעבן איז נאָר אַ שאָטן־בילד, וואָס וואַנדערט.
אַ מערכען איז דאָס לעבן, דערציילט פון אַ נאַרן־קאָפּ
פול מיט קלאַנג און ווילדקייט, און לאָזט דיך
גאָרנישט הערן...

אכט קאפיטל.

דער שרייבער פון דידאָזיקע שורות האָט זיך אויף אַן אַנדער אָרט *) באַמיט צו שילדערן דעם יידישן מענטש און זיין ראָל אין דער געשיכטע. דאָרט האָט ער אָנגעוויזן ווי שוין שעקספּיר האָט אין שיילאָקן געוואָלט געבן דעם יידישן טיפּוס אַלס אַ היסטאָריש מיסטעריום. היסטאָרישע גראָטעסקע. וואָרים אין דעם יידיש-גראָטעסקן ליגט דאָס יידיש-מיסטישע. דאָס יידיש-כאַראַקטעריסטישע. דער כאַראַקטער פונם יידישן מענטש אין דער היסטאָריע. זינט שעקספּירן זענען זייער ווייניק קינסטלער צוגעגאַנגען אויף דערדאָזיקער ליניע צום יידישן כאַראַקטער. מיט דעם ווילן ערשט, צו אַקצענטירן דעם ווערט פון יידישער וועלטלעכקייט איז מען אינערלעך פּטור געוואָרן פון אַ סך אַטאַוויסטישע פאָראורטיילן און מען האָט אָביעקטיווער אָנגעהויבן באַנעמען די היסטאָרישע געשטאַלט פון דעם יידישן מענטש, זיינע קאָנטורן, זיינע שאַטירונגען. וואָס אָביעקטיווער אָבער דער שטאַנדפּונקט, אַלץ גראָטעסקער, פרעמדאַרטיקער, געהיימנישפולער האָט זיך דער יידישער מענטש אויסגעשיילט אויפן פאָן פון דער היסטאָריע. זיין שאָטן איז געפאַלן אויפן וועג פון דער מענטשהייט, ווי דער שאָטן פון אַ ספינקס. דער יידישער מענטש, איז ער אַ סימפּאַטישער כוח? איז ער אומסימפּאַטיש? איז ער ווידערוויליק? די אַלע, וואָס האָבן זיך אָביעקטיוו באַמיט צו באַטראַכטן דאָס היסטאָרישע וועזן פונם יידישן מענטש, האָבן וועגן דידאָזיקע פראַגן נישט געוואָלט אַנטשיידן. אין דער באַטראַכטנדיקער

---

*) זע י. י. טרונק: „קאָמעדיאַנטן", איינלייטונג צום בוך „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור".

פערספעקטיוו איז דאָס פאַר זיי געווען גלייכגילטיק. אַ מערקוויר־דיקער גראָטעסקער מיסטיציזם האָט געווירקט אַלס אַטמאָספער אַרום דער היסטאָרישער געשטאַלט פון דעם יידישן מענטש. זי גראָד, אָט־אָ די גראָטעסקע מעטאַפיזיק, האָט אויסגעקוקט צו זיין דער פאַקטישער כּוח, וואָס באַוועגט אים. מאַכט אים אייגנאַרטיק אין דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע. איצט, ווען אונזער באַציונג צו דער יידישער געשיכטע ווערט מאָדערנער, וועלטלעכער, מערן זיך די קינסטלער, וועלכע זעען דעם יידישן טיפּוס אין דער שעקספּירישער, גראָטעסק־מעטאַפיזישער באַלייכטונג. שאַגאַל אין זיינע געמעלן, פויכטוואַנגער אין „ייד זיס", וואַכטאַנגאָוו אין דער רעזשי פון „דיבוק", זיי אַלע באַמיען זיך גראָד אין דעם יידיש־גראָטעסקן צו זען דאָס יידיש־אָריגינעלע, דאָס יידיש־טיפע, דאָס יידיש־וועזנטלעכע.

אָט־אָ דאָס גראָטעסקע — איך וועל עס אָנרופן דער גראָטעסקער אידעאַליזם — האָט געזאָלט זיין דער פונקט, ווו די צוויי עלעמענטן פון נאָמבערגס כאַראַקטער־געשפּאָלטנקייט — דאָס רעאַלע און דאָס מערכענאַרטיקע — זאָלן זיך צוזאַמענגיסן צו איין גאַנצקייט. דער אויסוועג פאַר פליגעלמאַנען. נאָך אַלע מעלות אָבער, און נאָך דעם גאַנצן אויפשוווּנג פון אינערלעכן געמיט, וואָס אין דער נאָוועלע „שייקער און שלימזל", האָט דאָך נאָמבערגן אויסגעפעלט כּוח קינסטלעריש צו קאָנסטרוּאירן דעם מעטאַפיזיש־גראָטעסקן טיפּוס פון יידישן מענטש. ער האָט דעם יידיש־גראָטעסקן אידעאַליסט נישט באַוויזן אויפצושטעלן אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס קאָנקרעט וועזן, אַלס היסטאָרישע פיגור. אין „שייקער און שלימזל" האָבן מיר געלונגענע פראַגמענטן פון דערדאָזיקער, פאַר די פערספּעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור זייער וויכטיקער פערזענלעכקייט: דער וועלטלעכער יידיש־טראַגישער מענטש אין גראָטעסקן שפּיל. לײדער נישט מער ווי פראַגמענטן. דערפאַר האָבן מיר אויך אָנשטאָט איין פערזאָן, צוויי העלדן — שייקער און שלימזל. נאָמבערג האָט געטאַפּט אין דער פינסטערניש. ער האָט נאָר בלויז געאַנט, אַז אין אָט־אָ דעם גראָטעסק־מעטאַפיזישן ליכט קאָן ווירקלעך דער יידישער מענטש

אויסוואַקסן אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס קלאַסישע פיגור. מיר זאָלן אין אים ענדלעך אָביעקטיוו קאָנען באַנעמען די היסטאָריש-יידישע אייגנאַרט אין אַלע אירע שאַטירונגען. י. ל. פרץ, אַפילו דער גרויסער שלום-עליכם האָבן זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעוואַגט פון דער היימישער יידישער אידיליע, זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן און דעריבער זיך נישט געטרויט אָביעקטיוו אַ קוק צו טון אויפן יידישן וועלט-בילד. ביי דער גאַנצער טיפקייט פון זייער דיכטעריש געמיט זענען פרץ און שלום-עליכם אין תוך געבליבן פראָווינציאַלן, קליין-שטעטלדיק, ווייניק וועלט-מענטשן. זייער דערפאַרונג אין די דערגרייכונגען פון מענטשלעכן וועלט-באַנעמען איז קנאַפּ. זיי האָבן אויפן יידישן לעבן געקוקט צו סוביעקטיוו, צו היימיש, צו „יידישלעך". דאָס האָט קיינמאָל נישט געלאָזט אונזערע שריפטשטעלער גרויס אויסוואַקסן. אָנשטאָט צו מאַכן דעם זשעסט פון ווירקלעך פרייע נאַטורן און דאָס מיליע זייערס אַוועקשטעלן אויף אַ ברייטן אָביעקטיוון וועלט-פאָן, האָבן זיי כסדר איבערן יידישן לעבן געציטערט, געצערטלט עס, געהאַלטן זיך ביי דער מאַמעס פאַרטוך. אויפן פאָן פון דער וועלט באַקומט אַ לעבן געשטאַלט און פאַרנעם. דאָרט זעען מיר דאָס צוזאַמענשפּיל פון מענטשלעכע באַציונגען: די איינצעלנע עקזיסטענץ אַלס אַ טייל פון דעם דאָ-זיין אין אַלגעמיינעם. ס'איז זייער מעגלעך: אַוועקשטעלנדיק דאָס יידישע וועלט-דאָ-זיין אין אַזאַ ברייטער פערספּעקטיוו, וואָלטן מיר געהאַט דערפאַר ווייניקער עקסטאַז און גלויבן ווי י. ל. פרץ, ווייניקער לעבנס-פרייד ווי שלום-עליכם, טיפער און וואָרער וואָלט אָבער געווען אונזער אָפּשאַצונג פון דער יידישער געשיכטע, טיפער און וואָרער אונזער באַגריף וועגן יידישן מענטש, טיפער און וואָרער אונזער יידיש וועלט-געפיל.

ה. ד. נאָמבערג, אָט-אָ דער פליגעלמאַנישער פילאָזאָף, דער אָרימער אין מעגלעכקייטן — וואָרים נאָמבערג איז זיכער נישט געווען קיין גרויסער טאַלאַנט, אים פעלט שווונג צו גרויסע דער-גרייכונגען — ערלעך אָבער אין זיין „מאָראַלישער נישטבאַפרידיקט-קייט", הערש דוד נאָמבערג — וואָס אַלס שריפטשטעלער האָט ער

בסדר געהאַט איין טעמאַ: זיין אָרימקייט, — ער גראָד האָט אָנגעטראָפן אויף אַ טיפּן מענטשלעכן קוואַל אין יידישן לעבן: דער גראָטעסקער אידעאַליזם פון יידישן מענטש. אין אונזער יידישער ליטעראַטור וואָלט פון דעמדאָזיקן מקור געקאָנט אויפבליען אַ נייער אויסבליק אויפן יידישן וועלט־דאָ־זיין, אַ סך־הכל, אַ ווערט־שאַצונג. אַן אָפענע טיר פאַרן יידישן שריפטשטעלער צו דער וועלט. מיר האָבן זיך נאָך דערוויייל נישט געוואָנדן אויף דעם וועג, וואָס פירט צו די אייביקסטע וואַסערן פון יידישן וועזן, צו יענע אָפּגרונטן פון יידישן לעבן, ווו אַ געהיימנישפולע יידישע מוזיק הערט זיך אַרויס פון אַלע סכּנות: דאָס טרויעריקע גראָטעסקע שפּיל פונם יידישן מענטש אין דער היסטאָריע.

ווער האָט אונז געזאָלט פירן אַהינצו, צו אונזערע יידישע לעבנס־וואַסערן? הערש דוד נאָמבערג?

ער האָט נישט געקאָנט. נאָמבערג איז נישט קיין ראַיאַ־מאַנאַ. ער האָט צו ווייניק כּוח אין זיך, צו ווייניק איז ער אפשר קינסטלער, אַז גראָד ער זאָל זיין אַ וועג־ווייזער אין דער יידישער ליטעראַטור. נאָמבערג איז דאָס „מיספאַרשטענדניש“, דער צעבראָכענער אינטעליגענט. דער פליגעלמאַן. סוף־כּל־סוף איז נאָמבערג בעצמו אויך נאָר אַ פראַגמענט פון אַווירקלעך טראַגישן מענטש. דערצו פאַרמאָגט ער נאָך די אומסימפּאַטישע פעיקייט פון אַ יעדן אינטעליגענטישן אינדיווידואַליסט: דערגרייכן נישט מער די כּוחות עפּעס צו טון, בלייבט נאָך איבער די לעצטע ברירה: פּעסימיזם.

איבער דעם אָרימען, עלנטן וועג, איבער וועלכן ס׳איז געגאַנגען דידאָזיקע אָנמעכטיקע פּערזענלעכקייט, ה. ד. נאָמבערג, ליגן זיי, די קליינע פראַגמענטן פון דער גרויסער קינסטלערישער מעגלעכקייט, די גראָטעסקע פיגורן פון שייקער און שלימזל, ווי שפּליטער פון אַ ניי מאָנומענטאַל געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור. אָנזאָגן. נאָמבערג האָט מיט זיי גאָרנישט געמאַכט. אפשר איז ער נישט באַרופן געווען צו באַשאַפן די מאָנומענטאַלסטע געשטאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור. זאָל עמיצער אַט־אָ די פראַגמענטן באַמערקן און זאָל ער, דערדאָזיקער

קינסטלער, דעם כּוח האָבן אויס זיי אויסצובויען דעם טיפּוס פונם היסטאָרישן יידישן מענטש, דאַן קאָן ער דערמיט האָבן געטון די טאַט, וואָס זאָל די יידישע ליטעראַטור צופירן צו אירע אמתע טיפקייטן.



ה. ד. נאָמבערג ביים רעדאַקציע-טיש

געמיינזאַמקייט.

ערשט קאַפּיטל.

„ער (שייקער) איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים פון אָט־אָ דעם שייקער, וואָס איז איצט געבליבן אַליין, איינער אַליין אויף דער וועלט און האָט באַוווּנדערט דעמדאָזיקן מענטש אין שפּיגל און נאָכגעפאָרשט און נאָכגעזוכט דעם סוד פון זיין איינזאַמקייט, און צום סוף האָט ער אַרויסגעשטעקט אַ צונג אויף זיך. געמיינט דערמיט די וועלט אינגאַנצן מיט אירע מענטשן, אויסגעטון זיך און צוגעגרייט דורכצוליגן אַ לאַנגע מאַטערדיקע שלאָפלאָזע נאַכט.

„— און וואָס האָב איך אויסגעפירט? געטויט ביי מיר אין האַרצן יעדעס געפיל, יאָרן־לאַנג געשטודירט (?) די קונסט פון נישט־וועלן, פון גלייכגילטיקייט און איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַ גרויסער תקיף, ווייל איך האָב שוין נישט וואָס צו פאַרלירן. וואָס האָב איך אויסגעפירט? וואָס? קראַנק בין איך צו ליידן?" —

„און אין דערזעלבער צייט, ווען אונזער שייקער איז געבליבן אַזוי פאַראיינזאַמט, איז עפּעס וואַך געוואָרן אויף די בוידימער און אין די קעלער־שטובן, צווישן די קליענטן (?) פון האָרעוואַניע און נויט. פאַרנאַכט זענען די גאַסן אין יידישן קוואַרטל פול געווען מיט יונגעלייט און מיידלעך, בלאַסע, נערוועזע, פאַר־טוּענע: מחנות, מחנות האָט מען זיי אָנגעפירט אין די צירקלען און אין די טורמעס. נאָר ווי דער ים, אַזוי האָט זיך די גאַס נישט אויסגעשעפּט און איר אויפרעגונג איז נישט מינדער געוואָרן, נאָר האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, צוגרייטנדיק זיך צו אַ שטורם. עפּעס אַן אַנדערע נשמה און אַן אַנדער אויסזען האָבן די מענטשן באַקומען. און ווי אַ שאָטן האָט זיך שייקער

אַרומגעטראָגן צווישן זיי. פּו׳עמד און אָפּגעריסן פון אַלע, און פון אַלץ, נישט ווייסנדיק אַפילו געַנוי, וואָס דאָ גרייט זיך צו, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

„— דער פּאָדים פון מיין לעבן האָט זיך איבערגעריסן, האָט ער געטראַכט פאַר זיך אין די טעג, וואָס וועט דאָס זיין? וואָס וועט דאָס זיין? — —

„און ער איז אַנטלאָפן אַהיים, אין דעם ענגן צימערל אַריין, ווו צוזאַמען מיט די פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָט אַ ווייסטער אומעט מיט אַ פייניקנדיקע שרעק געַנומען אַרומשפּאַצירן.

„אַ האַק אויף דער וואַנט און אַ שטריקל זענען שוין עטלעכע טעג אים נישט אַרויס פון מוח. — —

„אַ העלער שטערן האָט אַריינגעקוקט צו אים אין פענסטער אַריין און האָט געוווּנקען פון ווייטע וועלטן אַראָפּ... אַזוי שטיל און ליבלעך איז דער דינער שטראַל געווען״... — —

אין אָט־אָ די ציטאַטן פון „שייקער און שלימזל״ כאַראַק־טעריזירט זיך ה. ד. נאָמבערג אַמטראַגישסטן. די איינזאַמקייטס־פילאָזאָפיע זיינע האַלט נישט אויס. וואָס יחידישער און מאָראַ־לישער ער גלויבט אין איר אויסצוּוואַקסן, אַלץ קלענער און עלנטער ווערט ער. „וואָס האָב איך אויסגעפירט?״ פרעגט זיך פליגעלמאַן. ער עפנט־אויף דאָס פענסטערל פון זיין חדר אויפן פינפטן שטאָק, ער קוקט־אַרויס: דאָס לעבן האָט זיך אָפּגעקערט פון דעמדאָזיקן קליינעם קהלת. דעם יידישן אינטעליגענטישן אינדיווי־דואַליסט האָט זיך נישט איינגעגעבן צו פאַרסמען אַלע האָפנונגען. אונטן, אין די סאַמע קוואַלן פון דער יידישער געזעלשאַפט, אין די מאַסן, וועקט זיך אַ גרויס שיקזאַל. דאָס אָרימע יידישע לעבן באַגערט צו ווערן שענער, ווערטפולער. די יידישע געמיינ־זאַמקייט ווערט אַדורכגעציטערט פון עקסטאַזן, פון הערצישקייטן. ווי אַ ים באַוועגט זיך די האָפנונג. דער, וואָס וויל נישט האָפן, דעם דראָט בכלל איבערגעלאָזן צו ווערן ווי אַן איבריקע זאַך. דער אינטעליגענטישער פליגעלמאַן — אויך אין זיינע געדאַנקען אַ סענטימענטאַלער פּחדן — ווי ער האָט זיך אַמאָל געשראָקן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער האָפנונגסלאָזיקייט, אַזוי שרעקט ער זיך

איצט פאַר דעם גלויבן, אַז קאַמף און טאַט קאָנען מאַכן דעם מענטש דערהויבענער, אַז קאַמף און טאַט איז אַן אויסוועג. איז עס טאַקע מעגלעך, אַז דער מענטש גלויבט נאָך? און אַז אין די הימלען געניצן נישט אַלע געטער, ווי יענער אינדישער בראַמאַ?

אַזוי טראַכט ביי זיך פליגעלמאַן. ער ציטערט תמיד, ווען דאָס לעבן רופט.

דער פחד נישט צו בלייבן איזאָלירט פון דער געמיינזאַמקייט — סוף-כל-סוף איז די פילאָזאָפישע יחידישקייט נאָר אַן אינטעלינגענטישער זשעסט ביי נאָמבערגן. קאָמפּענסאַציע. נישט קיין אייגנשאַפט — דאָס איז די הויפּט-סיבה, וואָס נאָמבערג שליסט-אָפּ זיין טעטיקייט אַלס בעלעטריסט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ דראַמאַטיש ווערק — די „משפחה".

הערש דוד נאָמבערג וויל אויך צולייגן זיין אָרים שטיקל קויל צו דעם פייער פון דער געמיינזאַמקייט. אין דער „משפחה" וויל נאָמבערג אויפס-כוח פאַרברענגען די בריק צווישן זיך און צווישן זיין שיקזאַל. דאָס שיקזאַל, וואָס האָט אים געמאַטערט און אים נישט „מאָראַליש באַפרידיקט". אין דער גאַנצער אייגנאַרטיקייט, מיט וועלכער נאָמבערג צייכנט זיך אויס אין דער יידישער ליטעראַטור, קאָן ער דאָך אויף גאָרנישט אַרויפלייגן זיין חותם, ער קאָן קיינעם נישט באַפרוכטן, ער קאָן אין זיין אינטעלעקטועלן אינדיווידואַליזם נישט אויסוואַקסן, כדי ווירקלעך צו מאַכן שולע. נאָמבערג איז געזונג וואָך דעמדאָזיקן דעפעקט אין זיך צו באַמערקן און ער איז צו ערלעך אָקעגן זיין אייגן וויסן, אַז ער זאָל דעם אינטעלעקטועלן אינדיווידואַליזם זיינעם סתם וועלן מאַניערירן, אונז שיטן זאַמד אין די אויגן, מיר זאָלן נישט זען דעם אינערלעכן באַנקראָט. דאָס שפּיל אין „איבער-מענטשלעכער" איינזאַמקייט, מיט וועלכן דער אינטעליגענטישער נאָמבערגיזם האָט געוואָלט פאַרדעקן זיין לעבנס-אָרימקייט, האַלט נישט אויס, נאָמבערג זעט עס אַליין. נאָמבערג איז איינער פון די געצײלטע יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן ווירקלעך

אַן אויפּריכטיקע באַציונג צו זייער קונסט. ער וויל נישט זיין זיין אייגענער עפּיגאָן. ה. ד. נאָמבערג איז דער ערשטער, וואָס פּרוּווט זיך אַליין אָפּזאָגן פון פליגעלמאַנען. די „משפחה" איז דער אָפּענער ווידער-רוף פון נאָמבערגס גאַנצן ליטעראַרישן וועג. פליגעלמאַן האָט נאָר איין תיקון: קאָן ער זיין יחידישן שיקזאַל נישט דערשלעפּן, קאָן ער נישט זיין שעפעריש צומאָל פאַר זיך אַליין — דאַן זאָל ער, דערדאָזיקער אינטעליגענטישער אינדיווידואַליסט, זיך שטעלן אין די רייען פון דער געמיינזאַמקייט. דער טראָפּן האָט זיין כוח אינם ים. וואָס איז געמיינזאַמקייט? גלויבן אין לעבן. בלינדער גלויבן. גיין מיטן לעבן, ווהין דאָס לעבן וועט פירן, ווייל דאָס לעבן ווייסט בעסער.

דאָס שיקזאַל פון דער געמיינזאַמקייט, זיין פּאָדים רייסט זיך נישט איבער, ער שפּינט זיך אַריין אין דעם אייביקן. דער קאַמף פון דער געמיינזאַמקייט ווערט קיינמאָל נישט פאַרשפּילט. ערגעץ-ווו וואַרט תמיד דער נצחון.

קיינמאָל ווערט נישט אַנטוישט דער, וואָס האָפט צוזאַמען מיט דער געמיינזאַמקייט.

„מיר שטייען נישט אויף איין אָרט, מיר לעבן אין דער אייביקייט און פלאַנצן זיך אַריין אין דער אייביקייט. און אַלץ לייטערט זיך. פּאַמעלעך, דורך יאָרן און דורות לייטערן מיר זיך. דיין טאַטע, ווען ער האָט דיך געבוירן, איז בעסער געווען, ווי בשעת ער איז געבוירן געוואָרן, דיינע קינדער וועלן בעסער זיין פון דיר, און זייערע קינדער וועלן ווייטער פלאַנצן אונזער משפּחה אויף דער ערד". — —

„אויף גלויבן איז די וועלט געבויט!".

דער אַנטוישטער ציניקער, ה. ד. נאָמבערג, גייט צוריק צו פּרצן, דעם גלויביקן.

אָנשטאָט אין פליגעלמאַנען, אין שוואַרצוואַלדן, אין ראַיאַ-מאַנאַן וויל זיך נאָמבערג איצטער אַבסטראַהירן אַלס גלויביקן אין דער פּערזאָן פון עליאַשן.

צווייט קאַפּיטל.

ה. ד. נאָמבערג האָט אָנגעשריבן די „משפּחה" נישט מיט דער כּוונה צו באַרייכערן זיין ליטעראַריש פאַרמעגן מיט אַ דראַמע. ער האָט אין זיין ווערק איין-און-איינציקע טענדענץ: אָפּזאָגן זיך פון זיין אינטעליגענטישן אינדיווידואַליזם. ווערן איינער צווישן אַלע. זיך אונטערגעבן דער געמיינזאַמקייט. פאַר דערדאָזיקער טענדענץ איז ער מקריב אַפילו דעם ווילן צו מאַכן פון דער „משפּחה" אַ זאַך, וואָס זאָל אויך זיין געלונגען אַלס ליטעראַריש ווערק. אין דערדאָזיקער הינזיכט מוז געזאָגט ווערן: אַלס דראַמאַטישע, בכלל אַלס קינסטלערישע שאַפונג איז די „משפּחה" זייער אַ שוואַכע לייסטונג. מעלאָדראַמאַטיש, ווי יעדעס דראַמאַטישע געשעען, וואָס האָט נישט אין זיך קיין אינערלעכע באַוועגטקייט, קיין אינערלעך לעבן. פול מיט נאַיווע סצענעס. פול מיט אומבאַהאָלפנקייטן. די אַנטוויקלונגען און קאָנפליקטן פון די כאַראַקטערן (אויב מען קאָן אין דער „משפּחה" איבערהויפּט רעדן פון כאַראַקטערן, ביי זייער גאַנצער מכּלומרשטער „אויסגעשפּראָכנקייט" בלייבן דאָרט די כאַראַקטערן בלוט-אָרימע סכעמעס) זענען נישט נאַטירלעך, אויסגעקלערט, צוזאַמענגעקלעבט. צומאָל נישט געשיקט געמאַכט. אין דער דראַמאַטישער אַקציע פון דער „משפּחה" ליגט ווילקיר, געצוויטיקט זיך, איבערגעאיילטע אומגעדולדיקייט. נאָמבערג האָט זיך געקאַרגט צייט אויף צו פאַרטראַכטן וועגן דעם, אַז דער דראַמאַטישער און קינסטלערישער ניוואָ פון דער זאַך זאָל האָבן פּנים: וואָרים נישט דאָס איז נאָמבערג אויסן. וואָס עס גייט נאָמבערגן אין דער עיקר, איז: וואָס שנעלער זיך אַרויסצוזאָגן, פרייַדיקן זיין נייעם גלויבן. ער

שלעפּט דעריבער זיינע העלדן ביי די האָר צו צו דער אַנט־שיידונג. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ס׳רוב פון די העלדן אין דער „משפּחה" דערשיינען פאַר אונז אין אַ שרעקלעכער זעלטישער קויטיקייט, געזעלשאַפטלעך־פאַרסמטע נאַטורן, דעגענעראַטן, און דער אופן פון זייער לעבן איז זייער ענלעך צו יענער גרויסער מענטשלעכער דראַמע אין די „שמוגלערס" פון עוזר וואַרשאַווסקי, פונדעסטוועגן ווירקן זיי אויף אונז נישט טראַגיש, נישט אין זייערע קאָנפליקטן, נישט אין זייער לעבנס־שטייגער (ווי למשל עוזר וואַרשאַווסקיס העלדן), פּשוט: מיר קאָנען מיט די העלדן פון דער „משפּחה" נישט „מיטליידן" ווען מיר פילן אַ פּריאָרי די אידעישע טענדענץ, וואָס וועט זיי אַלעמען רייבוואַשן: דער פאַרעקשנטער ווילן נאָמבערגס צו גלויבן אין דער געמיינזאַמקייט. די געמיינזאַמקייט, וואָס גייט באַרג־אַרויף און רייניקט זיך אין די דורות. אין דער באַלייכטונג פון אָט־אָ דעם נייעם אָפּטימיסטישן וועלט־בליק נאָמבערגס האָבן נישט אין זיך די גדליהס, די סאָניעס, די נחומס, די אַלע גאָטלאָזע פון דערדאָזיקער יידישער „משפּחה" קיין שום ווירקלעך־טראַגישן שורש. קיין וועלט־שולדיקייט. ס׳איז נאָר די פּערזענלעכע שולדיקייט פון איין דור. אין דער קייט פון די דורות — דאָס וועלט־בילד — שפּילט נישט איין איינציקער דור קיין וועזנטלעכע ראָלע. די דורות „גייען ווי אויף אַ באַרג העכער און העכער". נישט דער יחיד, די געמיינזאַמקייט גייט אויפן וועג צו דער אויסגעאיידלטער מענטשהייט. דער יחיד איז דאָס גאָרנישט, דאָס פאַרגענגלעכע, דער טראָפּן אין ים. אויב דער יחיד באָרעט זיך פאַר עפּעס אַ ווערט פאַר זיך און אַנטוישט זיך אין זיין קאַמף, דאַן איז עס נאָר די שולד פון זיין אייגענעם טעות. ער אָריענטירט זיך נישט. קאַמף איז דער ווילן זיך „איינצופלאַנצן אין דעם אייביקן". דער יחידישער קעמפער האָט פאַרבלאָנדזשעט פון דעם פעלד, ווו פאַר דעמדאָזיקן ציל גייט דער קאַמף פון די דורות. אין זיין איינזאַמקייט קעמפט דער יחיד מיט אַ ווינט־מיל. אַנטוישט ער זיך. זייער ריכטיק. אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון דער געמיינזאַמקייט איז יעדער קאַמף אָן אויסזיכט, אַנטוישן אַלע צילן.

צוזאַמען מיט דער געמיינזאַמקייט האָט דער קאַמף צוקונפט.

נאָר אויף דער געמיינזאַמקייט און פאַר דער געמיינזאַמקייט וואַרטן אַלע ליכטיקייטן פונם דאָ-זיין.

כדי שוין אונז צו ווייזן דעם העכערן שטאַפּל פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, די „זיך לייטערנדיקע דורות", גיט נאָמבערג נעבן גדליהס „משפחה" אַ צווייטע, אַן איידעלערע מדרגה פון דער מענטשלעכער „משפחה" — די שניידערקע, די בונדיסטקע דבורה און דעם הויפּטהעלד פון נאָמבערגס אידעאָלאָגיע — עליאָש.

גדליהס „משפחה" האַלט ביים אויסגיין. דער טאָג פון צווייטן דור שיינט-אויף: עליאָשעס גלויבן, דבורהס יום-טוב-דיקייט. „מיר ווערן שטאַרקער און געזונטער גייסטיק און פיזיש. מיר בויען אומעטום לעבנס-צעלן. מיר זענען בעסער ווי אונזערע עלטערן. אונזערע קינדער וועלן בעסער זיין פון אונז". דאָס איז דאָס פייער, ביי וועלכן אַלע נאָמבערגס העלדן ווילן זיך וואַרימען, צוריק זיך אויפלעבן די אָרימע ביינער. ווי די געשפּענסטער קריכן זיי אַלע אַרויס פון זייערע לעכער צו באַקומען דאָ זייער תּיקון. אַלע. פאַר אַלעמען פריידיקט ער, ה. ד. נאָמבערג, זיין נייעם גלויבן אין דער צוקונפט פון דער געמיינזאַמקייט. אונטער די פליגלען פון אָט-אָ דעם גלויבן וויל ער זיי אַלעמען זאַמלען. קיינער טאָר נישט פאַרלוירן-גיין אַרויס פונם מוטערלעכן שויס פון די דורות. וואָרים די פאַרבלאָנדזשעטע, די פאַרשפּילטע, די דעגענערירטע האָבן נאָך אַ וועג צוריק. די געמיינזאַמקייט איז די דערלייזונג, די האָפנונג, די צוקונפט. אין פערטן אַקט פון דער „משפחה" — דער ערגסטער אַלס דראַמאַטישער אַקט, דער בעסטער אָבער דערמיט, וואָס דאָרט וויל נאָמבערג אַראָפּוואַרפן פון זיך (אויף וויפל ס'איז אים מעגלעך אין דעמדאָזיקן נישטגעראָטענעם ווערק) דעם גאַנצן באַלאַסט פון אומזיסטע באַמיענישן צו מאַכן פון זיינע אידעען אַ דראַמע — נאָר ער רעדט פּשוט און אָפן זיך אַראָפּ פון האַרצן. דאָרט גראָד — אינם פערטן אַקט — זאַמלען זיך די „פאַרגיפטעטע עפּעלעך" אויפן בוים פון די דורות: גדליה, סאָניע, נחום, אָט-אָ די אַלע פאַרלוירענע,

אָרום עליאַשן. ער לייטערט זיי אַלע און נעמט זיי אַלעמען
אויף אין דעם „אָרדן פון די גלויביקע״. דאָס איז די
גרויסע מענטשלעכע משפחה, וואָס פלאַנצט זיך
איין אין דער אייביקייט.

דריט קאַפּיטל.

דער עקסטאַטישער, בלינדער גלויבן אין לעבן, מיט וועלכן ה. ד. נאָמבערג וויל אָפּשליסן דאָס בוך פון זיין ליטעראַרישער פיזיאָנאָמיע — גיכער, אייגנטלעך, דאָס בוך פון זיין לעבנס־געשיכטע — דערדאָזיקער „האָפּערדיקער" גלויבן נאָמבערגס, שטאַמט נישט אַרויס פון די ווירקלעכע עלעמענטן פון זיין וועזן. ער וויל זיך אויפּס־כוח באַגייסטערן. וואָרים הערש דוד נאָמבערג ווייסט, אַז נאָר אין דער באַגייסטערונג קאָן ער פאַרגעסן זיין אינערלעכע איינזאַמקייט, פליגעלמאַנען, זיין לעבנס־טראַגעדיע. אויף וויפל דאָס געלינגט אים, איז אַן אַנדערע פראַגע. נאָמבערג באַגייסטערט זיך אויס אינערלעכער נויט. זיין זעעלן־שטימונג — די זעעלן־שטימונג פון דעם עלנטן מענטש, וואָס אינעווייניק אין זיין האַרצן איז אַ יעדער גלויבן אָפּגעשטאָרבן און ער זעט פאַר זיך נישט קיין אַנדערע עצה נאָר גראָד זיך שטעלן אין די רייען פון די גלויביקסטע — דידאָזיקע מענטשלעך־אומעטיקע זעעלן־שטימונג שילדערט נאָמבערג אויף די לעצטע זייטלעך פון דער נאָוועלע „שייקער און שלימזל". שייקער בלייבט אַליין. ער גייט־צו צום שפּיגל, קוקט אויף זיך, אויף דעם אָרימען, איינזאַמען אינטעליגענט, דער מענטש, וואָס גייט סוף־כל־סוף אַוועק פונם שפּיל־טיש פון לעבן מיט ליידיקע קעשענעס און שטעקט אויף זיך אַליין אַרויס די צונג. — וואָס האָט ער אויסגעפירט? אַרום זיין אָפּגעשלאָסענער איינזאַמקייט וואַכט־אויף דאָס לעבן און פאַר אים, שייקערן, איז פאַרבליבן דער האָק אויף דער וואַנט און דאָס שטריקל זיך צו הענגען. ה. ד. נאָמבערג וויל נישט בלייבן דער רעזיגנירנדיקער שייקער. הגם אינעווייניק אין אים לאָקערט

ווי אַ תהום אַ גרויסע מענטשלעכע אָרימקייט, באַמיט ער זיך פונדעסטוועגן מיט אַלע כוחות צו האַלטן אויף די פיס. נאָמבערג וויל זיינע אָרימע אָפּגעקילטע הענט צושטעקן צו די פייערן, וואָס די יידישע געמיינזאַמקייט האָט אָנגעצונדן, כדי זיי זאָלן איר לייכטן צו די וועגן פון אַ צוקונפט. זאָל אים אויך וואַרימער ווערן. ער וויל זיך שטעלן אין דער ריי צווישן אַלעמען, ער וויל מיטגלויבן מיט אַלעמען, ער וויל מיטהאָפן. נאָמבערגס פעדער, וואָס האָט אָנגעשריבן די האָפנונגסלאָזסטע בלעטער פון דעם לעבן און שטרעבן פונם מאָדערנעם יידישן מענטש, פון פליגעלמאַנען — זי גראָד שרייבט־אָן די צוואה פון בלינדסטן גלויבן אין יידישן לעבן, די צוואה פון אייביקן יידישן בטחון — דאָס בוך פון דער „משפחה". נאָך מער: נאָמבערג וואַרפט זיין פעדער צו הילף פאַרן רענעסאַנס־קאַמף פון דער יידישער געמיינזאַמקייט, ער וויל זיך מיטבאַטייליקן אין די טאָג־טעגלעכסטע נויטן פון יידישן לעבן, ער ווערט צייטונגס־מענטש, ער רופט, ער גיט עצות און גרינדעט פאַרטייען. ער פּאָרט, ווי עליאָש „אומעטום, ווו יידן בויען לעבס־צעלן", וואָרים ער וויל זיך אַליין איבערצייגן, צי בליט טאַקע אויף דער בוים פון יידישן לעבן. כדי בלינד צוצומאַכן די אויגן פאַר יעדער האָפנונגס־לאָזיקייט (נאָמבערג וויל זיך האַלטן אין דער דעה, אַז דער אינטעלעקטואַליזם נעמט־צו ביים מענטש די געזונטע לעבנס־פרייד), ווערט דערדאָזיקער ראַפינירטער אינטעליגענט איבער־געטריבן „פאַרליבט" אין דער פּראַסטקייט, וואָס באַווייזט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס „פאָלק" רעדט צו אים אַרויס פון דער פּראָסטקייט און דער טעמפּער חשק צו עקזיסטענץ. ער ווערט דער הייסטער חסיד פון „ווייסענבערגיזם". נאָמבערגן דורשט קרענקלען צום לעבן און ער וויל זיך פאַרגעסן. וואָס פּראָסטער, וואָס מגושמדיקער, וואָס ווייניקער דערהויבענער, וואָס ווינציקער זיך זעלבסט־באַוווסט דאָס לעבן שרייט אין זיינע אויערן, דאָרט וויל ער הערן. אויף די נידריקסטע טרעפּן פון דער וועלט פילט זיך נאָמבערג ווייטער פון זיך זעלבער, פון זיין אינערלעכן תהום, זיכערער פאַר זיין דעמאָן.

אַזוי ווײַל זיך דערדאָזיקער אַנטווישטער און רעזיגנירנדיקער יידישער מענטש, ה. ד. נאָמבערג, האַלטן אין שאָטן פון דער אויפוואַכנדיקער יידישער געמיינזאַמקייט. אָבער אויך דאָ, ווו די יידישע געמיינזאַמקייט איז אַריינגעטרעטן אין דעם קאַמף פאַר דער ווידערגעבורט, האַלט ער זיך דאָרט, ווו די קאַמפּס־ליניעס זענען שוואַכער. ער שטעלט זיך צווישן דער יידישער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע. ער פילט דאָך, ה. ד. נאָמבערג: „איך בין דער פרעמדער, דער „מאָראַליש נישטבאַפרידיקטער“ אינם גרויסן באַנייונגס־קאַמף פון יידישן לעבן. איך בין דער טראַגישער מענטש, דער האָפנונגסלאָזער אינטעליגענט, דער רעזיגנירנדיקער שייקער. איך האָב שוין צו גאָרנישט נישט קיין כּוח, ווײַל איך מיך שטעלן דאָרט, אַוווּ עס איז שטילער, ווו קיינער וועט נישט באַמערקן מײַן עלנטקייט און קיינער וועט נישט פאַרלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל זײַן קאָנסעקווענט. אַזוי ווײַל איך מיך אויך אין קאַמף אויסבאַהאַלטן מיט מײַן טראַגעדיע“. נאָמבערג איז פון די מענטשן־טיפּן, וואָס אַמיינסטן אין דער וועלט האָבן זיי פּחד פאַר זיך אַליין, אַמאומעטיקסטן איז זיי די אינטימיטעט מיט זייער אייגענער פּערזאָן, זיי פּרוּוון זיך נישט בייצושטיין נסיונות, דעריבער, אַפילו דאַן, ווען ער פועלט שוין ביי זיך צו שטעלן זיך צווישן אַלעמען אין דער ריי, מיידט ער — לויט זײַן, אינסטינקט — דאָס אָרט, ווו עס שטייען די העלדן, די וואָס טרעטן נישט אָפּ, די אמתע קעמפער פאַר דעם, אַז עס זאָל זיך לייטערן די יידישע געמיינזאַמקייט. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס. נאָמבערג שטעלט זיך צווישן דעם צוזאַמענגעשלעפּטן „לאַנד־שטורם“, צווישן דער יידישער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע, צווישן די, וואָס זענען תּמיד גרייט צום אַנטלויפן. פאַר דער־דאָזיקער פּחדנות זײַנער באַנוצט זיך אויך ה. ד. נאָמבערג מיט דעם גוט־באַקאַנטען תּירוץ: „די יידישע דורות לייטערן זיך, בכן ווײַל איך ברייטקייט, האָריזאָנט. אינם יידישן סאָציאַליזם און אין יידישן קלאַסן־קאַמף איז מיר צו ענג“. דאָ מאַכט ער דעמזעלביקן טעות ווי יעדער שוואַכער כאַראַקטער, וואָס פאַרמאַסקירט זײַן ווילנלאָזיקייט מיט אויבערפלעכלעכע טיפקייטן,

וואָרים נאָר אין דער טאַט איז פאַראַן די טיר צו אַלע ווייטקייטן. די טאַט איז דער אויפגאַנג צו די צַשרותן פון לעבן. די „האָריזאָנטן" פון דעם „שיינעם וואָרט" נאַרן-אָפּ און די האָפּערדיקסטע פּראַזע פירט צום גאָרנישט. אויב נאָמבערג הערט אין דער אויפוואַכונג פון דער יידישער געמיינזאַמקייט ווי עס לייטערן זיך די דורות, וואָלט ער אינערלעך פאַרמאָגט מער לעבנס-מוט, וואָלט ערווירקלעך געהאַט דאָס טיפערע באַנעמען פאַר דער באַוועגטקייט פון לעבן, דערדאָזיקער ה. ד. נאָמבערג — דאַן וואָלט ער זיך איבערצייגט: דער גלויבן עליאַשעס — ווי ריין ער זאָל נישט זיין, ווי דערהויבן-בודיסטיש ער זאָל אונז נישט קלינגען, — בלייבט ער דאָך, אָט-אָ דער גלויבן, הוילע „ליטעראַטור", אַבסטראַקטע האָפנונגען, אויסגעפוצטע באָדנלאָזיקייט. דערדאָזיקער שיינער גלויבן צערינט, ווי רויך, אין זיינע אייגענע „האָריזאָנטן". וואָס וויל עליאַש? „נילו". „אָרדן פון גלויביקע". דאָס באַפליגלטע וואָרט, וואָס פּטרט פון אַלע קאָנסעקווענצן. נאָר אין דער טאַט ליגן אַלע שיינקייטן, די טאַט איז דער זאָמען, פון וועלכן עס בליט-אויף די הערלעכע בלום פון דעם גלויבן. אַ ל צ ד י נ ג די טאַט. אויפן גרויסן שלאַכט-פעלד פון דער געשיכטע, ווו עס לייטערן זיך אוממיטלבאַר די קלאַסן, ווו היינט-צו-טאָג שטייט אין לייטערונגס-קאַמף דער אַרבעטער-קלאַס, דאָ ווערט דאָס האָפנונגספולע וואָרט פון דער צוקונפט — פלייש. אינם שווערן אוממיטלבאַרן לייטערונגס-קאַמף פון די קלאַסן ווערט געבוירן דער איידעלערער מאָרגן פאַר די דורות.

נאָר אַזוי נאָענט צו דער ליניע פון די גלויביקע וואַגט זיך נאָמבערג נישט צוצוגיין. פּאָרט איז ער דער „מאָראַליש בישטבאַפרידיקטער", דער האָפנונגסלאָזער יידישער אינטעליגענט, דער אָדלער אָן פליגלען. ער קאָן מיטגלויבן, מיטהאָפן, אָבער ער קאָן נישט גלויבן, האָפן. דעריבער פילט ער זיך זיכערער פונדערווייטנס. ער קוקט זיך צו... שפּעטער, עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט, מאַכט ער ווידער דעם חשבון-הנפש מיט זיך, און ער וויל נאָכאַמאָל נאָכזען, ווו זיי זענען, זיינע פליגעלמאַנס. דאָס שיקזאַל פון דער וועלט האָט זיך סוף-כל-סוף פון זיי אָפּגעוואָנדן

און זיי וואַלגערן זיך ווי איינגעטריקנטע בלעטער איבער אַלע שטעט. אין בערלין, אין פּאַריז, אין אַלע קאַפעס, אין די נאַכט־לאָקאַלן, אין די אַטעליען פון קינסטלער. דאָרט דרייען זיי זיך ציללאָז אַרום, אָט יענע אימפּאָטענטע „אָריגינאַלן". די פליגעלמאַנס. מתים. זייער „פילאָזאָפיע" קלינגט ווי טויטן־שפּאָט אין אַלעמענס אויערן. ער רופט זיי, ה. ד. נאָמבערג: „קומט צוריק, איר פאַרסמטע עפּעלעך, פאַרוואָס האָט דער ווינט אייך פאַרווייעט פון אונזער בוים? פאַרוואָס האָט איר נישט געגלויבט? זעט, אונזער בוים וואַקסט. דאָס אָרימע לעבן איז לעגענדע. מערכען. ס'איז אונזער חודש מאַי. פון אַלע קוואַלן שטייגט־אויף דאָס אָרימע לעבן, ווי אַ נימפע. איר קול פאַרלאָקט, איז וויל־קלינגענדיק:

„ — זאַ — לי — גאַ — בו!"

„ — זאַ — לי — גאַ — בו!"

„קום געליבטער, מיין קערפּער איז צעבליט און ער וואַרט אויף דיר אַזוי לאַנג. הער, ווי דאָס בלוט פּולסירט אונטער מיין הויט. גליענדיק איז מיין אויג און איך גיי־אויס פאַר ליבע, רוף דיך אָן, געליבטער! מיין נאָמען איז חוה!"

דאָס לעבן.

שטיל ענטפערט דער קראַנקער פליגעלמאַן:

— דער דאָקטאָר האָט מיר געראַטן מעסיקייט. וואַרט־צו. דאָס פיבער וועט דורך, איך וועל צוריקקריגן מיינע כוחות". —

ער איז אָבער פאַרבליבן אַ טויטער, שטאַרער גוף אין די מאַי־אָוונטן, ווען די קאַרשן בליען ווייס.

א י נ ה א ל ט

ז.

פליגעלמאַן ..... 5.
ערשט קאַפּיטל ..... 7.
צווייט „ ..... 17.
דריט „ ..... 37.
פירט „ ..... 47.
פינפט „ ..... 63.

דאָס מערכען ..... 75.
ערשט קאַפּיטל 77
צווייט „ ..... 85.
דריט „ ..... 97.
פירט „ ..... 113.
פינפט „ ..... 119.
זעקסט „ ..... 127.
זיבעטעס „ ..... 133.
אַכט „ ..... 153.

געמיינזאַמקייט ..... 161.
ערשט קאַפּיטל ..... 163.
צווייט „ ..... 169.
דריט „ ..... 175.

אינגיכן דערשיינט אין פארלאג „קולטור-ליגע"

י. י. טרונק

„יאָסעפוס פלאוויוס פון ירושלים און אנדערע היסטאָרישע נאָוועלן".

אינהאַלט:

1) דער פעלדהער יאָסעפוס פלאוויוס פון ירושלים.
2) סימפאָזיאָן.
3) אַבערגלויבן.
4) גילגאַמעש.
5) דער בריוו צו נאָוואַטוסן.

ווערק פון י. י. טרונק:

פון דער נאַטור. נאָוועלן.
פייגנבוימער און אַנדערע דערציילונגען.
די וועלט אַ חלום. עסייס.
„דאָריאַן גריי“. אָפּהאַנדלונג וועגן קונסט און ווירקלעכקייט.
מידע. נאָוועלן.
אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט אַ פאָרוואָרט פון מ. וואַנווילד.